STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10259

# FILOSOFISHE UN IDEOLOGISHE STIRES

Ch. Szoton

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# פילאָסאָפישע און אידעאָלאָגישע סתירות

ד״ר ח. שאָטאָן

# פילאָסאָפישע
## און
# אידעאָלאָגישע
# סתירות

•

פאַרלאַג „דוד עדעלשטאַט״

בוענאָס־איַרעס

1959

דאָס בוך איז אויפגעזעצט לויט די כללים פון די
ייִוואָ־אויסלייג־תקנות

**Printed in Argentina**
**Impreso en la Argentina**

**Dr. CH. SZOTON:**
**CONTRADICCIONES FILOSOFICAS E IDEOLOGICAS**

**EDITORIAL "DAVID EDELSTADT"**
**Buenos Aires - 1959**

# אינהאַלט:


| | זייט |
|---|---|
| אַ וואָרט פאָרויס, פון אַ. י. זאַקוסקי | 7 |
| **פילאָסאָפישע און אידעאָלאָגישע סתירות** | |
| קאַפּ׳ 1. דאָס באַדערפעניש פון אַן אידעאָלאָגיע | 13 |
| „ 2. דער קוואַל פון ראַציאָנעלע סתירות | 19 |
| „ 3. די לאָגיק ווי אַ מעטאָד פאַרן פּראַקטישן וויסן | 27 |
| „ 4. די היסטאָריע ווי אַ קוואַל פון אידעאָלאָגישע סתירות | 33 |
| „ 5. די סתירות פון מאַרקסיזם | 41 |
| „ 6. די אויסגעהאַלטנקייט פון אידעאָלאָגיעס | 61 |
| „ 7. אידעאָלאָגישע טראַנספאָרמאַציעס און איבערקערענישן | 75 |
| „ 8. דער סאָציאַלער יושר | 85 |
| „ 9. דער כאַראַקטער פון מאַסן־אידעאָלאָגיעס | 95 |
| „ 10. אינטערעסן און אידעען | 103 |
| „ 11. דער וועג צום אויסגלייך | 115 |
| **צוגאָב:** | |
| מײַן לעבנסלויף | 133 |

„מײַן אָפּהאַנדלונג שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ קריטיק פֿון ,פּאַלעאָאי־דעאָלאָגיעס׳. פּונקט ווי דער פּאַלעאָאָנטאָלאָג שטעלט פֿעסט דעם אונטערגאַנג פֿון מינים חיות אין די געאָלאָגישע אויסגראָבונגען, אַזוי פּרוּוו איך אויפֿצווײַזן, אַז די פֿאַרשיידענע נאָך עקסיסטירנדיקע אידעאָלאָגיעס האַלטן מער נישט אויס די קריטיק פֿון דער וויסנשאַפֿט און אַנטשפּרעכן נישט אונדזער ווונטש, אַז עס זאָל נישט קומען צו אַ נײַעם וועלטקריג. איך האָף, אַז מײַן פּרוּוו וועט ווי נישט ווי דינען צו אויפֿקלערונג״.

אַזוי דעפֿינירט אין אַ בריוו צו אונדז ד״ר חננאל שאָטאָן דעם ציל און די כוונה וואָס ער האָט געהאַט מיטן שרײַבן זײַן חיבור פֿילאָסאָפֿישע און אידעאָלאָגישע סתירות, וואָס מיר טראָגן דאָ צו דעם לייענער. צי זײַן פּרוּוו האָט זיך אים אײַנגעגעבן און צי דער אָנשטרענג איז נישט געווען קיין לאַיבודיקער — דאָס וועט זיך דער לייענער שוין אַליין מוזן מטריח זײַן אויסצוגעפֿינען, אויב ער וויל מישפּטן און קוים עס אינטערעסירן אים אַקטועלע, צאַפּלדיקע פּראָבלעמען פֿון אַ פּערמאַנענטן ווערט. מיר ווילן אים דאָ גאָרנישט אײַנשפּאָרן און אַפֿילו מיט דעם מינדסטן נישט מרמז זײַן צו מאָל אויפֿן אינהאַלט. זאָל ער אַליין זיך איבערצײַגן אין דעם. דאָס יאָ: מיר רעקאָמענדירן אים דאָס בוך אָן אָפּהאַלט און קענען בלויז זאָגן, אַז עס וועט זײַן כדאַי. מיר ווילן, אַז ער אַליין זאָל האָבן פֿאַרגעניגן און שפּירן דעם געגוס, פּונקט ווי מיר האָבן דערפֿון הנאה געהאַט. דער לייענער וועט דאָ אַוודאי געווינען אַ סך: אי ער וועט האָבן אין און אַרום וואָס זיך צו פֿאַרטראַכטן, אי אָן אַ שיִער פּראָבלעמען וועלן אים ווערן קלאָר. מיר זאָגן עס מיט זיכערקייט, כאָטש (און טאַקע דערפֿאַר, ווײַל) עס איז פֿאַראַן אַן אונטערשייד אין די תנאים: אונדז איז אויסגעקומען צו לייענען דעם מחברס אייגנהאַנטיקן כתב־יד, וואָס איז געשריבן — יעדער אות איז אַן עדות דערויף — מיט אַ כסדר שטאַרק ציטערנדיקער האַנט. ס׳איז דעריבער גרינג זיך משער צו זײַן, אַז די אומדײַטלעכע ראַרע פֿיגורן, וואָס מען דאַרף זיך אָפֿט אָנשטויסן,

אַז דאָס זײַנען די און די אותיות, האָבן אַ רעכט ביסל געשטערט און פאַרשווערט די לעקטור. פון דעסט וועגן, נישט געקוקט אויף דער דאָזיקער באַדײַטיקער מניעה, האָבן מיר נישט געוואָלט פון אים זיך אָפּרײַסן ביז מיר זײַנען נישט געקומען צו אַ ברעג.

מיר קענען דאָ אויך אָן וואַקלעניש בלויז קאָנסטאַטירן, אַז פילאָסאָפישע און אידעאָלאָגישע סתירות איז אַ דרײַסטער פרווו איבערצישאַצן לאַנג פאַרפונדעוועטע ווערטן. עס איז געשריבן פון אַ מענטשן מיט אַ קלאָרן קאָפּ און מיט אַ סך וויסן. דער מחבר דאָמינירט די טעמע פולשטענדיק. מען איז נישט געוווינט אין יידיש צו אָפט זיך אָנצוטרעפן אויף אַרבעטן פון דעם אָ מין, און זעלטן אַז די ענינים, וואָס ווערן דאָ באַרירט, די געדאַנקען, וואָס ווערן דאָ אַרויסגעזאָגט איבער אַזעלכע קאָמפּליצירטע און ברייטפאַרנעמיקע פּראָבלעמען, אידעען און קאָנצעפּטן, ווי די וואָס ער באַהאַנדלט, זאָלן ווערן עקספּאָנירט אַזוי פשוט, גרינטלעך און דורכזיכטיק; אַז די הסברה זאָל זײַן אַזאַ לויטערע, אַזוי דירעקט און פּרעציז און די כוונה זאָל זײַן אַרויסגעבראַכט אַזוי לײַכט און נאַטירלעך, ווי געקומען פון זיך אַליין. דאָס אייגענע קען מען אויך זאָגן וואָס שײַך די אויספירן, צו וועלכע ער קומט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס מיינט נישט, אַז מיר זײַנען מסכים מיט אַלץ, וואָס דער מחבר ברענגט אַרויס און אַז מיר נעמען אָן אַלע זײַנע מסקנות. נאָר אַלע זײַנע גוטע ווונטשן — זיי זײַנען אויך אונדזערע.

●

דער פאַרלאַג האָט געוואָלט, בײַ דער געלעגנהייט פון אַרויסגעבן די דאָזיקע שריפט, אויך באַקענען דעם לייענער מיט עטלעכע ביאָגראַפישע דאַטעס פון איר אויטאָר, וואָס איז שוין איצט אַ זקן, און אָנוואַרפן עטלעכע שטריכן פאַר אַ כאַראַקטעריסטיק. איז אויסן געווען צו געבן, אויף וויפל דאָס איז מיגלעך, כאָטש עטוואָס אַן אַרײַנבליק אין זײַן לעבן און אַקטיוויטעט. האָט מען זיך דעריבער געווענדט צו ד״ר שאָטאָנען, ער זאָל זײַן אַזוי געפעליק אונדז אָנגעבן אַ ביסל ידיעות וועגן זיך, מיר זאָלן זיך האָבן אויף וואָס צו שטיצן. זײַנע צוגעשיקטע שורות, ווי אַן ענטפער, זײַנען געווען אַזוי סכעמאַטיש און די ווערטער אַזוי ווייניק און קאַרג, אַז מער ווי וועגן עניוות און באַשיידנקייט האָבן זיי נישט דערציילט.

אַט איז עס:

„געבוירן בין איך אין בלאַשקי, לעבן קאַליש. מײַן פֿאָטער, אַ מלמד, האָט זיך אַריבערגעטראָגן קיין קאַליש. דאָ האָב איך דורכגעמאַכט בית־מדרש, השכלה, ציוניזם. קעגן 1902 בין איך געפֿאָרן קיין בערלין, האָב געלערנט די דײַטשע שפּראַך און זיך צוגעגרייט פֿאַר העכערער בילדונג. אין די יאָרן 1907—1911 האָב איך שטודירט כעמיע אויף דער גענפֿער (זשענעווער) אוניווערסיטעט און געענדיקט מיטן ראַנג Dr. en Sciences [ד״ר אין וויסנשאַפֿטן]. 1912—1920 האָב איך אין ציריך געאַרבעט בײַ יענעם ווי אַ כעמיקער. איך האָב זיך דאָרט באַפֿרײַנדט מיט רוסישע פּליטים, וואָס זײַנען אין 1917 אַוועק זיך באַטייליקן אין דער רעוואָלוציע און איך האָב זיך דעמאָלט אָנגעשלאָסן אין ברופֿבאַכער־קלוב. דער קריזיס האָט מיך געמאַכט אַרבעטסלאָז. אַ יאָר, 1921/22, האָב איך זיך אויפֿגעהאַלטן אין קאַליש. דערנאָך בין איך געפֿאָרן קיין פּאַריז. ביז קריגסאויסבראָך האָב איך געלעבט פֿון געבן לעקציעס. לעבן פּאַריז וווינט מײַן שוועסטער. אַזוי ווי מײַן שוואָגער האָט זיך נישט דערקלערט פֿאַר אַ ייִד, האָב איך זיך געקענט בײַ זיי אויסבאַהאַלטן במשך 20 חדשים, ביז דער באַפֿרײַונג. — אין ציריך האָב איך ליטעראַריש מיטגעאַרבעט אין „דער שווײַצער פֿרײַדענקער" און אין פּאַריז פֿאַרן קריג אין Idée Libre. 1921/1922 האָב איך, ווי אַן אַנאַרכיסט, געהאַלטן רעפֿעראַטן אין די קאַלישער ייִדישע פּאַרטיי־קלובן און אין יאָר 1938 — אין דער ייִדישער אַנאַרכיסטישער גרופּע אין פּאַריז".

דאָס אַלץ. פֿאַר אונדז אָבער זײַנען די געציילטע שורות געווען שוין צו ווייניק אויף וואָס זיך סומך צו זײַן פֿאַר עפּעס ברייטערס. אויף אונדזער בפֿירושן און צודרינגלעכן פֿאַרלאַנג האָט שאָטאַן ענדלעך צוגעשיקט דאָס, וואָס ער באַטיטלט מײַן לעבנסלויף און וואָס מיר ברענגען עס ווי אַ צוגאָב סוף בוך. דער מחבר מיינט, אַז דאָס „איז נישט בלויז הויט און ביינער, נאָר אויך פֿלייש און מאַרך". אין דער אמתן זײַנען אויך די דאָזיקע, כאָטש עטוואָס פּרטימדיקערע, אויטאָביאָגראַפֿישע אָנוואַרפֿן נישט מער ווי אַ צימצומדיקע סכעמע, הוילע ראָשי־פּרקים. זיי לאָזן אונדז אָבער געבן אַן אַרײַנבליק אינעם מענטשן, אין זײַן פֿורעמונג און פֿאָרמירונג און אין זײַן אינטערעסן־וועלט. ריכטיקער: אין דער וועלט פֿון זײַנע פֿאַראינטערעסירונגען. זיי העלפֿן דעריבער פֿאַר אונדז

בולט מאַכן די קאָנטורן פון דער פּערזענלעכקייט, דעם נײַגעריקן, זוכנ־דיקן און גריבלערישן גײַסט ד״ר ח. שאָטאָן.

איצט, בײַם אַרויסלאָזן דעם חיבור צו דער ליכטיקער שײַן, בלײַבט אונדז בלויז איבער צו ווינטשן זיך, אַז עס זאָל מקוים ווערן כאָטש אַ מינימאַלער טייל פון די אַלע גוטע כוונות, וואָס דער אויטאָר האָט גע־האַט אין זינען בעתן אַרבעטן אויף אים, און אַז עס זאָל נישט אַוועק אָן אַ השפּעה אויף דעם לייענער דאָס אַלץ וואָס ער באַצוועקט. מחמת דעם טאַקע מאַכן מיר אויך פאַר אונדזערע דעם מחברס באַגער און בטחון, צו וועלכע ער האָט אונדז סײַ ווי געמאַכט פאַר שותּפים ווען ער האָט זיך צו אונדז געווענדט מיט די ווײַטערדיקע ווערטער:

„לאָמיר האָפן, — שרײַבט ער צו אונדז בלשון רבים — אַז אונ־דזער אַרבעט וועט אָנרעגן צום נאָכדענקען און וועט בײַטראָגן צו מער טאָלעראַנץ צווישן מענטשן“.

הלוואַי!

**א. י. זאַקוסקי**

בוענאָס־איירעס, אַפּריל, 1959.

# פילאָסאָפישע און אידעאָלאָגישע סתירות

קאַפּיטל איינס

## דאָס באַדערפעניש פון אַן אידעאָלאָגיע

מען דאַרף מאַכן אַן אונטערשייד צווישן „וועלט־אַנשויונג" און „אידעאָלאָגיע". אונטער „וועלט־אַנשויונג" פאַרשטייט מען די מיינונג, וואָס מען האָט וועגן דער וועלט און דעם לעבן בכלל, דהיינו: צי האָט דער קאָסמאָס געהאַט אַן אָנהייב, און אויב יאָ — וואָס איז דער מהות פון זיין שעפער; ווי אַזוי זיינען אויפגעקומען די לעבעדיקע באַשעפענישן; וואָס פאַר אַ פּאָזיציע פאַרנעמט צווישן זיי דער מענטש; צי האָט ער אַן אומשטערבלעכע נשמה; אין וואָס פאַר אַ פאַרהעלטעניש שטייט די מאַטעריע צום גייסט אָדער דער קערפּער צו דער נשמה; פון וואַנען נעמען זיך די געזעצן, וואָס הערשן אין דער נאַטור און צי זיינען דעם מענטשנס אַקטן אַבסאָלוט דעטערמינירט, ווייל „עס געשעט גאָרנישט אָן אַ סיבה", אָדער צי האָט דער מענטש אַ „פרייען ווילן". רעדט מען אָבער וועגן אידעאָלאָגיעס, וויל מען באַזונדערש באַטאָנען די מיינונגען פון פּאָליטישן, סאָציאַלן און מאָראַלישן אינהאַלט, דהיינו: אידעען, וואָס רעגולירן די באַציִונגען צווישן מענטש און מענטש.

אָפט ווערן אוטאָפּיסטן אויסגעלאַכט ווי „אידעאָלאָגן", ד"ה ווי מענטשן אָן אַ חוש פאַר פּראַקטישקייט. דער ערשטער אַזאַ אָפּלאַכער איז געווען נאַפּאָלעאָן דער ערשטער, וואָס האָט די רעוואָלוציאָנערע אידעאָלאָגיעס אַנטקעגנגעשטעלט זיין „פּראַקטישע" קריגסמאַשין. נאַפּאָלעאָן האָט אָבער געהאַט זיינע אַן אייגענע אידעאָלאָגיע. אויב ער איז נישט געווען קיין אוטאָפּיסט, איז ער אָבער געווען אַן אָבערגלייביקער און האָט געגלייבט אין זיין „שטערן", אין זיין „מזל" אָדער „השגחה". מיר פאַר־

שטייען אונטער „אידעאָלאָגיע״ אַ סיסטעם פון פּרינציפּן, אידעען און באַגריפן, וואָס דינט דעם יחיד זיך צו אָריענטירן אין דער וועלט, אין דער געזעלשאַפט און אין זײַן פּריוואַט־לעבן. בממילא האָבן אויך די פּרי־מיטיוויסטע מענטשן געהאַט זייערע אידעאָלאָגיעס, ווי, אַ שטייגער, פּאַר־שטעלונגען וועגן גײַסטער, וועגן טאַבו, וועגן רעגלאַמענטירטער חתונה, וועגן קאַסטעס, היעראַרכיע אד״גל.

יעדע אידעאָלאָגיע איז אין זיך שוין כולל אַ וועלט־אַנשויונג, ד״ה אַ סיסטעם פון אידעען וועגן דער וועלט ווי אַ גאַנצקייט. למשל, דער גלויבן אין דער געטלעכער השגחה אָדער אין דער נאַטירלעכער געזעץ־מעסיקייט. אָבער זי מאַכט זיך ערשט אַקטועל דורך פּאָליטיש־סאָציאַלע און מאָראַלישע אויפפאַסונגען, ווי אַ שטייגער: וואָס פאַר אַ סאָציאַלע אָרדענונג איז פאַר דעם מענטשן די געראַכטסטע און די בעסטע. און דערפאַר ווײַל יעדער מענטש האָט אין יעדן אויגנבליק אַ נייטיקייט צו פירן אַ קאַמף אי מיט דער נאַטור אי מיט דער געזעלשאַפט, האָט יעדער מענטש אויך אַזאַ באַדערפעניש אין אַן אידעאָלאָגיע, גלײַך ווי ער האָט אַ נייטיקייט צו אָטעמען. אָבער פּונקט ווי דאָס אָטעמען געשעט אָפט אומבאַוווּסט, אַזוי מאַכט זיך אָפט, אַז די מײנסטע מענטשן האָבן נישט קיין שום באַגריף וועגן זייערע אידעען און זעען נישט דערפון דעם סיס־טעם אָדער די אידעאָלאָגיע. זיי ירשענען זי פון זייערע עלטערן און פון זייער סביבה ווי אַ תורה שבעל־פה אָדער תורה שבכתב. און כאָטש די דאָזיקע תורה שטאַמט פון תרחס צײַטן און איז כולל אין זיך סתירות מיטן לעבן, האָט זי אָבער די מעלה וואָס זי פאַרשפּאָרט דעם שכל צו אַרבעטן. ווען די סתירות מיטן לעבן זײַנען שוין צו גרויס, ווערט אין איר געמאַכט אַן אָפּעראַציע, עס ווערט אַרויפגעלייגט אַ לאַטע. אויך די קאָנ־סערוואַטיווסטע רעליגיעס זײַנען שוין הײַנט מער נישט דאָס, וואָס זיי זײַנען געווען אין זייער שורש, ווײַל אין יעדן דור ווערן זיי געלאַטעוועט.

אָבער שוין אינעם אַלטן גריכנלאַנד זײַנען אויפגעשטאַנען פילאָ־סאָפן, ווי פּיטאַגאָרעס, פּלאַטאָן, עפּיקור און אַנדערע, וואָס האָבן נישט געפונען קיין באַפרידיקונג אין דער רעליגיעזער טראַדיציע, נאָר האָבן פאָרמולירט אייגענע ראַציאָנעלע אידעאָלאָגיעס.

דער רענעסאַנס ברענגט מיט זיך אַ רעוואָלוציע אינעם מענטשלעכן

דענקען נישט בלויז בנוגע קונסט און וויסנשאַפֿט, נאָר אויך אויפֿן פּאָליטיש־סאָציאַלן געביט און גיט דעם אָנשטויס צו די ראַציאָנעלע אידעאָלאָגיעס פֿון דער מאָדערנער צײַט. עס טרעטן אויף צוויי פּערזענלעכקייטן: מאַקיאַוועלי (1469—1527), דער טעאָרעטיקער פֿון דעם אַזוי גערופֿענעם „מאַקיאַוועליזם‟, און לאַ באָעסי (1530—1563), וואָס קען באַטראַכט ווערן ווי דער פֿאָטער פֿון אַנאַרכיזם. בשעת מאַקיאַוועלי פֿאַרטיידיקט דעם הערשונגס־פּרינציפּ און ווײַזט אָן אין זײַן ווערק „דער פּרינץ‟ אויף די פֿאַרברעכערישסטע מיטלען, וואָס דאַרפֿן אָנגעווענדט ווערן, כּדי דערפֿאָלגרײַך צו הערשן, שטעלט לאַ באָסעי דעם יושר ווי דעם העכסטן פּרינציפּ און אין זײַן שריפֿט „די פֿרײַוויליקע שקלאַפֿערײַ‟ *) ווײַזט ער דעם וועג ווי אַזוי זיך צו באַפֿרײַען פֿון יעדער הערשאַפֿט און פֿירט אויס, אַז ווי באַלד די שקלאַפֿן וועלן נישט אונטערשטיצן דעם טיראַן, וועט ער שוין פֿון זיך אַליין פֿאַלן. אָבער ביידע, אי מאַקיאַוועלי אי לאַ באָעסי, האָבן איבערגעריסן מיט דער מיטל־עלטערישער דאָגמע, אַז „יעדע הערשאַפֿט קומט פֿון גאָט‟. מען דאַרף אויך דערמאָנען טאָמאַס מאָרוס (1480—1535), דעם מחבר פֿון „אוטאָפּיאַ‟, פֿון וואָס עס שטאַמט דאָס וואָרט „אוטאָפּיסטיש‟, און קאַמפּאַנעלאַ (1568—1639), דעם מחבר פֿון „זונענשטאָט‟, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע אויף אַ קאָמוניסטישן יסוד. נאָך דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע און מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דער גרויס־אינדוסטריע, קומען אויף כּסדר נײַע ראַציאָנעלע אידעאָלאָגיעס, וואָס טראָגן אַ סאָציאַליסטישן כאַראַקטער און דרינגען אַרײַן אין גרויסע טיילן פֿון פֿאָלק. סען־סימאָן (1760—1825) איז געווען גרינדער פֿון דער שיטה: „יעדערן לויט זײַן פֿעיִקייט און יעדער פֿעיִקייט לויט איר לײַסטונג‟. שאַרל פֿוריע (1772—1837) שלאָגט פֿאָר סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס ענלעך צו די בינשטאָקן, די אַזוי גערופֿענע „פֿאַלאַנסטערן‟. פּרודאָן (1809—1865) איז דער פֿאָטער פֿון אַנאַרכיזם.

*) באַמערקונג פֿון די אַרויסגעבערס: פֿון דאָזיקן באַרימטן קלאַסישן ווערק איז דאָ אַן אויסגאַבע אין ייִדיש אין ד״ר ח. שאָטאַנס איבערזעצונג. — עטיען דע לאַ באָעסי: פֿרייוויליקע שקלאַפֿעריי. איבערזעצט פֿון פֿראַנצויזישן אָריגינאַל [און אַ ביאָגראַפֿישע איינלייטונג] פֿון ד״ר ח. שאָטאַן; מיט אַ נאָכוואָרט וועגן עטיען דע לאַ באָעסי, זיין צייט, סביבה און ווירקונג — פֿון ד״ר הערמאַן פֿראַנק. פֿאַרלאַג „פֿרייער געדאַנק‟, פּאַריז—תּל־אביב, 1951; 79 זז׳.

ד״ר ח. שאָסאָן

און מאַרקס׳ (1817—1883) שיטה איז איצט געשפּאָלטן אין צוויי זיך באַקעמפנדיקע אידעאָלאָגיעס: די דעמאָקראַטישע („סאָציאַליזם״) און די דיקטאַטאָרישע („קאָמוניזם״).

גלײַכצײַטיק מיט די סאָציאַלע רעוואָלוציעס, און אָפט פאַרפלאָכטן מיט זיי, שפּילן זיך אָפּ די קאַמפן פאַר נאַציאָנאַלער באַפרײַונג. אַזוי ווערט איטאַליע אַ זעלבשטענדיקע מלוכה אַדאַנק דער העלדישקייט פון גאַרי־באַלדי (1807—1882). דײַטשלאַנד ווערט פאַראייניקט אונטער ביסמאַרק. גריכנלאַנד און צום סוף אַלע באַלקאַנישע לענדער באַפרײַען זיך פונעם טערקישן יאָך. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה צעפאַלט די עסטרײַ־כישע אימפּעריע אין זעלבשטענדיקע נאַציעס. און אין 1948 קומט אויף, מיט אַ סאָציאַליסטישער צומישונג, די נאַציאָנאַל־ייִדישע מלוכה. דער דאָ־זיקער קאַמף גייט אָן ווײַטער און נעמט איצט אַרום אַלע קאָלאָניאַל־פעלקער. ווי אַ פועל־יוצא פון די דאָזיקע קאַמפן האָט זיך אין יעדן פאָלק זייער פאַרשטאַרקט דער נאַציאָנאַליזם, האָט דערפירט ביז צו אימפּעריאַ־ליזם און אין דײַטשלאַנד איז עס דערגאַנגען צו דעם מערדערישן ראַ־סיזם. יעדע נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע שטעלט זיך ווי אַן אַנטיפּאָד צו די אַנדערע נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיעס און נישט זעלטן האַלט זי זיך פאַרן „אייבערשטן פון שטייסל״.

להיפוך צו די טראַדיציאָנעל־רעליגיעזע אידעאָלאָגיעס, וואָס זײַנען ווי פאַרגליווערט און האָבן זייער מיטאָס אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווי למשל דער מיטאָס וועגן אָדם וחוה וואָס זײַנען געוואָרן פאַרטריבן פון גן־עדן, ציכענען זיך אויס די מאָדערנע אידעאָלאָגיעס מיט זייער באַ־וועגלעכקייט. זייער טענדענץ איז דעם „גן־עדן״ אַליין ערשט צו פאַר־ווירקלעכן. פאַר אונדזער שטודיע קומען אין באַטראַכט אָט די אידעאָ־לאָגיעס אין זייער אויפקום־ריינקייט, כאַראַקטעריזירט דורך באַשטימטע טענדענצן. פאַקטיש הערשט בײַ ס׳רוב מענטשן אַ געמיש פון אידעאָ־לאָגיעס. איינער קען זיך האַלטן פאַר אַ מאַרקסיסט און דערבײַ אָפּהיטן געוויסע טראַדיציעס און האָבן נאַציאָנאַליסטישע געפילן. מען קען זאָגן, אַז יעדער יחיד האָט זײַן ספּעציפישע אידעאָלאָגיע.

בכלל האָט יעדער מענטש וועגן זיך די בעסטע מיינונג און האַלט זיך אי פאַר גערעכט אי פאַר שכלדיק. מילא, יעדער איינער, וואָס איז

שוין אַרויס פון ספק־סטאַדיע און האָט זיך שוין איינגעפעסטיקט אין אַן אידעאָלאָגיע, האַלט די דאָזיקע אידעאָלאָגיע פאַר דער אמתדיקער, להיפוך צו אַלע אַנדערע אידעאָלאָגיעס. דאָס איז אַ סתירה מיט אונדזער באַגריף פון „אמת״. מיר פאַרשטייען דערונטער מיינונגען, וואָס אַלע מענטשן מוזן אָנערקענען און טאַקע דערפאַר וויל יעדער איבערצייגן דעם אַנדערן אין זיין „אמת״.

לאָמיר נעמען פאַר אַ ביישפּיל אַזעלכע ראַציאָנעלע אידעאָלאָגיעס ווי דאָס זיינען דער אַנאַרכיזם און דער מאַרקסיזם. פאַר דעם אַנאַרכיסט ווערט די געזעלשאַפט באַשטימט פון דעם יחיד; פאַר דעם מאַרקסיסט איז דער יחיד בלויז אַ נישטיקער פּראָדוקט אירער. פאַר דעם אַנאַרכיסט איז דער פרייער ווילן, אָדער דער גייסט, די טרייבקראַפט פון יעדן מענטשן; פאַר דעם מאַרקסיסט איז דאָס די בויטוועגדיקייט פון עקאָנאָמישער פּראָדוקציע. און כאָטש ביידע, סיי דער אַנאַרכיסט און סיי דער מאַרקסיסט, וואַרפן אָפּ די רעליגיעזע טראַדיציע, האַלטן זיך פאַר אינטערנאַציאָנאַליסטן און האָבן אַ גלייכע טענדענץ צו פאַרווירקלעכן אַ גליקלעכערע מענטשהייט, פון דעסט וועגן ווייזן זיך זייערע אידעאָלאָגיעס אַנטיפּאָדיש ווי פייער מיט וואַסער. עס ווערן אָפּגעהאַלטן רעפעראַטן, עס ווערן אַרויסגעגעבן צייטשריפטן און פאַרפאַסט ביכער, כדי אויפצוקלערן דעם עולם וועגן דעם אמת. צווישן עולם זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן אַ שטאַרק באַדערפעניש אין אַ נייער שכלדיקער אידעאָלאָגיע. זיי פאַרזוימען נישט קיין רעפעראַט נישט פון די אַנאַרכיסטן און נישט פון די מאַרקסיסטן. זיי לייענען אויך אַלץ וואָס עס דערשיינט וועגן דער דאָזיקער פראַגע. צום סוף בלייבן זיי שטיין ווי בורידאַנס אייזל צווישן צוויי בינטלעך היי. עס איז טאַקע אמת, זאָגן זיי, אַז דער יחיד איז אַלץ, ווייל ער איז דער לעבנס־טרעגער, עס איז אָבער אויך אמת, אַז דער יחיד אַליין קען מיט זיך גאָרנישט אָנהייבן צו טאָן. עס איז טאַקע אמת, אַז דער גייסט שאַפט די עקאָנאָמיע; ס'איז אָבער אויך אמת, אַז „אם אין קמח אין תורה״. וואָלטן די זוכער פון אַ נייער אידעאָלאָגיע נישט געפונען די רעליגיעזע טראַדיציע אין סתירה מיט זייער שכל, וואָלטן זיי זיך אין איר פעסט אָנגעהאַלטן. זיי זוכן אָבער דערפאַר, ווייל זייער שכל פאַרטראָגט נישט קיין שום סתירות. בלייבן זיי שטיין פאַר נייע

סתירות, פאַר אמתן, וואָס זײַנען נישט קיין אמתן, פאַר האַלבע אמתן. עס זײַנען, במילא, פאַראַן אמתן, וואָס אַלע מענטשן מוזן אָנערקענען, אָדער גאַנצע אמתן. און עס זײַנען פאַראַן אמתן, וואָס דער היפּוך זייערער איז אויך אמת, אָדער האַלבע אמתן. אַזוי גלייבן ביידע, סײַ דער אַנאַרכיסט און סײַ דער מאַרקסיסט, אַז די ערד באַוועגט זיך, אַז דורך דער גראַוויטאַציע לאָזט זיך דערקלערן אי די גלײַכוואָג פון דעם זונען־סיסטעם אי דאָס אַראָפּפאַלן פון זאַכן אויף דער ערד. ביידע גלייבן נישט אין קיין ניסים ונפלאות. צו די ווירקונגען פון די מאַשינען און אַפילו צו לעבעדיקע באַשעפענישן נעמען ביידע אָן אַ גלײַכע שטעלונג. און הגם איין מענטש דאַרף פאַרשטיין צום בעסטן דעם אַנדערן מענטשן, פון דעסט וועגן הייבן זיך אָן די חילוקי־דעות צווישן זיי גראָד אין שײַכות צו די באַציִונגען פון מענטש צו מענטש. עס פרעגט זיך דעריבער: פון וואַנען עס נעמען זיך אַזעלכע סתירות; וואָס פאַר אַ מעטאָד מען דאַרף אָנווענדן, כדי אַרויסצוגעפינען זייער מקור און צי מען וואָלט נישט געקענט אויסגלײַכן די סתירות מיט דער הילף פון אַט אַ דעם מעטאָד. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז אַט וועגן די אַ סתירות ווערט עס טאַקע אַרומגעשטריטן אין אַלע פילאָסאָפישע שיטות מיט די באַצײ־כענונגען „ווילנס־פרײַהייט — דעטערמיניזם“ און „אידעאַליזם — מאַטעריאַליזם“. אויך די רעליגיעס זוכן צו פאַרענטפערן די ערשטע סתירה אין דער פאָרעם פון „געטלעכע השגחה און ווילנס־פרײַהייט“. ביידע סתירות פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין די סאָציאַלע וויסנשאַפטן און שטעמפּלען זיי, דורך זייערע האַלבע אמתן, צו האַלבע וויסנשאַפטן. במילא איז זייער וויכטיק אַרויסצוגעפינען דעם וועג די דאָזיקע סתירות אויסצוגלײַכן.

ק אַ פּ י ט ל  צ וו ײ

# דער קוואַל פון ראַציאָנעלע סתירות

ראַציאָנעלע סתירות, ד״ה טעזעס און קעגנטעזעס וואָס האַלטן אויס די גלײַכוואָג אין באַציִונג צום אמת, ווי מאַטעריע — גײַסט, בלינדע סיבּהדיקייט — צילבאַוווּסטע צוועקמעסיקייט, קערפּערלעך זײַן — גײַס־טיק באַוווּסטזײַן, פֿאַטאַליזם — ווילנס־פֿרײַהייט, ווי אויך רוים און צײַט בנוגע ענדלעכקייט — אומענדלעכקייט און די סתירה וואָס איז פֿאַראַן אינעם באַגריף „ערשטע סיבה" אָדער „סיבה כּל הסיבות", — ראַציאָנעלע סתירות זײַנען די פֿילאָסאָפֿן שטענדיק געווען באַקאַנט. אַנשטאָט זיך צו האַלטן אין דער קאָנקרעטער רעאַליטעט, פֿון וועלכער די דאָזיקע סתירות ציִען זייער שורש, האָבן זיי, ווי פֿילאָסאָפֿן, די היפּוכדיקע אמתן אָפּגעזונדערט פֿון דער רעאַליטעט, זיי האָבן די סתירות אַבסטראַהירט און פֿון זיי געמאַכט אַבסאָלוטע קאַטעגאָריעס. יעדער איינער פֿון די פֿילאָ־סאָפֿן האָט געשאַפֿן זײַן אייגן סיסטעם פֿון מעטאַפֿיזיק.

בכלל לאָזן זיך אונטערשיידן פֿון איין זײַט די פֿילאָסאָפֿן מאַטעריאַ־ליסטן און פֿון דער צווייטער זײַט די פֿילאָסאָפֿן אידעאַליסטן. דער מאַ־טעריאַליזם איז, דורכן ראַשן אויפֿבלי פֿון דער טעכניק און פֿון דער וויסנשאַפֿט אינעם 19טן יאָרהונדערט, געוואָרן שטאַרק באַגינציקט. אָבער שוין אינעם אַלטן גריכנלאַנד האָט ער געפֿונען זײַן פֿאַרטרעטער אין דעמאָקריטן (געלעבט אינעם 5טן יאָרהונדערט פֿאַר קריסטוס' געבורט). לויט דעמאָקריטן באַשטייט די וועלט בלויז פֿון מאַטעריעלע אַטאָמען און דעם לערן רוים. דער אידעאַליזם שטיצט זיך אויף ענלעכע פּרינציפּן ווי די רעליגיע, און אינעם אַלטן גריכנלאַנד האָט אים פֿאַרטראָטן פּלאַטאָן

(429—347 פאַר קריסטוסן), לויט וועמען די אמתע וועלט איז די וועלט פון אידעען. אָבער אונדזער רעאַליטעט, מיט וועלכער מיר מוזן זיך רעכענען אין טאָג־טעגלעכן לעבן, באַשטייט אי פון אומבאַלעבטע אָביעקטן, ד״ה פון מאַטעריע, אי פון די אידעען פון אונדזערע מיטמענטשן און פון אונדזערע אייגענע אידעען. ווי אַבסטראַקציעס פון דער רעאַליטעט געהערן זיי ביידע, אי דער מאַטעריאַליזם אי דער אידעאַליזם, צו דער מעטאַפיזיק, וואָס איז אַן „איבער־פיזיק״, אַ „וויסנשאַפט״ וואָס קען גאָרנישט באַרייכערן אונדזער וויסן, ווײַל לויט איר דעפיניציע שטײַגט זי איבער דעם מענטשלעכן שכל.

מיט זײַן ווערק „די קריטיק פון דער ריינער פאַרנונפט״ האָט דער דײַטשער פילאָסאָף עמאַנועל קאַנט (1804—1724) געוואָלט ברענגען אַ באַשייד צו די אַנטינאָמיעס דאַדורך וואָס ער מאַכט אַ חילוק צווישן דער וועלט ווי זי דערשײַנט פאַר אונדז און דער וועלט ווי זי איז אין זיך: „דעם דינג אין זיך״. די וועלט, ווי זי דערשײַנט פאַר אונדז, וואָס מיר נעמען אויף מיט אונדזערע חושים, איז אונדז באַגרײַפלעך בלויז ווי אַ רוימלעך־צײַטלעכע און ווי אַ מאַטעריע, וואָס ווערט געבראַכט אין באַוועגונג דורך בלינדע סיבות. דערקעגן די פּרינציפּן, אויף וועלכע עס שטיצט זיך דער אידעאַליזם, ווי צוועקמעסיקייט, ווילנס־פרײַהייט, מאָראַלישע פליכטן און די גאָטהייט גופא, האָבן זייער זיץ אין דער רוים־ און צײַטלאָזער וועלט אין זיך. אַ וועלט, וואָס מיר קענען בלויז פילן אָבער וואָס אונדזער שכל קען נישט באַגרײַפן. אַזוי אַרום האָט קאַנט געגלויבט, אַז ער מאַכט אַ סוף צו אַלע מעטאַפיזישע פילפולים דורך האָבן געבראַכט דעם באַווײַז, אַז די פּרינציפּן, אויף וועלכע זיי שטיצן זיך, שטײַגן איבער אונדזער שכל. פון דעסט וועגן האָט נאָך קאַנטן דער מעטאַפיזישער פילפול זיך ערשט אָנגעהויבן. עס האָט זיך איצט געהאַנדלט צו באַשטימען דעם עצם תוך פונעם „דינג אין זיך״, ווי אַ שטייגער בײַ העגעלן, שאָפּענהויערן, ניטשען און אַנדערע.

פאַר אונדזער שטודיע, וואָס דאַרף זיך האַלטן אין די ראַמען פון טאָג־טעגלעכן מענטשלעכן און סאָציאַלן לעבן, איז קאַנטס „דינג אין זיך״ די אַבסטראַקציע פון אַבסטראַקציעס. פאַר אונדז איז וויכטיק צו וויסן, אַז אויף דער רעאַליטעט פון די נאַטור־דערשײַנונגען מיט זייערע

גענצן, מיט וואָס עס פאַרנעמען זיך די נאַטור־וויסנשאַפטן, דערהייבט זיך די סאָציאַלע רעאַליטעט מיט סוביעקטיווע און אינטערסוביעקטיווע דערשיינונגען, ווי געפילן, טענדענצן, אידעען, פליכטן און רעכטן, וואָס פאָרמירן וויכטיקע עלעמענטן פון יעדער אידעאָלאָגיע. לעבן דער וויסנשאַפטלעכער גענצלעכקייט, ווי, צום ביישפּיל, ביי פּראָדוקציע פון עלעקטריציטעט, באַנוצן מיר זיך אויך מיט אַ שולדיקייט, וואָס לאָזט זיך נישט וויסנשאַפטלעך פאָרמולירן. ווען שמעון איז אין כעס אויף ראובנען, ווייל ער האָט אים באַליידיקט, איז דאָס שולדיק, כאָטש עס לאָזט זיך נישט וויסנשאַפטלעך פעסטשטעלן דער עקוויוואַלענט צווישן „סיבה און ווירקונג", צווישן באַליידיקונג און כעס. דעריבער ווערט ביי סאָציאַלע אַקטן „סיבה" פאַרביטן אויף „מאָטיוו", וואָס איז אין זיך כולל טענדענץ און ווילנס־פרייהייט.

כל־זמן מיר האַלטן זיך אין די ראַמען פונעם אַלטעגלעכן לעבן איז צווישן וויסנשאַפטלעכער גענצלעכקייט און בלויזער שולדיקייט נישטאָ קיין סתירה. ערשט ווען מיר פילאָסאָפירן און מאַכן פון זיי נוצלאָזיקע אַבסטראַקציעס, דעמאָלט הייבן זיך אָן די סתירות. דאָס ערשטע פירט צו צום מאַטעריאַליזם און דאָס לעצטע — צום אידעאַליזם. די לאָגיק גופא, וואָס דאַרף דינען ווי אַן אינסטרומענט פאַר אונדזער דענקען כדי אויסצומיידן סתירות, פאַרלאָזט אונדז ווען זי ווערט אָנגעווענדט אויף אַבסטראַקציעס. אַ הויפּטפּרינציפּ פון דער לאָגיק איז דער טעזיס פון קאָנטראַדיקציע: מען קען נישט זאָגן וועגן אַ זאַך, אַז זי עקסיסטירט און עקסיסטירט נישט אין דער זעלביקער צייט. דער טיש, אויף וועלכן איך שרייב, איז דאָ, במילא קען ער נישט איינצייטיק נישט זיין. ווענד איך אָבער אָן דעם טעזיס אויף אַבסטראַקציעס, דענצמאָל קום איך באַלד אויף סתירות. אַפילו די מאַטעריע גופא, וואָס איז דאָך דער סאַמע עצם פון אַלע זאַכן וואָס מיר פאַרנעמען מיט אונדזערע חושים, איז שוין פאַר דער לאָגיק אַזאַ סתירה. זי עקסיסטירט, ווייל פון איר באַשטייען אַלע זאַכן. זי עקסיסטירט נישט, ווייל מען קען זיך די מאַטעריע ווי אַ זאַך גאָרנישט פאָרשטעלן. אַן אַנדער פּרינציפּ פון דער לאָגיק איז דער טעזיס פונעם אויסגעשלאָסענעם דריטן, וואָס וויל זאָגן, אַז פון צוויי קוואַליטעטן, וואָס זיינען זיך סותר ווי יאָ צו ניין, מוז יעדער

זאַך איין קוואַליטעט זיכער צוקומען, ווײַל אַ דריטע מעגלעכקייט איז אויסגעשלאָסן. דער קאָנקרעטער טיש, אויף וועלכן איך שרײַב, קען זײַן אָדער קײַלעכדיק אָדער נישט־קײַלעכדיק, אָדער פון האָלץ אָדער פון נישט־האָלץ. אָבער די מאַטעריע, פון וועלכער עס באַשטייט אי דער טיש אי דאָס האָלץ אי אַלע אַנדערע זאַכן, איז ווי אַן אַבסטראַקציע נישט פאַרשטעלעוודיק מיט קיין שום קוואַליטעט. היות דער באַגריף „מאַטעריע״ האָט געשפילט און שפילט נאָך אין די נאַטור־וויסנשאַפטן אַ גאָר גרויסע ראָלע, איז מען געצוווּנגען זי פאַרצושטעלן זיך ווי מאַטעריעלע פונקטן אָדער אויך אַטאָמען. אָבער מיט דער מאָדערנער פיזיק איז אַפילו אַזאַ פאַרשטעלונג אויך מער נישט מעגלעך, ווײַל עס ווערט אָנגענומען, אַז מאַטעריע איז קאָנדענסירטע ענערגיע, פונקט ווי מען וואָלט געזאָגט, אַז מאַטעריע איז יאָ מאַטעריע און איז נישט־מאַטעריע. און היות ענערגיע איז גאָרנישט מער אַחוץ באַוועגונג, לערנען אונדז די פיזיקאַלישע געזעצן ווי אַזוי „עס באַוועגט זיך די באַוועגונג״. לאָגיש הייסט דאָס אַ טאַטאָלאָגיע, ווי מען וואָלט געזאָגט: ווי אַזוי עס לעבט דאָס לעבן. פון דעסט וועגן זײַנען דאָס — מחמת זייער ענאָרמער פראַקטישקייט — פולבלוטיקע אמתן.

אַן אַנדער בײַשפיל איז דער קאָסמאָס. לאָגיש קען ער זײַן נאָר איינס פון די בײדע: אָדער מיט אַן ענד אָדער אָן אַן ענד. מען קען זיך אָבער נישט משער זײַן, ד״ה, זיך דאָס פאָרשטעלן ווי אַן אמת, אַז די וועלט זאָל יאָ האָבן אַן ענד און אויך נישט, אַז זי זאָל נישט האָבן קיין ענד, אַז זי זאָל זײַן ענדלאָזיק. געוויינלעך האָט מען אָנגענומען, יעדן פאַלס פאַר אײַנשטיינען, אַז די וועלט איז אָנענדלעך. פאַר וואָס? דאָס לאָזט זיך בלויז דערקלערן פסיכאָלאָגיש. ראשית, אַ וועלט אָן אַן ענד שטעלט זיך איין אונדזער פאַנטאַזיע פאַר ווי פון אַ העכערן ווערט איידער אַ וועלט מיט אַן ענד. באַזונדערש איז דאָס דער פאַל בײַ דעם רעליגיעזן מענטש מיט זײַן באַגריף פון אַן אומענדלעכער גאָטהייט. שנית, ווידער, אויב איך נעם אָן, אַז די וועלט האָט אַן ענד, שטעלט זיך דאָרט אָפּ די פאַנטאַזיע, בלײַבט ווי פאַר אַ תהום און ווייסט זיך נישט קיין עצה צו געבן. דערפאַר ווערט דער סיכסוך אָפּגעלייגט אויף אָן אַן ענד, „עד שיבא אליהו״. אָבער ווען מען נעמט אַוועק דעם פסיכאָלאָגישן מאָמענט און

מען מישפּט אָביעקטיוו, זײַנען בײדע טעזעס גלײַך אמת — נישט אמת. לויט אײַנשטײנען זאָל די וועלט זײַן נישט אומענדלעך, נאָר אומבאַגרענעצט. ענלעך ווי די ערד־אײבערפלאַך, וואָס איז נישט אומענדלעך, אָבער אויף וועלכער מען וועט קײן מאָל נישט קומען צו אַן עק. לויט אײַנשטײנען זאָל דער קאָסמאָס האָבן אַזאַ פאָרעם, אַז גראָדע ליניעס, וועגן וועלכע עס לאָזט זיך מיט אונדזער פאַנטאַזיע משער זײַן, אַז זײ ציִען זיך אומאונטערגעבראָכן דורך דעם קאָסמאָס, — אַז די דאָזיקע ליניעס מוזן צוריקקומען צו זײער אָנהײבפּונקט. ווי באַלד די אײַנשטײנישע טעאָריע וועט ווערן אַן אמת פאַר אַלע, ווי באַלד יעדערער וועט שכלדיק אויסגעפינען, אַז דאָס איז דער בעסטער וועג אויסצוגלײַכן קאָסמאָלאָגישע סתירות, וועט קײנער מער גאָרנישט פרעגן צי די וועלט איז ענדלעך אָדער ענדלאָזיק. ווי ווײַט אויך די פאַנטאַזיע וועט לויפן, וועט זי שטענדיק מוזן צוריקקומען צום אָנהײבפּונקט. אמת טאַקע, עס וועט דעמאָלסט אויפקומען אַן אַנדער לאָגישע סתירה, דהײַנו: זיך פאָרצושטעלן, אַז אַ ליניע זאָל זײַן גלײַכצײַטיק גראָד און קרום. אָבער די דאָזיקע סתירה קען שוין אונדזער שכל לײַכטער פאַרדײַען ווי די שוועריקײט זיך נישט צו קענען פאָרשטעלן די וועלט נישט ווי ענדלעך און נישט ווי אומענדלעך. דעריבער איז אַזאַ לײזונג פון דער אַנטינאָמיע פאַר אונדזער שכל נאָך די בעסטע אַפילו ווען מען וואָלט נישט געווען דערצו געצווונגען אויפן יסוד פון אײַנשטײנס חשבונות.

די לאָגיק נעמט אויך אָן, אַז יעדעס געשעעניש מוז האָבן אַ סיבה און דאָס פרעגן זיך אויף סיבות געשעט גאַנץ אינסטינקטיוו. בעת מיר זײַנען נאָך קינדער קווענלען מיר שוין די עלטערן מיט די שטענדיקע און פאַר זײ לאַנגווײַליקע פראַגעס: פאַר וואָס? — „פאַר וואָס, טאַטע, טאָר מען נישט אָנרירן?". — „ווײַל עס בריט". — „פאַר וואָס בריט עס?". — „ווײַל דאָס איז הײס". דאָס אויפזוכן סיבות איז אונדז אויך אַזוי נײטיק, ווי דאָס עסן אָדער דאָס אָטעמען. און טאַקע דערפאַר איז דאָס סיבות־זוכן, ווי עסן און אָטעמען, בלויז אַ מיטל פאַר דער עקסיסטענץ. עס איז פאַר אונדז וויכטיק צו וויסן, אַז דאָס פײַער איז גורם, אַז וואַסער זאָל קאָכן. וויל מען אָבער ווי אַ פילאָסאָף דערגײן די אמתע סיבה פונעם קאָכנדיקן וואַסער, אַזוי קומט מען שוין גאָרנישט אַרויס פונעם פרעגן „פאַר וואָס?":

פאַר וואָס קומט אויף אַ פײַער? ווײַל די קויל פאַרבינדט זיך מיטן זויער־שטאָף פון דער לופט. פאַר וואָס פאַרבינדט זיך די קויל מיטן זויערשטאָף? אאַז״וו. לאָגיש וואָלט די אמתדיקע סיבה געווען די ערשטע סיבה. אָבער לאָגיש קען מען זיך גאָרנישט משער זײַן קיין ערשטע סיבה, ווײַל דאָס וואָלט געווען אין סתירה מיט דער טעזע, אַז עס געשעט גאָרנישט אָן אַ סיבה.

די סתירות נעמען זיך דערפון וואָס די לאָגיק איז בכוח צו גיין אירע אייגענע וועגן אומאָפּהענגיק פון די חושים און דעריבער פאַר־בלאָנדזשעט זי אָפט אין פאַנטאַסטישע קאָנסטרוקציעס. די אויפגאַבע פון אונדזער שכל איז עס צוצופּאַסן זי צום מאַטעריאַל פון די חושים און אויף אַזאַ אופן צו פורעמען אונדזערע דערפאַרונגען. די ווײַטערדיקע אויפגאַבע פון דעם שכל איז צו באַאַרבעטן די וויסנשאַפטלעכע דערפאַ־רונגען צו אַן אײנהייטלעכן סיסטעם אָדער וועלט־אַנשויונג מיט דער קלענסטער מאָס סתירות. די דערפאַרונגען, וואָס לאָזן זיך נישט פאַרמו־לירן אין וויסנשאַפטלעכע געזעצן און טראָגן מײנסטנס אַ סאָציאַלן כאַ־ראַקטער, געהערן צום געביט פון בלויזער שכלדיקייט און פאַרנעמען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער פאַרמירונג פון אידעאָלאָגיעס.

אַז די לאָגיק גייט אירע אייגענע וועגן און דאַרף זיך יעדעס מאָל אויף ס׳נײַ צופּאַסן צו די חושים, וועלן באַווײַזן פאָלגנדיקע בײַשפּילן. ווען מען וואָלט נאָר געקענט צוויי פאַרבן, רויט און בלוי, און זיי אָנגע־רופן „רויט״ און „נישט־רויט״, וואָלט עס געווען אַ לאָגישע אוממעגלעכ־קייט, אַז אַ זאַך זאָל האָבן אַן אַנדער פאַרב. וואָלטן די אַנדערע פאַרבן דערנאָך געוואָרן באַקאַנט, וואָלט די לאָגיק זיך געמוזט צופּאַסן צו די נײַע דערפאַרונגען. פאַר דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע האָט מען זיך פאָרגעשטעלט אַן אַבסאָלוט „אויבן״ און אַן אַבסאָלוט „אונטן״ און עס איז געווען אומלאָגיש דער געדאַנק, אַז די אַנטקעגנגעזעצטע זײַט פון דער ערד זאָל זײַן באַווױנט, ווײַל די מענטשן פון דאָרט וואָלטן דאָך געמוזט גיין מיט „דעם קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אין דער הייך״. איצט האַלטן מיר דאָס שוין פאַר גאַנץ לאָגיש. די לאָגיק האָט צוגעפּירט צום באַגריף מאַטעריע. דער דאָזיקער באַגריף איז נישט צוגענגלעך פאַר אונדזערע

חושים. אָבער דער שכל דאַרף אים האָבן און ער בלייבט פאַר אונדז אַן אמת.

עס קומען אויך אויף סתירות צווישן די חושים, אָבער דער שכל גלייכט אויס די דאָזיקע סתירות מיט דער הילף פון דער לאָגיק און פון די אַנדערע דערפאַרונגען. דער צוקער צעגייט אין וואַסער, ער עקסיס־טירט נישט מער פאַרן אויג, אָבער ער עקסיסטירט פאַר דער צונג און ווי אַ געוויכט. דער הילכער פון דער ראַדיאָ ווײַזט אָן אויף דער עקסיס־טענץ פון אַ רעדנער, וואָס דאָס אויג זעט נישט. מיט די אויגן זעען מיר אַ הויז און אין דער ווירקלעכקייט איז דאָס בלויז אַ צייכענונג .

די אַנטינאָמיע: די וועלט האָט אַן ענד — די וועלט האָט נישט קיין ענד, — שטעלט מיט זיך פאָר, פון אַ ריין לאָגישן שטאַנדפונקט, נישט קיין גרעסערע סתירה, ווי די סתירה צי דער צעגאַנגענער צוקער עקסיס־טירט נאָך אָדער עקסיסטירט שוין נישט מער. ווען מען בלייבט שטיין געפלעפט פאַר דער דאָזיקער אַנטינאָמיע, דאַרף מען נישט גלייבן, אַז מען געפינט זיך גראָד מיט איר פאַר די טויערן פון אַן אַנדער וועלט, וואָס איז כולל בלויז סודות. די צאָלנריי ווײַזט אָן אויף אַ גלייכער לאָ־גישער סתירה: מען קען זיך זי נישט משער זײַן נישט ווי ענדלעך און נישט ווי אומענדלעך. מען פאַסט זי אָבער צו צו דער ווירקלעכקייט און מען רעכנט אויס וויפל עס דאַרף קאָסטן אַן אויטאָמאָביל פון נײַסטן טיפּ. אויפן יסוד פון די צאָלן פאַלט מען אַרײַן אין אַ לאָגישער סתירה, ווען מען ווינטשט אַ פרײַנד צו פאַרמאָגן אַזוי פיל דאָלאַרן וויפל זײַן פאַנטאַזיע קען נאָר משיג זײַן, ווײַל אַזאַ סומע, וואָס קען נישט זײַן ענדלעך און נישט אומענדלעך, אַזאַ סומע קען די פאַנטאַזיע גאָרנישט משיג זײַן.

אויפן יסוד פון „יעדער פאַקט מוז האָבן אַ סיבה“ שפּינט די לאָגיק ווײַטער איר אָפּט ניצלעך געוועב און קומט אין סתירה בשײַכות דער ערשטער סיבה. שטעלט זיך אָפּ דער שכל און זאָגט: איך הערקען נאָר אַזעלכע סיבות, וואָס קומען פון דערפאַרונגען און וואָס באַרײַכערן אונ־דזער וויסן. אַלע אַנדערע סיבות זײַנען לעת־עתה בלויזע פאַנטאַזיעס. טויזנט מיליאַרדן דאָלאַרן קענען נאָך זײַן אַ רעאַליטעט אין דעם גאָל־דענעם לאַנד אַמעריקע. טויזנט און איין מיליאַרדן זײַנען אפשר בלויז אַ פאַנטאַזיע.

קאַפּיטל דרײַ

# די לאָגיק ווי אַ מעטאָד פאַרן פּראַקטישן וויסן

די פריִערדיקע בײַשפּילן באַווײַזן אונדז גאַנץ דײַטלעך, אַז די לאָגיק איז בלויז אַ מעטאָד פאַר פּראַקטישער אָנווענדונג פון אונדזערע דערפאַרונגען. ווי באַלד זי דערווײַטערט זיך פון זיי, פאַרלויפט זי זיך אין פאַנטאַסטישע סתירות. צום אונטערשייד פון דער פאַנטאַזיע, וואָס עס דאַרף האָבן הער קינסטלער, דער דיכטער און דער מאָראַל־פּרעדיקער, קען די לאָגיק דעפינירט ווערן ווי אַ פאַנטאַזיע, וואָס איז דרינגלעך נויטווענדיק פאַר דער עקסיסטענץ, וואָס מוז באַאַרבעטן און רעגולירן אונדזערע דערפאַרונגען, ד״ה דעם מאַטעריאַל, וואָס פירט אונדז צו אונדזערע חושים. כל־זמן די לאָגיק פירט אויס די דאָזיקע קאָנקרעטע פונקציע, בלײַבט זי „לאָגיש״, ד״ה שכלדיק, אָבער אויך וויסנשאַפטלעך. אין דער מאָס, אָבער, וואָס זי דערווײַטערט זיך פון דער דאָזיקער פונקציע, ווערט זי „פאַנטאַסטיש״. זי טויכט אונטער אין דעם ים פון דער אַלגעמיינער פאַנטאַזיע, באַקומט באַרירפּונקטן מיט קונסט און דיכטונג און בויט אויף מעטאַפיזישע שיטות.

צו דעם זעלבן באַנעם וועגן דער לאָגיק ווי אַ מעטאָד צו באַאַרבעטן און רעגולירן די פּראַקטישע דערפאַרונגען קומט מען אויך אויפן יסוד פון ביאָלאָגישע באַטראַכטונגען. אַלע באַשעפענישן, וואָס רירן זיך פון אָרט כדי צו אויפהאַלטן זייער עקסיסטענץ, מוזן האָבן, ערשטנס, די פעיִקייט צו דערקענען זייערע עקסיסטענץ־מיטלען. צווייטנס, מוזן זיי אָנווענדן מיטלען כדי זיך צו פאַרטיידיקן אָדער כדי צו באַזיגן זייערע קרבנות. דאָס ערשטע פירט צו צום לאָגישן פּרינציפּ פון אידענטיטעט

און דאָס צווייטע צום לאָגישן פּרינציפּ, וואָס זאָגט, אַז גלײַכע סיבות ברענגען מיט זיך גלײַכע רעזולטאַטן. במילא זײַנען אָט די לאָגישע פּרינ־ציפּן גאָרנישט אַנדערש ווי אינסטינקטן, וואָס דאַרפן דינען דעם לעבן. אַז דער האַלצענער טיש קען נישט זײַן קיין נישט־האָלצענער, אַז ווען מען הערט אַ שאָס מוז עמעצער האָבן געשאָסן, איז פאַר אונדז זעלבסט־פאַרשטענדלעך. פאַר וואָס? ווײַל אַזאַ וויסן איז אין אונדז טיף אײַנגע־וואָרצלט. ווי באַלד אָבער מיר דערווײַטערן זיך פון דעם אינסטינקטיוון וויסן, כדי אָט דאָס וויסן צו סיסטעמאַטיזירן און אויפצושטעלן וויסנ־שאַפטלעכע געזעצן, באַדינען מיר זיך מיט היפּאָטעזן, וואָס קענען שוין כולל זײַן לאָגישע סתירות. און אַוודאי שוין איז דאָס דער פאַל ווען מען נעמט זיך אונטער אויפצובויען אַ „מעטאַפיזיק״. די וויסנשאַפטלעכע היפּאָטעזן האָבן קעגנאיבער דער מעטאַפיזיק די גרויסע מעלה, וואָס זיי לאָזן זיך באַווײַזן דורך עקספּערימענטן; עקספּערימענטן, וואָס זייער ריכ־טיקייט מוז ווערן אָנערקענט פון אַלע מענטשן און וואָס זיי ברענגען מיט זיך נײַע אַנטדעקונגען און אויסגעפינסן צום נוצן פון אַלע מענטשן. אַזעל־כע היפּאָטעזן, אויך ווען זיי זײַנען כולל לאָגישע סתירות, ווײַזן זיך אַרויס ווי אמתן פאַר אַלע מענטשן. אויב בײַם אויפשטעלן אַ נײַע היפּאָטעזע זײַנען דאָ חילוקי־דעות, האַלטן זיי נישט אָן לאַנג. באַלד קומט די גאַנצע וועלט צו אַ הסכם. ביז עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַזוי פיל מאַטעריאַל פון אַנטדעקונגען און אויסגעפינסן, אַז זיי שטעלן זיך אין סתירה מיט די אָנערקענטע אמתן און עס פאָרמולירן זיך נײַע היפּאָטעזן און נײַע אמתן.

אַזוי איז עס געווען מיטן קאָסמאָלאָגישן געאָצענטרישן סיסטעם פון פּטאָלאָמעוסן (אין 2טן י״ה), וואָס איז געוואָרן אָנערקענט פון דער גאַנ־צער וועלט ווי אַן אמת ביז דאָס איז געוואָרן אומגעוואָרפן פון קאָפּערניקן (1543—1473), וואָס האָט פאָרמולירט דעם נײַעם אמת, אַז די ערד באַ־וועגט זיך.

אַזוי איז עס אויך געווען מיט דעם באַגריף מאַטעריע, אויף וואָס מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן. פאָרמולירט נאָך פון דעמאָקריטן, האָט דער גרויסער פראַנצויזישער כעמיקער לאַוואַזיע (1794—1743) עקספּערי־מענטאַל באַוויזן, אַז מאַטעריע איז אומצעשטערלעך. ביז עס איז געקומען אײַנשטיין און האָט אויפגעשטעלט דעם נײַעם אמת, אַז מאַטעריע איז

גאָרנישט עפּעס אַנדערש ווי קאָנדענסירטע ענערגיע און עס בלייבט נאָר דאָס געזעץ פון דערהאַלטונג פון ענערגיע. דער באַגריף ענערגיע שטייגט שוין איבער אונדזער לאָגיק, ווייל דאָס איז יאָ „עפּעס" און נישט „עפּעס".

דער באַרימטער פראַנצויזישער פיזיקער פרענעל (1827—1788) האָט אויפגעשטעלט אַ ליכט־טעאָריע, וואָס האָט געגאָלטן ווי אַן אמת אינעם 19טן יאָרהונדערט און אין אָנהייב פון דעם 20סטן. לויט דער דאָזיקער טעאָריע איז דער גאַנצער פוסטער רוים פון דעם קאָסמאָס אָנגעפילט מיט „עטער", אַזאַ לייכטער קדמון־שטאָף, וואָס איז לחלוטין נישט צוגענגלעך פאַר אונדזערע חושים, אָבער וואָס ווערט דורך ליכט און עלעקטריציטעט געבערענגט אין שווינגונגען און טראָגט אונדז איבער די דאָזיקע ענערגיע־סאָרטן מיט אַ ליכט־געשווינדקייט, ד"ה, 300.000 קילאָמעטער אין דער סעקונדע. דער דאָזיקער באַגריף „עטער" איז כולל געווען אין זיך אומצייליקע לאָגישע סתירות. פון דעסט וועגן האָט ער געגאָלטן ווי אַן אמת, ביז ער איז געוואָרן פאַרביטן דורך דער קוואַנטאַ־טעאָריע פון פּלאַנק און איינשטיין.

יעדער ווייסט אין וואָס עס באַשטייט די איינשטיינישע רעלאַטיווי־טעטס־טעאָריע, דהיינו: אַז צייט און רוים האָבן בלויז אַ רעלאַטיוון ווערט אין שייכות צו מאָסן אין באַוועגונג. אָבער יעדער ווייסט אויך, אַז ער הייבט נישט אָן צו וויסן, ווייל „דאָס לייגט זיך נישט אויפן שכל", ווייל דאָס איז נישט „לאָגיש". אָבער מען קען זיך טרייסטן דערמיט, וואָס די רעלאַטיוויטעטס־טעאָריע איז אויך בלויז אַ רעלאַטיווער אמת און קען נאָך אַ מאָל ווערן פאַרביטן דורך אַ טעאָריע, וואָס וועט אונדז זיין צו־גענגלעכער.

אַזוי אַרום זעט מען, אַז אַפילו די וויסנשאַפטלעכע אמתן, וואָס שטיצן זיך יאָ אויף פאַקטן און וואָס לאָזן דעריבער נישט צו קיין שום חילוקי־דעות, שליסן אָפּט איין אין זיך לאָגישע סתירות. און דערפאַר ווייל די וויסנשאַפטלעכע אמתן זיינען בלויז הילפסמיטלען פאַר אַנטדע־קונגען און אויסגעפינסן, וואָס זיינען ניצלעך פאַר אַלע מענטשן און וואָס מיר נעמען אויף מיט אַלע אונדזערע ביאָלאָגישע חושים, — איז אויב מען וואָלט זיך פאַרלאָזט בלויז אויף דעם חוש־הראיה, וואָלט מען גע־קענט אָננעמען ווי אַן אמת, אַז דער עקספּרעס, אויף וועלכן מען פאָרט,

רירט זיך נישט פון אָרט, נאָר אַז עס באַוועגט זיך אַלץ וואָס מען זעט דורכן פענצטער: פעלדער, וועלדער אד״גל. לאָגיש וועט אײַך דעם דאָזיקן „אמת" קיינער נישט באַקעמפן. זאָלט איר אָבער דאָס טאַקע גלייבן, וועלן אײַך אַלע דערקלערן פאַר משוגע, נישט ווײַל איר דענקט נישט לאָגיש, נאָר ווײַל איר האָט פאַרלוירן דעם פּראַקטישן זינען.

איז עס אַזוי, אַז אויף דער לאָגיק — אומלאָגיק פון דער רעלאַטיווער באַוועגונג, וואָס איז אונדז באַקאַנט זינט גאַלילעי (1642—1563), בויען זיך אויף אַלע וויסנשאַפטן, ווײַל זייער מהות איז גאָרנישט אַנדערש ווי די שטודיע פון באַוועגונג. און ווײַל די גענויע וויסנשאַפט, ווי מעכאַניק, פיזיק, כעמיע און פיזיאָלאָגיע, האָבן דעם זעלבן ביאָלאָגיש־פּראַקטישן ווערט פאַר אַלע מענטשן, ווערן זיי פון אַלע מענטשן אָנערקענט ווי אמתן. דאָס זײַנען גאַנצע אמתן. אין זייערע אידעאָלאָגיעס קענען מענטשן זיך שאַרף באַקעמפן, אָבער זיי קענען דאָך האַלטן פאַר אַן אמת, אַז די ערד דרייט זיך אַרום איר אַקס און באַוועגט זיך אַרום דער זון. כאָטש יעדע באַוועגונג איז כולל אַ לאָגישע סתירה (עס באַוועגט זיך יאָ — עס באַוועגט זיך נישט) און דערפאַר ווײַל מיט די אויגן קען מען נאָר זען און געדאַנקלעך קען מען זיך נאָר פאָרשטעלן, אַז עפּעס באַוועגט זיך אין שײַכות צו עפּעס אַנדערש און ווײַל ריין לאָגיש קען מען אויך אַזוי גוט זאָגן, אַז די זון באַוועגט זיך אַרום דער ערד, איז אָבער די היפּאָטעזע, אַז די ערד באַוועגט זיך אַרום דער זון, זייער באַקוועם, זייער פּראַקטיש פאַר אונדזער שכל. אויפן יסוד פון די אָנגעזאַמלטע אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַציעס וואָלט עס געווען נישט אומלאָגיש, אָבער אומשכלדיק צו גלייבן, ווי מען האָט געגלויבט פריִער, פאַר קאָפּערניקן, אַז די מיליאַרדן קאָסמישע מאַסעס באַוועגן זיך אַרום דעם פּינטעלע ערד ווי אַ פעסטער צענטער. פון דער אַנדערער זײַט ווידער איז עס זינט ניוטאָנען (1642 — 1727) זייער באַקוועם פאַר אונדזער שכל, ד״ה זייער שכלדיק, אָנצונעמען די גראַוויטאַציע ווי דעם איינציקן פּרינציפּ, דעם איינציקן רעגולאַטאָר פון די דאָזיקע באַוועגונגען. וויל מען זיך אָבער נישט אָפּשטעלן בײַ אָט דעם עמפּירישן פּרינציפּ, נאָר לאָגיש ווײַטער לויפן און זיך פרעגן, וואָס איז די סיבה פון דער גראַוויטאַציע, דעמאָלט קומט די לאָגיק מיט זיך אין סתירה וועגן דער „ערשטער סיבה". און אַזוי ווי דאָס זוכן סיבות

קומט פון אַן אינסטינקט, קען אונדז גאָרנישט גאַראַנטירן, אַז פאַר דעם פאַקט „גראַוויטאַציע" איז באמת נאָך פאַראַן אַ סיבה, אַז דער זאַץ „יעדער פאַקט מוז האָבן אַ סיבה" דאַרף זיך שטענדיק באַשטעטיקן.

די דאָזיקע הנחה, אַז אַלע וויסנשאַפטן זײַנען כולל אמתן בלויז אין שײַכות צו זייער פראַקטישער אָנווענדונג, קען אונדז דינען אויסצוגלײַכן פיל ראַציאָנעלע סתירות אָדער אַנטינאָמיעס. אַזוי, למשל, די סתירה „הכל צפוי והרשות נתונה": אַלץ איז פאָרויסבאַשטימט, דעטערמינירט און פון דעסט וועגן האָט דער מענטש אַ פרײַען ווילן. אויב דאָס זוכן סיבות איז צוריקצופירן אויף אַן אינסטינקט, האָט ער נישט מער ווערט אין שײַכות צום אמת ווי דאָס געפיל פון פרײַהייט וואָס איז אויך צוריקצופירן אויף אַן אינסטינקט. אין דערווירקלעכקייט זײַנען ביידע אינסטינקטן אָדער ביאָלאָגישע טענדענצן דורכויס נייטיק פאַר דער עקסיסטענץ: די ביאָלאָגישע סיבה־טענדענץ כדי צו מאַכן דערפאַרונגען און די ביאָלאָגישע פרײַהייט־טענדענץ — כדי צו ווירקן אויפן יסוד פון אָט די דערפאַרונגען. אויפן יסוד פון דער סיבה־טענדענץ שטודירן מיר און בויען אויף אַלע וויסנשאַפטן און אויפן יסוד פון דער פרײַהייט־טענדענץ זײַנען מיר טעטיק סײַ אין פריוואַט־לעבן און סײַ ווי אַ מיטגליד פון אַ סאָציאַלער גרופּע. די אַנטינאָמיע געצוווּנגענקייט — פרײַהייט ווערט במילא אַזוי אויסגעגליכן: בשעת מיר שטודירן צווינגט אונדז דאָס לאָגיק־געפיל זיך צו האַלטן אינעם פּרינציפּ, אַז יעדער פאַקט האָט זײַן סיבה. בשעת אָבער מיר זײַנען טעטיק, ווערן מיר באַהערשט פונעם פרײַהייט־געפיל. במילא זײַנען ביידע טעזעס אמתדיק: איינע פאַרן שטודירן און די אַנדערע פאַרן האַנדלען אויפן יסוד פון אָט דער שטודיע.

איז זײַנען מיר שוין אַ טריט נאָענטער אויסצוגלײַכן דעם היפּוך צווישן די צוויי הויפּט־שיטות אויפן סאָציאַלן געביט. איין שיטה נעמט אַרום ליבעראַליזם, אינדיווידואַליזם און אַנאַרכיזם און די אַנדערע שיטה — עקאָנאָמיזם, סאָציאַליזם און מאַרקסיזם. וויל מען אַרויסגעפינען געוויסע געזעץ־מעסיקייטן אין געמאַכטע סאָציאַלע דערפאַרונגען, איז עס וויכטיק די דאָזיקע דערפאַרונגען צו סדרן לויט אַ סיסטעם פון סיבות און רעזולטאַטן און זיך האַלטן אין דער טעזע, אַז עס איז נישטו פאַראַן קיין געשעעניש אָן אַ סיבה. היות נאָר די עקאָנאָמישע פאַקטאָרן פון אַ

## ד״ר ח. שאַטאַן

געגעבענער געזעלשאַפט לאָזן זיך סטאַטיסטיש באַשטימען און אויסרע־כענען, אַזוי האָט דער סיסטעם פון עקאָנאָמישע סיבות און רעזולטאַטן אַ פיל פּראַקטישערן ווערט פאַר אונדז ווי יעדער אַנדערער סיסטעם פון סיבות און רעזולטאַטן. ביי אַזאַ שטודיע קומט במילא אַרויף דער אמת, אַז די עקאָנאָמיע קאָנדיציאָנירט דאָס באַוווסטזיין. אויך אַזוי קומען דע־מאָלט די מענטשן אין באַטראַכט נאָר ווי אַ מאַסע, ווייל נאָר די מאַסע קען ווערן דער אָביעקט פון אַ שטודיע, וואָס זאָל צוגרייטן דעם מאַ־טעריאַל פאַר אַ סאָציאַלער אַקציע. ביי אַזאַ שטודיע שפּילט דער יחיד, ווי אַן איינצלנער פאַל, גאָרנישט קיין ראָלע, ווייל זיין פריַהייט קומט נישט אין באַטראַכט. האַלט מען אָבער ביי אונטערנעמען אַ סאָציאַלע אַקציע, קען די דאָזיקע אַקציע ווערן דורכגעפירט מיטן באַוווסטזיין און אינעם געפיל פון פריַהייט. ביי דער אַקציע איז דער יחיד אַלץ: גאָט, פירער און קאָמאַנדאַנט.

קאַפּיטל פיר

## די היסטאָריע ווי אַ קוואַל פון אידעאָלאָגישע סתירות

ווי מיר האָבן געזען, שליסן איַין אין זיך די פילאָסאָפישע אמתן, בתוכם אויך די וויסנשאַפטלעכע, שוין געבוג סתירות. אָבער די דאָזיקע סתירות האָבן דעם כאַראַקטער פון פשוטקייט. מען קען נאָר פרעגן בנוגע דער צײַט, צי זי האָט זיך אַ מאָל אָנגעהויבן אָדער צי זי האָט זיך קיין מאָל נישט אָנגעהויבן. אין דער פראַגע, צי אין זײַן תוך איז דער קאָסמאָס מאַטעריע אָדער גײַסט, וואַקלט זיך דער מענטשלעכער געדאַנק צווישן די צוויי עקסטרעמע פּאָלוסן: מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם; און לויט זײַן פּסיכישער, סאָציאַלער און רעליגיעזער אײַנשטעלונג ווערט דער דענקענדיקער מענטש אַ מאָניסט אָדער אַ דואַליסט, אַן עקלעקטיקער אָדער אַ סקעפּטיקער. גאָר אַנדערש איז עס אָבער, ווען מען גייט איבער צו אמתן, וואָס קומען אויף פון די באַציִונגען צווישן מענטש און מענטש. דאָ הייסט עס שוין אַז „צוויי מענטשן האָבן דרײַ דעות". מען קומט שוין גאָרנישט אַרויס פון סתירות. דאָ האָט מען שוין נישט צו טאָן מיט איינ־פאַכע, נאָר מיט פילפאַכע אַנטינאָמיעס. און דאָס איז אונדז איצט פאַר־שטענדלעך. ווי באַלד די אמתן עקסיסטירן נאָר אין שײַכות צו אונדז, צו באַפרידיקן אונדזערע לעבנס־אינטערעסן, בלײַבן זיי גאַנצע אמתן, אמתן פאַר אַלע מענטשן, כל־זמן זייער אָנווענדונג איז ניצלעך אָדער קענען זײַן ניצלעך פאַר אַלע מענטשן. אַזעלכע אמתן צווינגען זיך פשוט אַרויף און מען פאַרשפּאָרט זיך אַפילו צו פרעגן צי זיי זײַנען ניצלעך. פון זיי הייסט עס: „זוך דעם אמת און פרעג נישט צי ער נוצט". אין דעם דאָ־זיקן שפּרוך האַלטן זיך די גרויסע אַנטדעקער פון נײַע אמתן און זײַנען

זיך אַפילו מקריב פאַר זיי, היות זיי וועלן זײַן ניצלעך אָדער וועלן קענען ניצלעך זײַן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

אַנדערש זײַנען די אמתן, וואָס זייער אָנווענדונג אָדער אָנערקענונג זײַנען בלויז ניצלעך פאַר אַ באַשטימטער קאַטעגאָריע מענטשן מיט גע־מיינזאַמע אינטערעסן וואָס זונדערן זיי אָפּ פון די אַנדערע מענטשן. דע־מאָלט ווערט מיטן אינטערעסן־סיכסוך אַ סיכסוך פון אמתן. אַזעלכע אמתן צעפאַלן אין אינטערעסן־ספערעס פונקט ווי די אַמאָליקע קאָלאָניעס. און אויף וואָס שטיצן זיך אַזעלכע אמתן? הויפּטיק שטיצן זיי זיך אויף היס־טאָרישע פאַקטן און איבערלעבענישן. אונטער היסטאָריע דאַרפן דאָ פאַר־שטאַנען ווערן פאַקטן און איבערלעבענישן אי פון אַ יחיד אי פון אַ סאָ־ציאַלער גרופּע מיט אַ געמיינזאַמער פאַרגאַנגענהייט: אַ נאַציע, אַ פּאַרטיי אָדער די גאַנצע מענטשהייט, אָדער אויך די רעליגיעזע געמיינשאַפט אָדער אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין. אי דער יחיד אין זײַן פּריוואַט־לעבן, אי די סאָציאַלע גרופּעס שעפּן און זאַמלען אין דער פאַרגאַנגענהייט די נייטיקע דערפאַרונגען פאַר האַנדלונגען, וואָס זאָלן פאַרווירקלעכן זייערע טענדענצן.

היסטאָרישע פאַקטן שיידן זיך שטאַרק אונטער פון די קאָסמישע און נאַטור־וויסנשאַפטלעכע פאַקטן. ערשטנס, זײַנען זיי מער נישטאָ פאַר אונדזערע חושים. מען קען מיט זיי נישט מאַכן קיין שום אָבסערוואַציע און עקספּערימענטן. זיי לאָזן זיך נאָר סיסטעמאַטיזירן אויפן יסוד פון פאַרגאַנגענער סיבהדיקייט. צווייטנס, און גאַנץ באַזונדערש, האָט, היס־טאָריש באַטראַכט, יעדער פאַקט אַן אומענדלעכע צאָל סיבות, פונקט ווי יעדער פון אונדז וואָלט געמוזט האָבן ביליאָנען עלטער־זיידעס זיינט נחס צײַטן, ווען מען וואָלט זיך גענומען זיי אויסרעכענען אויפן יסוד פון דעם כלל, אַז יעדער איינער האָט צוויי זיידעס, פיר עלטער־זיידעס אאַז״וו. נאָך בעסער, יעדער פאַקט האָט נאָך מער ווי „צוויי זיידעס״, ווײַל ער רעזולטירט פון סיבות־רייען, וואָס קומען גלײַכצײַטיק פון אַלע זײַטן. פרעגט עס זיך: וועלכע סיבות זײַנען די אמתדיקע? ריין לאָגיש באַ־טראַכט, איז איין סיבה נישט מער יחסן ווי אַן אַנדערע סיבה. פון די פריִערדיקע באַטראַכטונגען איז עס איצט גאַנץ קלאָר, אַז נאָר די סיבות פון פּראַקטישער באַדײַטונג זײַנען פאַר אונדז די אמתדיקע. זיי מוזן זיך

אויסצייכענען דורך זייער אַלגעמיינעם כאַראַקטער און זיך לאָזן אונטער־אָרדענען אונטער אַן אַלגעמיינעם באַגריף, ווי, למשל, „מלחמה", „איבער־באַפעלקערונג", „ווילשטאַנד" אד"גל. אַזעלכע סיבות האָבן די מעלה וואָס מיר קענען אויף זיי איינווירקן. אַלע אַנדערע סיבות זיינען פּראַקטיש פאַר אונדז בלויזע צופאַלן, כאָטש רייַן לאָגיש איז גאָר אַפילו נישטאָ קיין צופאַל, ווייל „יעדע סיבה מוז ווידער האָבן אַ סיבה".

בכלל ווערט אין די נאַטור־וויסנשאַפטן נישט גערעדט וועגן „סי־בות", נאָר וועגן „באַדינגונגען". דאָס פאַרשן די „סיבות" ווערט איבער־געלאָזט פאַר דעם פילאָסאָף און מעטאַפיזיקער. וואָס דעם וויסנשאַפטלער אינטערעסירט איז צו וויסן, וועלכע פּראַקטישע באַדינגונגען מוזן דער־פילט ווערן, כדי עס זאָלן אויפקומען געוויסע דערשיינונגען. ווען מען רייבט אַ שוועבעלע, צינדט עס זיך אָן. ווען די לבנה געפינט זיך אַזוי צווישן דער ערד און דער זון, אַז זי וואַרפט אויף אונדז איר שאָטן און לאָזט נישט צוקומען די זונשטראַלן, ווערט פאַר אונדז ליקוי חמה. דער פּרווו מיטן שוועבעלע לאָזט זיך עקספּערימענטירן וויפל עס ווילט זיך, און די באַאָבאַכטונגען ביי ליקוי חמה זיינען געוואָרן און ווערן אָפט געמאַכט. בלויז די סיבות־באַדינגונגען אינטערעסירן דעם וויסנשאַפט־לער, ווייל בלויז זיי זיינען פון וויסנשאַפטלעך־פּראַקטישן ווערט. דער באַגריף „באַדינגונגען" איז איינגעפירט געוואָרן אויך אין די היסטאָרי־שע דיסציפּלינען. אַזוי ווערט אָפט גערעדט וועגן „די עקאָנאָמישע באַ־דינגונגען". אָבער דאָ קען דער דאָזיקער באַגריף בלויז זיך באַציִען אויף אַ סיסטעם סיבות פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער, סיבות, אויף וועלכע עס לאָזט זיך איינווירקן און במילא האָט פון זיי די שטודיע אַ פּראַקטישן ווערט.

איינער גייט אויף דער גאַס און פאַלט. די סיבות פון זיין פאַלן זיינען אומצייליקע. ער וואָלט נישט געפאַלן, ווען ער וואָלט געוועזן אַרויס אויף דער גאַס פריִער אָדער שפּעטער; ווען ער וואָלט געווען גענומען אַן אַנ־דערן וועג; ווען אַ וואָגן וואָלט נישט געווען פאַרבייגעפאָרן און אים געשטערט אַריבערצוגיין אויף דער אַנדערער זייט, אד"גל. פּראַקטיש וויכטיק פאַר אים זיינען בלויז צוויי סיבות: דאָס גליטשיק־זיין פונעם טראָטואַר און זיין אייגן פאַרטראַכט־זיין. די דאָזיקע צוויי סיבות האָלט

ער פאַר די אמתדיקע, ווײַל פון זיי נעמט ער אַרויס דעם מוסר־השכל, אַז ער דאַרף, ערשטנס, אַכטונג געבן און, צווייטנס, אויסמײַדן גלײַכזשיקע שטעלן. און אַט דאָס זײַנען די באַדינגונגען, אויף וועלכע ער קען אײַנ־ווירקן ווען ער גייט אויף דער גאַס.

צופעליקע סיבות און אַלגעמיינע דויערנדיקע באַדינגונגען געפינט מען אין דער היסטאָריע פון איינצלנע פעלקער און פון דער ציוויליזאַציע בכלל.

לאָמיר זיך פאַרזעצן אין דער אידעאָלאָגיע פון אַ פרומען ייִדן און האַלטן פאַר היסטאָריש דאָס געשעעניש פון יציאַת־מצרים, פונקט ווי דאָס איז באַשריבן אין תורת־משה, און לאָמיר דערפון זוכן די סיבות: ווען משה וואָלט נישט געוואָרן געראַטעוועט פון בת־פרעה, ווען גאָט וואָלט נישט געווען געשפּאָלטן דעם ים אד״גל — וואָלטן מיר נאָך איצט געווען אין מצרים. פאַר דעם פרומען ייִדן איז די אמתע סיבה פון יציאַת־מצרים די ליבע פון גאָט צו זײַן פאָלק לויט דער הבטחה וואָס ער האָט געמאַכט צו אַברהם, יצחק ויעקב. און אויב ער וואָלט נישט געשפּאָלטן דעם ים, וואָלט ער זיך שוין געגעבן אַן אַנדער עצה: ער וואָלט זיי, אַ שטייגער, אַריבערגעפירט אויף די וואָלקנס אינעם געבענטשטן לאַנד אַרײַן. און אַט דער אַ גלויבן אין דער ליבע פון גאָט פאַר זײַן פאָלק האָט געהאָט פאַר די ייִדן אַ פּראַקטישן באַטײַט, ווײַל דער דאָזיקער גלויבן האָט אונדז אויפגעהאַלטן אין גלות פול מיט האָפענונג אויף דערלייזונג.

אין זײַן ווערק „געדאַנקען" געפינט מען בײַ פּאַסקאַלן (1623—1662) דעם באַקאַנטן שפּרוך: „ווען קלעאָפּאַטרע וואָלט געווען געהאַט אַ קלע־נערע נאָז וואָלט די וועלט איצט געהאַט אַן אַנדער פּנים". דאָס וויל זאָגן, אַז דער גאַנג פון דער וועלט־געשיכטע קען ווערן באַשטימט דורך אַזאַ קליינער סיבה ווי קלעאָפּאַטרעס נאָז. און טאַקע: וואָלט די עגיפּטישע קעניגין נישט געווען אַזאַ שיינהייט, וואָלט צעזאַר (101—44 פאַר קריס־טוסן) נישט געזען אין אַנטאָניוסן זײַן ריוואַל, ער וואָלט אים נישט באַ־קעמפט און געזיגט. ער וואָלט זיך נישט דערקלערט פאַר דעם רוימישן אימפּעראַטאָר און אַן זײַן דיקטאַטור וואָלט רוים זיך נישט אַנטוויקלט צו אַ וועלט־אימפּעריע און דאָס קריסטנטום וואָלט זיך נישט פאַרשפּרייט אומעטום אַז״וו. ריין לאָגיש איז נישטאָ גאָרנישט וואָס אײַנצוווענדן

קעגן דעם געדאַנק, ווײַל די לאָגיק פאָדערט נאָר אַ סיבה, און קלעאָפּאַט־רעס נאָז איז פאַר איר פּונקט אַזאַ יחסן, ווי יעדע אַנדערע סיבה. אָבער פאַרן היסטאָריקער האָט קלעאָפּאַטרע מיט איר נאָז גאָר קיין פּראַקטישן אַקטועלן ווערט נישט.

פאַרן היסטאָריקער איז וויכטיק צו קענען דעם סיסטעם פון אַלגע־מיינע סיבות, אָדער באַדינגונגען, אַ דאַנק וועלכע רוים איז געקומען צו אַזאַ געוואַלטיקן אויפבלי, און אַנדערע באַדינגונגען, וואָס האָבן שפּעטער באַווירקט רוימס אונטערגאַנג. ער וועט, למשל, אויסגעפינען, אַז רוימס אויפבלי איז געווען צו פאַרדאַנקען איר רעפּובליקאַניש־מיליטערישער אָרגאַניזאַציע און איר שפּעטערדיקער אונטערגאַנג — דער אַנטשטייונג פון אַ וועלט־אימפּעריע, וואָס האָט זיך געשטיצט עקאָנאָמיש אויף שקלאַפן־אַרבעט און מיליטעריש אויף פרעמדע לעגיאָנען, רעקרוטירט צווישן די אונטערגעיאָכטע פעלקער. די באַקאַנטשאַפט מיט אַזעלכע סיבות האָט אַ באַדײַטיקן ווערט, ווײַל זיי זײַנען באַלערנדיק אויך פאַר די הײַנטיקע מלוכות. דעריבער דאַרפן זיי געהאַלטן ווערן פאַר די אמתדיקע.

די נײַע תקופה האָט זיך אָנגעהויבן מיט עטלעכע וויכטיקע געשעע־נישן, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם רענעסאַנס:

1. די דעראָבערונג פון קאָנסטאַנטינאָפּל דורך טערקײַ (1453) האָט פון דאָרט פאַריאָגט די גריכן, וואָס האָבן מיטגעבראַכט קיין אייראָפּע די ליטעראַרישע און פילאָסאָפישע ווערק פון די אַמאָליקע גריכישע דענקער.

2. דער אויפקום פון דער דרוקערײַ אַ דאַנק דעם דײַטשן בוך־דרוקער גוטענבערג (1400—1468). דאָס האָט געדינט צו פאַרשפּרייטן די אַלטגריכישע קולטורווערק צווישן דער באַפעלקערונג.

3. די רעפאָרמאַציע פון דער קריסטלעכער רעליגיע דורך לוטערן (1483—1546). דאָס האָט די קריסטן באַפרײַט פון די קאַטוילישע דאָג־מעס און דעם מענטש צוגעוווינט צו זעלבסטקריטיק.

4. די רעוואָלוציע, וואָס קאָפּערניק האָט פאַרגענומען אין דער אַסטראָנאָמיע און וואָס האָט צוגעפירט צו נײַע רעוואָלוציעס אויפן דאָ־זיקן געביט דורך גאַלילעיען, קעפּלערן, ניוטאָנען ביז אײַנשטיינען.

5. די אַנטדעקונג פון אַמעריקע (1492) דורך קאָלאָמבוסן. דאָס

האָט צוגעפירט צו נײַע אַנטדעקונגען פון אומבאַקאַנטע לענדער און צו דער אײראָפּעיִשער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק.

אָט די געשעענישן ווערן געהאַלטן פאַר די אמתע סיבות, וואָס האָבן געפירט צום אויפקום פון דער מאָדערנער אײראָפּעיִשער קולטור, ווײַל זייער פּראַקטישן ווערט קען קיינער נישט אָפּלייקענען. פון איין זײַט דער גײַסטיקער פאַקטאָר, וואָס האָט אָפּגעבראָכן מיטן מיטל־עלטערישן אָבערגלויבן. פון דער אַנדערער זײַט — דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר: דער אויפקום, דורך דער אַנטדעקונג פון נײַע וועלטטיילן, פון רײַכע ביר־גערשיכטן, וואָס האָבן אונטערגעגראָבן די פעאָדאַלע הערשאַפט און זי פאַרביטן אויף דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט.

באַטראַכט רײן לאָגיש, איז יעדעס פון די געשעענישן געווען דער רעזולטאַט פון צאָלרײַכע סיבות לויטן נוסח „קלעאָפּאַטרעס נאָז״. אָבער אַזוי ווי פּראַקטיש האָבן זיי פאַר אונדז נישט מער ווערט ווי קלעאָפּאַט־רעס נאָז, ווערן זיי דריבער געהאַלטן ווי בלויזע „צופעליקייטן״.

אַלע אײראָפּעער זײַנען שטאָלץ אויף זייער געמיינזאַמער ציוויליזאַ־ציע און דעריבער איז צווישן זיי נישטאָ קיין שום חילוקי־דעות וועגן דעם אַלגעמיינעם לויף פון איר אַנטוויקלונג. דאָס זײַנען פאַר זיי גאַנצע אמתן. אַנדערש אָבער איז ווען מען באַטראַכט דעם לאַמענטאַבלען פּאָ־ליטישן מצב פון דער אײראָפּעיִש־קולטיווירטער וועלט. דאָ קומען שוין אויף אַנטאַגאָניסטישע אינטערעסן־ספערעס, וואָס ברענגען מיט זיך אַנ־טאַגאָניסטישע אמתן, וואָס יעדערער פון זיי האַלט זיך אין אַן אַנדערער סעריע פון סיבות און פאַקטן.

די צוויי בלאָקן, איינער אין נאָמען פון „פרײַהייט״, דער אַנדערער אין נאָמען פון „גלײַכהייט״, פירן, לעבן מיליטערישע צוגרייטונגען, אַ פאַרביטערטן אידעאָלאָגישן קאַמף, און יעדער זוכט צו איבערצײַגן די וועלט אין זײַנע אמתן. אַחוץ דעם רוקט זיך אַרויס יעדע נאַציע מיט אירע נאַציאָנאַלע אמתן און יעדע פּאַרטיי מיט אירע פּאַרטיי־אמתן צו אינטער־פּרעטירן די פּאָליטישע געשעענישן, ווי, למשל, דעם קאַמף וואָס עס פירן די קאָלאָניאַל־פעלקער פאַר זייער באַפרײַונג.

וועלכע זײַנען געווען די סיבות וואָס האָבן צוגעפירט צו דער צווײ־טער וועלט־מלחמה? אַז היטלער האָט דעם קריג אָנגעהויבן, דערמיט

זיינען מיר אַלע מסכים. אָבער צי איז דאָס עפּעס מער ווי „קלעאָפּאַטרעס נאָז״? פונעם שטאַנדפּונקט פון די אַליִירטע איז די אמתע סיבה געווען דייטשלאַנדס באַגער צו באַהערשן די וועלט. במילא איז דאָס דייטשלאַנדס שולד. לויט דער דייטשער אויפנעמונג איז די אמתע סיבה געווען דער ווערסיַיער שלום־אָפּמאַך, וואָס האָט ביַי דייטשלאַנד צוגערויבט די קאָלאָניעס, אָפּגעשניטן מיזרח־פּריַיסן דורך דעם „קאָרידאָר״ און געבראַכט אַ סך מיזעריע איבערן דייטשן פאָלק.

אַז דער דייטשער נאַציזם איז שולדיק אין אונדזער חורבן, דערויף זאָגן עדות די זעקס מיליאָן קרבנות. אַחוץ דעם טראָגט אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט דערפאַר דער מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ־אָפּמאַך און נאָך פריִער דער אָפּמאַך פון מינכען. אָבער די נאַציסטן זיינען געווען איבערגעצייגט פון אַן אַנדערן „אמת״. לויט זיי האָט די „ייִדישע פּלוטאָקראַטיע״ גורם געווען די צווייטע וועלט־מלחמה.

פאַר אונדזער שטודיע איז טיפּישער דער אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914—1918). דעמאָלט האָבן נאָך נישט עקסיסטירט קיין „פינפטע קאָלאָנעס״ אין דעם פריַינדלעכן לאַנד ווי אַנהענגער פונעם רוסישן קאָמוניזם אָדער פון דעם נאַציסטישן אַנטיסעמיטיזם. פאַר אַלע פּאָליטיקער איז עס דעמאָלט געווען אָפּנוואָר, אַז עס האַנדלט זיך וועגן „לעבנסרוים״, ד״ה קאָלאָניעס וואָס האָבן געדינט אי ווי אַן אָפּזאַצמאַרק אי פאַר אינוועסטירונג פון קאַפּיטאַל, וואָס האָט פּראָפיטירט פון דער „פריַיער״ שקלאַפן־אַרבעט. דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר איז דעמאָלט געווען די הויפּט־סיבה. פון דעסט וועגן האָט יעדע נאַציע געגלויבט, אַז זי פאַרטיידיקט די דעמאָקראַטיע און האָט וועגן דעם געהאַט אירע אייגענע אמתן. די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן האָבן אַנגעוויזן, אַז זיי פאַרטיידיקן די רעפּובליק פון „גליַיכהייט, פריַיהייט, ברידערלעכקייט״. די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, להיפּוך, האָט געפירט דעם קאַמף קעגן דעם „צאַריסטישן דעספּאָטיזם״. און יעדער איז געווען איבערגעצייגט אין זיַין אמת.

דער אַטענטאַט אויף דעם גרויסהערצאָג פון עסטרייך, די מאָבביליזאַציע פון רוסלאַנד, דער אולטימאַטום פון ווילהעלם דעם צווייטן אאַז״וו — זיינען גליַיכוועריק פון ריין לאָגישן שטאַנדפּונקט. און די דאָזיקע

סיבות האָבן אין יענעם מאָמענט אויך געהאַט זייער פּראַקטישן ווערט. יעדע רעגירונג האָט זיך מיט זיי באַנוצט אָנצוווײַזן, אַז „יענע האָט אָנגעהויבן״. איצט האָבן די דאָזיקע סיבות נישט מער ווי „קלעאָפּאַטרעס נאָז״. וויכטיק פאַר די פּאָליטיקער איז עס צו קענען דעם עקאָנאָמישן און טעכנישן צושטאַנד און די מיליטערישע צוגרייטונג פון יעדער נאַציע אין פאַל פון אַ נײַער מלחמה. פונעם פּראָלעטאַרישן ווי אויך רײַן מענטשלעכן שטאַנדפּונקט איז דער קאַפּיטאַליזם, ווייניקסטנס אין זײַן הײַנטיקער פאָרעם, די הויפּט־סיבה פאַרן אויסבראָך פון וועלט־מלחמות. עס דאַרף, במילא, געשאַפן ווערן אַזאַ וועלט־עקאָנאָמיע, וואָס זאָל פאַראוממעגלעכן ווײַטערדיקע מלחמות. אָבער לעת־עתה האָט יעדע נאַציע איר אייגענעם אמת ווי אַזוי „זיך צו פאַרטיידיקן, כדי אויסצומײַדן אַ נײַע וועלט־מלחמה״. לאָגיש לאָזט זיך נישט פעסטשטעלן, וועלכע נאַציע האָט „מער רעכט״ און אַלע דיסקוסיעס דעריבער פירן נישט ווײַטער צום „אמתדיקן אמת״.

ק אַ פּ י ט ל  פ י נ ף

# די סתירות פון מאַרקסיזם

צווישן די ראַציאָנעלע אידעאָלאָגיעס האָט דער מאַרקסיזם אויפצו־ וויַזן די גרעסטע פאַרשפּרייטונג. און דאָס נישט בלויז איצט, וואָס ער איז געוואָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד, אין כינע און אין די אַנדערע דעמאָק־ ראַטישע רעפּובליקן, אַזוי צו זאָגן, אַ שטאַטס־רעליגיע. שוין אויך פאַר דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע און פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די מאַרקסיסטישע אידעאָלאָגיע איבערגעיאָגט אַלע אַנדערע ראַציאָ־ נעלע אידעאָלאָגיעס מיט דער גרויסער צאָל פון אירע אָנהענגער. איר פאַרשפּרייטונג האָט זי נישט צו פאַרדאַנקען בלויז דעם משיחיזם, ד״ה די הבטחות, וואָס זי מאַכט די גרויסע מאַסן פּראָלעטאַריער. יעדע אידעאָ־ לאָגיע, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון דער טראַדיציאָנעלער פאַרגאַנגענהייט און איז געקערט מיטן פּנים צו דער צוקונפט, שליסט איַין אין זיך אַזאַ משיחיזם. אויך די בירגערלעכע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געהאַט פאַרגענומען צו פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל: „פריַיהייט, גליַיכהייט, ברי־ דערלעכקייט״. און ערשט טאַקע די סאָציאַליסטישע שיטות פון פאַר מאַרקסן, ווי דער סען־סימאָניזם, דער פוריעריזם און אַנדערע שיטות, וואָס מאַרקס האָט זיי באַצייכנט ווי „אוטאָפּיסטישע״, זיַינען אים כולל. און אַוודאי שוין דער אַנאַרכיזם, וואָס שטרעבט צו פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע דורך די פּראָלעטאַריער גופא און אָן דער אַריַינמישונג פון אַ רעגירונג.

וואָס עס גיט דעם מאַרקסיזם אַזאַ כוח, דאָס איז זיַין פאַרפלאָנטערט־ קייט מיט דער טאָג־טעגלעכער רעאַליטעט וואָס איז די עקאָנאָמיע, סיַי

אינעם פּריוואַט־לעבן און סײַ ווי די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, דורך וועל־כער ער באַצייכנט זיך ווי דער „וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם״. דער פון פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט פּראַקטישער אמת, אַז די עקאָנאָמיע באַ־שטימט דאָס באַוווּסטזײַן, איז פון מאַרקסן געוואָרן אַרויסגעשטעלט ווי דער פּרינציפּ פון זײַן גאַנצער טעאָריע.

פון דעסט וועגן, אָבער אויך טאַקע דערפאַר, ווײַל דער מאַרקסיזם איז אַזוי פאַרפלאָכטן מיט דער טאָג־טעגלעכער סאָציאַלער רעאַליטעט, האָט ער אין זיך אַנטוויקלט אינערלעכע סתירות און סתירות מיט אָט דער דאָזיקער רעאַליטעט. דורך זײַן רעאַליזם איז ער אַרײַן אין דער אילוזיע צו זײַן דער אמתדיקער אמת, דער אַבסאָלוטער אמת, און אויף אָט דעם יסוד האָט ער אויפגעשטעלט פאַנטאַסטישע קאָנסטרוקציעס, וואָס שטייען אין סתירה מיט דער רעאַליטעט. צו די דאָזיקע קאָנסטרוק־ציעס אָדער פּרינציפּן געהערן: די דיאַלעקטיק, די היסטאָרישע נויטווענ־דיקייט, דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם און דער קלאַסנקאַמף.

לאָמיר אָט די פּרינציפּן אַנאַליזירן און פּרוּוון אָנווײַזן וואָס עס איז אין זיי פאַראַן רעאַליסטישס און וואָס פאַנטאַסטישס.

דיאַלעקטיק. — באַגריפן, וואָס נעמען אַרום קאָנקרעטע רעאַליטעטן, ווי „טיש״, „בוים״ און „מענטש״, זײַנען פּראַקטיש אומפאַרענדערלעך. להיפּוך ווידער, באַגריפן פון סאָציאַלע אידעען, ווי „קאַפּיטאַליזם״, „סאָ־ציאַליזם״ אד״גל, וואָס האָבן געשעפּט זייער אינהאַלט אין דער היסטאָ־ריע, זײַנען אונטערגעוואָרפן פאַרענדערונגען לויט די באַדינגונגען, וואָס די צײַט ברענגט מיט זיך. אַזוי ווי דיאַלעקטיק מיינט עס צו זײַן דער מעטאָד צו באַשטימען די געזעצן פון אָט די פאַרענדערונגען, דאַרף קודם־כל דער באַגריף „דיאַלעקטיק״ ווערן אונטערגעזוכט. עס דאַרף אָנגעוויזן ווערן אויף זײַן היסטאָרישן שורש, אויף זײַן אייגענער מעטאַמאָרפאָזע און אויף זײַן רעאַלן ווערט אין אָנווענדונג אויף די סאָציאַלע געשעענישן.

בײַ דעם גריכישן פילאָסאָף פּלאַטאָן, וואָס באַהאַנדלט זײַן אייגענע פילאָסאָפיע און די פילאָסאָפיע פון זײַן רבין סאָקראַטעס, האָט דאָס וואָרט דיאַלעקטיק דעם זינען פון אַ דיאַלאָג, אַ שמועס צווישן צוויי מענטשן, וואָס ווילן זיך קלאָר מאַכן דעם ממשותדיקן אינהאַלט פון אַבסטראַקטע

אידעען, ווי גוטסקייט, גערעכטיקייט, ליבע אד״גל. לויט אים ווערן די דאָזיקע אידעען פּאַראַומרייניקט, געפעלשט דורך אונדזערע חושים און ליַידנשאַפטן. מיט דער הילף פון אַ שכלדיקן דיאַלאָג לאָזן זיי זיך דע־פינירן און אין דער דעפיניציע באַוויַיזן זיי זיך אין זייער גאַנצער ריינ־קייט. און אָט די אידעען אין זייער ריינקייט שטעלן מיט זיך פאָר די אַבסאָלוטע רעאַליטעט און זיַינען נישט אונטערגעוואָרפן קיין שום ענדע־רונגען. לויט אים, בכן, דאַרף עס די דיאַלעקטיק אויסגליַיכן די סתירות, וואָס מיר ברענגען אַריַין אין די אידעען דערפאַר, וויַיל מיר באַגריַיפן זיי שלעכט.

איז געקומען העגעל און האט פאַרגענומען אַ מין „קאָפּערניק־שע רעוואָלוציע" (נישט די זון באַוועגט זיך אַרום דער ערד, נאָר אומגע־קערט). לויט אים זיַינען די סתירות שוין בנימצא אין די אידעען גופא, אויך אין זייער גאַנצער ריינקייט. כדי צו באַגריַיפן זיי ריכטיק, דאַרפן מיר אַרויסגעפינען זייערע סתירות. דאָס קענען זיַין אינערלעכע סתירות. לדוגמא: „גערעכטיקייט" קען זיך מיט דער ציַיט פאַרוואַנדלען אין „אומ־גערעכטיקייט", וויַיל זי האָט שוין פריִער אין זיך כולל געווען אַזעלכע היפּוכדיקע עלעמענטן. אָדער זיי לאָזן זיך נאָר באַגריַיפן אין פאַרגליַיך צו היפּוכדיקע אידעען, ווי, למשל, „פריַינדשאַפט" אין פאַרגליַיך צו „פיַינדשאַפט".

שוין דער גריכישער פילאָסאָף העראַקליט (576—480 פאַר קריס־טוסן) האָט געהאַלטן, אין קאָנטראַסט צו פּלאַטאָנען, אַז יעדע רעאַליטעט איז אונטערגעוואָרפן אַ באַשטענדיקער פאַרענדערונג. העגעל האָט אָבער געגלויבט אויפצושטעלן דאָס „געזעץ" פון דער פאַרענדערונג. לויט אים זאָל זי אַדורכמאַכן אַן אַנטוויקלונג אין דריַי פאַזעס: טעזע, אַנטיטעזע און סינטעזע. די סינטעזע זאָל אין זיך כולל זיַין טעזע און אַנטיטעזע אין העכערער פאָרעם. די אידעע „גיַיסט", למשל, ווערט ערשט באַגריפן דורך איר אַנטיפּאָד „קערפּער". די סינטעזע איז „מענטש", וואָס איז אין זיך כולל אי „גיַיסט" אי „קערפּער". אַזוי האָט אינעם אַלטערטום דער באַגריף „גערעכטיקייט" געקענט גוט פאַרטראָגן דעם קאָנטראַסט: האַרן און שקלאַפן. שפּעטער, ווען דער שכל איז איבערגעגאַנגען צו אַ העכערן גערעכטיקייט־באַגריף און די שקלאַפעריַי איז געוואָרן פאַרמישפּט און

אָפּגעשאָפט, האָבן זיך אינעם דאָזיקן באַגריף געמאַכט שכלדיק נײַע היפּוכים: די סאָציאַלע קלאַסן־אונטערשיידן.

אָבער, ווי פּלאַטאָן, האַלט אויך העגעל, אַז די אידעען שטעלן מיט זיך פאָר די אמתע רעאַליטעט. די קאָנקרעטע, מאַטעריעלע עקסיסטענץ איז פון איר „בלויז" דער היפּוך. די אידעע „מענטש" איז כולל במילא מער רעאַליטעט ווי דער קאָנקרעטער מענטש, ראובן אָדער שמעון.

ווי ווײַט העגעל איז מיט זײַן לאָגיק, אָדער „דיאַלעקטיק", זיך פאַרלאָפן אויף פאַנטאַסטישע קאָנסטרוקציעס באַווײַזט זײַן שפּרוך: „אַלץ וואָס איז שכלדיק איז רעאַל און אַלץ וואָס איז רעאַל איז שכלדיק". ד״ה, אַז בלויז מיט אונדזער שכל און אָן יעדער דערפאַרונג לאָזן זיך אַרויס־געפינען די געזעצן וואָס הערשן אין דער נאַטור. ווי מיר האָבן פריִער אָנגעוויזן, פאַרלויפט זיך דער שכל אין אומבאַהאָלפענע סתירות אַפילו ווען ער נעמט פאַר אַן אויסגאַנגספּונקט די עמפּירישע נאַטור־געזעצן, ווי דאָס באַווײַזט, צום בײַשפּיל, די רעלאַטיוויטעטס־טעאָריע.

קומט מאַרקס און נעמט זיך אויך פאַר אַ „קאָפּערניקישע רעוואָ־לוציע". בשעת בײַ העגעלן שטייט די דיאַלעקטיק „אויפן קאָפּ", ד״ה אויפן יסוד פון אידעע ווי אַ רעאַליטעט, שטעלט מאַרקס די דיאַלעקטיק „אויף די פיס". לויט אים איז די מאַטעריעלע עקסיסטענץ די אמתע רעאַליטעט און די אידעע איז בלויז איר אָפּשײַן אין אונדזער מוח. אָבער מיט העגעלן האַלט ער זיך אין דער אַנטוויקלונג לויט די דרײַ פאַזעס: טעזע, אַנטיטעזע און סינטעזע.

אונטער „מאַטעריעלער עקסיסטענץ" פאַרשטייט מאַרקס דעם עקאָ־נאָמישן קאַמף, וואָס די געזעלשאַפט האָט צו פירן פאַר איר עקסיסטענץ, און דעם אופן פון פּראָדוצירן די עקסיסטענץ־מיטלען אין לויף פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. דעריבער הייסט זײַן מאַטעריאַליזם, אין אונ־טערשייד צום מאַטעריאַליזם פון די מעטאַפיזיקער, דער „היסטאָרישער מאַטעריאַליזם". וואָלט זיך מאַרקס דערבײַ געהאַלטן, וואָלט זײַן שיטה געווען דער ריכטיקער אָפּשײַן פון דער מאַטעריעלער רעאַליטעט און וואָלט מיט זיך פאָרגעשטעלט טאַקע נישט קיין עקזאַקטע וויסנשאַפט, אָבער יאָ אַן עמפּיריש וויסן אויפגעבויט אויף פאַקטן. איז עס אָבער געשען אַזוי, אַז די נײַע אידעע פון אַנטוויקלונג האָט דעמאָלט פאַרכאַפּט

די גײַסטער, און אַוודאי שוין די אַנטוויקלונג נאָך אַ באַשטימטער אָרדע־נונג, וואָס איר לעצטן גליד — די סינטעזע — האָט מאַרקס געזען אין סאָציאַליזם.

די ערשטע צוויי גלידער פון העגעלס „געזעץ" לאָזן זיך לײַכט פעסטשטעלן אין יעדער פאַרענדערונג. אַזוי, למשל, פאַראייניקן זיך וואַ־סערשטאָף (טעזע) און זויערשטאָף (אַנטיטעזע) אונטער פּראָדוצירונג פון וואַסער. אָבער האַלטן די סינטעזע פאַר אַ העכערער פאָרעם, אַזאַ אָפּשאַ־צונג קען זיך פורעמען נאָר אין אונדזער מוח. במילא שטייט נאָך אויך בײַ מאַרקסן די דיאַלעקטיק „אויפן קאָפּ". און דעריבער פאַרלויפט זיך אויך דער מאַרקסיזם אין פאַנטאַסטישע קאָנסטרוקציעס, וואָס קאָנטראַסטירן מיט זײַן עמפּירישן אינהאַלט. טיפּיש איז דער בײַשפּיל וואָס זאָל גילטן ווי ענגעלסעס אַ „באַווײַז": הלמאַי די זאַנג האָט אין זיך אַ סך קערנדלעך, שטעלט זי דעריבער מיט זיך פאַר די העכערע פאָרעם, די סינטעזע, וואָס איז אויפגעקומען דורך איין איינציק קערנדל (טעזע) און דעם שטענגל (אַנטיטעזע)! צי איז דער טויט די העכערע פאָרעם פון קינדהייט און דערוואַקסנקייט?

אַזוי ווי יעדעס געשעעניש איז דער קרייצפּונקט פון אומצייליקע סיבות, לאָזט זיך די היסטאָריע לײַכט מאַכן שכלדיק. אָבער די מיינסטע סיבות האָבן נישט פאַר אונדז קיין מער ווערט ווי קלעאָפּאַטרעס נאָז. די אויפגאַבע פון דער דיאַלעקטיק דאַרף זײַן אַרויסצוגעפינען די אמתע סיבות, ד"ה די סיבות, אויף וועלכע מיר קענען אײַנווירקן. דאָ ווערן דורך אונדז אַרויסגערופן אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג צוויי הויפּטפאַקטאָרן וואָס באַקעמפן זיך: „רעאַקציע" און „פּראָגרעס", ווי טעזע און אַנטיטעזע. אַזוי ווי מיר באַטייליקן זיך אינעם דאָזיקן קאַמף, מוזן מיר זיך רעכענען מיט די צוויי פאַקטאָרן און זיי האַלטן פאַר די אמת־דיקע. אָבער די סינטעזע, וואָס מיר ווילן פאַרווירקלעכן, איז אַ בלויזער ווונטש און קיין שום גאָט קען נישט גאַראַנטירן איר רעאַליזירונג. אַזוי האָט העגעל געהאַלטן פאַר דער העכסטער סינטעזע דעם פּרײַסישן שטאָט און פאַר דער העכסטער אידעע — זײַן אייגענע פילאָסאָפיע.

בײַ מאַרקסן, דערקעגן, טרעטן אויף ווי פאַקטאָרן פון דער היסטאָ־רישער אַנטוויקלונג די צוויי הויפּטקלאַסן: באַזיצנדיקע און באַזיצלאָזע,

קאַפּיטאַליסטן און פּראָלעטאַריער. מיט אַ ביסל פאַנטאַזיע אינעם מוח לאָזט זיך פאָרמולירן די געווינטשטע סינטעזע. אַזוי, צום בײַשפּיל, קען דער קאַפּיטאַליזם באַטראַכט ווערן ווי די סינטעזע פון דעם פעאָדאַלן קלאַסנקאַמף. בשעת אין דער פעאָדאַלער עפּאָכע זײַנען אי די פּריצים אי די לײַבאייגענע געווען געבונדן אינעם ערדבאַזיץ, טרעטן איצט אויף אי די קאַפּיטאַליסטן אי די אַרבעטער ווי „פרײַע מענטשן". דער געווינטשטער סאָציאַליזם קען ווידער באַטראַכט ווערן ווי די סינטעזע פון די אַנטיפּאָדן, וואָס טרעטן אויף אינעם קאַפּיטאַליזם: אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט יעדער אַרבעטן און יעדער וועט געניסן ווי אַ „קאַפּיטאַליסט" פון דעם אַקומולירטן סאָציאַלן קאַפּיטאַל. — די פאַנטאַזיע האָט ברייטן שפּילרוים. ס'איז נישט קיין נפקא־מינא וואָס עס וואָלט געקומען נאָך דעם פעאָדאַליזם; און וואָס עס וועט קומען נאָך דעם קאַפּיטאַליזם וועט דאָס מיט זיך אַלץ איינס פאָרשטעלן די „העכערע פאָרעם", די „סינטעזע", וואָס איז אין זיך כולל „טעזע" און „אַנטיטעזע".

במילא, באַשטייט דער פּראַקטישער ווערט פון דער דיאַלעקטיק: ערשטנס, אין דער אידעע פון אַנטוויקלונג וואָס נעמט אַרום אַלע רעאַליטעטן; צווייטנס, אין אַרויסזוכן, בנוגע דער היסטאָריש־סאָציאַלער רעאַליטעט, די זיך באַקעמפנדיקע אַנטיפּאָדן, פון וועלכע דער רעוואָלוציאָנערער פאַקטאָר וועט מיט זיך פאָרשטעלן די אַנטיטעזע. וואָס איז שײַך דעם סאָציאַליזם ווי אַ סינטעזע, איז ער בלויז אונדזער ווונטש אים צו רעאַליזירן.

היסטאָרישע נויטווענדיקייט. — די מאַרקסיסטן באַטראַכטן די גאַנצע היסטאָריע ווי אַ נויטווענדיקן פּראָצעס וואָס גייט פאַר זיך אין אָט די פאַזעס: פּרימיטיווער קאָמוניזם — שקלאַפן־ווירטשאַפט — פעאָדאַליזם — קאַפּיטאַליזם, און דאָס לעצטע מוז נויטווענדיק צופירן צום סאָציאַליזם. די אידעע פון היסטאָרישער נויטווענדיקייט איז ווידער אַ פּראָדוקט, וואָס איז אויפגעקומען אין העגעלס מוח און וואָס די מאַרקסיסטן האָבן איבערגענומען בירושה גלײַכצײַטיק מיט דער דיאַלעקטיק, וואָס איז געבליבן אויך בײַ מאַרקסן „שטיין אויפן קאָפּ". לויט העגעלן איז די וועלט בכלל, און די מענטשלעכע היסטאָריע בפרט, די פאַרווירקלעכונג פון אַן אַבסאָלוטן שׂכל, אַ מין שפּינאָזישער גאָט, אין זײַן דינאַ־

מיש־דיאַלעקטישער אַנטוויקלונג. במילא איז די היסטאָריע אַ נויטווענדיקער און פּראָגרעסיווער פּראָצעס. ביי מאַרקסן האָט נאָך בייגעטראָגן דער פּראָגרעס פון דער וויסנשאַפט אין 19טן יאָרהונדערט. דער וויסנשאַפטלעכער דעטערמיניזם — דהיינו, אַז אונטער גלייכע באַדינגונגען קומען אויף גלייכע דערשיינונגען, — וואָס האָט זיך באַפרייט פון דעם מעטאַפיזישן אידעאַליזם, האָט זיך איבערגעטראָגן אויף דער היסטאָריע און געמאַכט איצט פון דעטערמיניזם אַן אַבסאָלוטן מעטאַפיזישן פּרינציפּ. מען האָט פאַרגעסן, אַז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר פון דער היסטאָריע איז דער מענטשלעכער ווילן, וואָס איז וויסנשאַפטלעך נישט דעטערמינירט. זאָגן, אַז דער ווילן איז אַבסאָלוט דעטערמינירט — דאָס איז אַן אידעע אָן אַ פאַקטישער דעקונג און איז אין סתירה מיט אונדזער געפיל פון פרייען ווילן, וואָס איז אויך אַזאַ יחסן, ווי דאָס געפיל, אַז „יעדעס געשעעניש מוז האָבן אַ סיבה".

אויפן יסוד פון געשריבענע און נישט־געשריבענע דאָקומענטן, וואָס זיינען געוואָרן אָנגעזאַמלט אין משך פון טויזנטער יאָרן, שטעלט מיט זיך די היסטאָריע פאָר אַ טעקסט, וואָס יעדער קען אים לייענען. שוין אין די עלעמענטאַר־שולן טרעט ער אַריין ווי אַ וויכטיקער לימוד. קיינער געפינט אין אים נישט קיין סתירה מיט דער לאָגיק, כאָטש די אויסטייטשונגען פון דעם דאָזיקן טעקסט זיינען זיך אויך אַזוי סותר, פונקט ווי די אידעאָלאָגיעס פון די היסטאָריקער וואָס טייטשן אים אויס. יעדע רעליגיע, יעדע נאַציע און יעדער פאַרטיי ברענגט אַריין אינעם טעקסט אַן אַנדער אויסטייטשונג, אַן אַנדערן שכלדיקן צוזאַמענהאַנג פון די געשעענישן לויט סיבות און עפעקטן. דאָס נעמט זיך דערפון וואָס די לאָגיק איז פון עקסטרעמער באַשיידנקייט. זי טענהט בלויז, אַז גאָרנישט געשעט אָן אַ סיבה. אָבער אויך די אומבאַדייטנדיקסטע, אָדער אויך אַן איינגערעדטע, סיבה באַפרידיקט זי שוין. דאָס זעט מען אויך ביי קינדער. יעדער „דערפאַר ווייל" איז אַ באַפרידיקנדיקער ענטפער אויף זיין „פאַר וואָס?" דערפון קומט די אָבערגלויבערײַ, דאָס גלייבן אין שדים און רוחות, אין ניסים ונפלאות. — „פאַר וואָס איז דאָס קינד פלוצלינג קראַנק געוואָרן?" — „ווייל מען האָט אים געגעבן אַן עין־הרע". ווייל מען אָבער אָפּשפּרעכן דעם „עין־הרע" אָדער אָנווענדן איינגעבילדעטע סיבות צו פאַרטרייבן די

„שדים״, באַווײַזן זיי זיך „ווערט פאַר דער קאַץ״. ווײַל די צוקונפט איז אַ נישט־געשריבן בלאַט און דערויף לאָזן זיך בלויז אויפשרײַבן אונדזערע ווונטשן, און כדי זיי צו רעאַליזירן, מוז מען שוין אָנווענדן גאַנץ אַנדערע מיטלען ווי בלויז לאָגישע סיבות. די מיטלען מוזן ווערן אויסגעפּרובירט אויף זייער ווירקזאַמקייט.

אַזוי ווי יעדער געשעעניש איז דער קרייצפּונקט פון אומצייליקע סיבות, איז פּאַר עפּעס, וואָס איז שוין געשען, לײַכט צו געפינען די דערקלערונג, און אַזאַ דערקלערונג, וואָס באַפרידיקט דעם ווונטש פון דעם היסטאָריקער. אויב עס זאָל חס ושלום אויסברעכן אַ דריטע וועלט־מלחמה, וועט דער איצטיקער „קאַלטער קריג״ דערפון זײַן אַ שכלדיקע דערקלערונג. אָבער אויפן יסוד פונעם „קאַלטן קריג״, ווי אַ סיבה, לאָזט זיך נישט פאָרויסזאָגן דער אויסבראַך פון אַ דריטער וועלט־מלחמה. יעדן פאַלס נישט פאַר אומפאַרמײַדלעך. אין דער היסטאָריע געשעט דאָס, וואָס אין פריוואַטן לעבן, נאָר עס געשעט אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב. אויב ראובן און שמעון האָבן צווישן זיך אַ סיכסוך, אַזוי לאָזט זיך, אויפן יסוד פון אונדזערע דערפאַרונגען, פאָרויסזאָגן, אַז עס וועט קומען צו אַ בלוטיקן געשלעג. עס קען אָבער אויך קומען צו אַ פּשרה. עס איז שוין אַ גרויסער אונטערשייד צווישן שכלדיק און וויסנשאַפטלעך און בפרט נאָך צווישן שכלדיק און אַבסאָלוט נויטווענדיק. די היסטאָריע איז שכלדיק דערפאַר, ווײַל מיר מאַכן זי שכלדיק, פּונקט ווי מיר רעגולירן אונדזער פּריוואַט־לעבן לויט די שכלדיק געמאַכטע איבערלעבענישן, ד״ה: לויט אונדזערע דערפאַרונגען. די היסטאָריע איז אָבער נישט וויסנשאַפטלעך, אינעם זינען פון עקזאַקטער געזעצלעכקייט, ווײַל מיט אונדזערע קורצע דערפאַרונגען קענען מיר נישט פאָרויסזאָגן וואָס עס מוז קומען, גלײַך ווי דער אַסטראָנאָם זאָגט פאָרויס אַ זונען־פינצטערניש. אַפילו די וועטער־באַריכטן לאָזן זיך מעלדן פאָרויס בלויז מיט אַ געוויסער וואָרשײַנלעכקייט און בלויז פאַרן קומענדיקן טאָג. און די סאָציאַלע באַציִונגען זײַנען פילפאַך קאָמפּליצירטער, ווי דאָס וועטער.

דערפאַר וואָס די היסטאָריע איז נאָר שכלדיק אָבער נישט וויסנשאַפטלעך, לאָזט זיך גאַנץ גוט דערקלערן דער קאַפּיטאַליזם ווי דער רעזולטאַט פון פעאָדאַליזם און דער פעאָדאַליזם ווי דער רעזולטאַט פון

דער שקלאַפֿן־ווירטשאַפֿט. מיר קענען אָבער נישט אָננעמען, להיפּוך, אַז די שקלאַפֿן־ווירטשאַפֿט מוז שטענדיק מיט זיך ברענגען דעם פֿעאָדאַליזם, וואָס מוז שפּעטער מיט זיך ברענגען דעם קאַפּיטאַליזם. וואָלטן די אייראָפּעיִשע מלוכות נישט געווען אַרײַנגעדרונגען מיט געוואַלד אין כינע, וואָלט די דאָזיקע מדינה אפשר אויף שטענדיק געבליבן אין פֿעאָדאַלן צושטאַנד. אויך אין אייראָפּע גופא האָט דער פֿעאָדאַליזם זיך אַנטוויקלט צום קאַפּיטאַליזם נישט בלויז דיאַלעקטיש דורך זײַנע אינערלעכע קאָנטראַסטן, נאָר באַזונדערש אַ דאַנק די אַנטדעקונגען פֿון נײַע וועלטטיילן און אַ דאַנק די טעכנישע אויסגעפֿינסן — געשעענישן, וואָס שטייען נישט אין נויטווענדיקן צוזאַמענהאַנג מיט דער פֿעאָדאַלער ווירטשאַפֿט. די דיאַלעקטיק, ד״ה דער לאָגישער אַנאַליז פֿון דעם היסטאָרישן געשעעניש, קען גאָרנישט נוצן צו דערקונדיקן זיך די צוקונפֿט. אויב מען זעט אַ רײַכן באַנקיר מאַכן באַנקראָט בײַ אַ ביז גאָר גינציקער געשעפֿטס־קאָניונקטור, און מען נעמט זיך דערפֿון צו זוכן די אינעווייניקע סיבות, געפֿינט מען טאָקע אויס, אַז ער האָט געלעבט „ווי גאָט אין פֿראַנקרײַך", אַז די הוצאות זײַנען געווען אומפֿאַרגלײַכלעך גרעסער פֿאַר די הכנסות. דיאַלעקטיש לאָזט זיך זײַן באַנקראָט אַזוי פֿאָרמולירן: דאָס רײַכטום אַנטוויקלט „זײַנע אייגענע טויטן־גרעבער", דהײַנו: דעם באַגער דאָס געלט צו פֿאַרשווענדן. דער דאָזיקער כלל שליסט אײַן אין זיך אַ געוויסן אמת, וואָס באַזירט זיך אויף דערפֿאַרונגען אָבער וואָס האָט נישט דעם ווערט פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעכן געזעץ און שוין אַוודאי נישט פֿון אַן אַבסאָלוט גילטיקן פּרינציפּ. און טאָקע: עס זײַנען פֿאַראַן רײַכע וואָס ווערן כסדר רײַכער, ווײַל זייער גרעסטע תאווה באַשטייט אין אָנזאַמלען אוצרות.

בנוגע זײַן פּריוואַט־לעבן איז דער מענטש באַוואָפֿנט מיט טויזנטערליי דערפֿאַרונגען, וואָס באַלערנען אים, ווי אַזוי זיך צו באַנעמען אי צו דער נאַטור אי צו זײַנע מיטמענטשן; דערפֿאַרונגען, וואָס זײַנען אָנגעזאַמלט אין זײַן זכרון און אָן וועלכע ער וואָלט נישט געקענט עקסיסטירן. די באַציִונגען צו זײַנע מיטמענטשן רעגולירט ער נישט דורך קיין שום וויסנשאַפֿטלעכע נאָרמעס, ער טרעט אויך נישט אַרײַן אין די דאָזיקע באַציִונגען ווי אַ דעטערמיניסטיש־פֿאַטאַליסטישער אויטאָמאַט אָדער ראָבאָט. דעריבער מאַכט ער אָן אַ שיעור טעותן; טעותן, וואָס באַלערנען

אים און מאַכן אים יעדן טאָג געניטער, שכלדיקער. און אַוודאי שוין איז עס אַזוי בנוגע אַ סאָציאַלער גרופּע, פון וועלכער די דערפאַרונגען ווערן נישט אויפגענומען אין קיין „סאָציאַלן מוח״, נאָר בלויז פאַרצייכנט. איר פאַרגאַנגענהייט, אָדער די היסטאָריע בכלל, איז פאַר איר נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ געביט פון דערפאַרונגען, וואָס זאָל איר דינען צו רעאַליזירן אירע סאָציאַלע טענדענצן. די אילוזיע „היסטאָרישע נויט־ווענדיקייט״ נעמט זיך פון דעם לאָגישן כלל, אַז יעדער פאַקט האָט זײַן סיבה. אַזוי ווי אין דער היסטאָריע פעלן נישט קיין סיבות, דערשײַנט פאַר אונדז, במילא, די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט ווי אַ נויטווענדיקער צוזאַ־מענהאַנג, וואָס מיר זײַנען גענייגט אַריבערצוטראָגן אויף דער צוקונפט און אַזוי אַרום צו נעמען אונדזערע השערות פאַר נויטווענדיקייטן. די דאָזיקע אילוזיע ווערט פּילפּאָך פאַרשטאַרקט דורכן גלויבן אין אַ נויט־ווענדיקן פּראָגרעס לויט דער סכעמע: טעזע — אַנטיטעזע — סינטעזע.

אַזוי, למשל, ווערט דער קאַפּיטאַליזם געהאַלטן פאַר אַ „היסטאָרי־שער נויטווענדיקייט״ אויפן יסוד פון די סתירות, וואָס דער שכל האָט דיאַלעקטיש אַרויסגעפונען אין דער פאַרקאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע. איצט ווערן אַרויסגעזוכט די סתירות פונעם קאַפּיטאַליזם גופא און מען קומט צום שלוס, אַז אַזוי גוט ווי דער קאַפּיטאַליזם האָט געמוזט אויפקומען, היות ער איז דאָך טאַקע אויפגעקומען, אַזוי וועט אויך דער סאָציאַליזם מוזן אויפקומען ווי אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט. אין דער אמתן ווײַזן אָן די אינעווייניקסטע סתירות פונעם קאַפּיטאַליזם, — סתירות ווי קאַ־פּיטאַל־קאָנצענטראַציע — מאַסן־פּראָלעטאַריזירונג, סאָציאַלע פּראָדוק־ציע — אינדיווידועלער באַזיץ, איבערפּראָדוקציע — אונטערקאָנסומאַציע, — אויף גאָר אַ סך עלעמענטן פאַר אַ גינציקער קאָניונקטור, אויב מיר ווילן פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם. אַז דער סאָציאַליזם איז נישט קיין היסטאָרישע נויטווענדיקייט באַווײַזט דער פאַקט, אַז די זעלבע קאָניונק־טור האָט אויך באַגינציקט די אַנטשטייונג פון היטלעריזם. און וואָלט ער נישט געוואָרן באַזיגט דורך דער איבערמאַכט פון די אַלײַרטע, וואָלט זיך אפשר פאַרווירקלעכט דאָס „טויזנטיאָריקע רײַך״ וועגן וועלכן היט־לער האָט געטרוימט.

ווי יעדע דאָגמע וואָס האָט נישט קיין רעאַלן יסוד, אַזוי האָט אויך

די אידעע פון „היסטאָרישער נויטווענדיקייט" געמוזט געפינען אַ תיקון. די מאַרקסיסטן רופן דאָס „געבורטסהילף": דער סאָציאַליזם איז טאַקע אַ היסטאָריש נויטווענדיקער פּראָדוקט, אָבער דער מענטש מוז צוהעלפן צו זײַן פאַרווירקלעכונג. — און זי האָט אויך בײַגעטראָגן צו שפּאַלטונגען אין די מאַרקסיסטישע רייען. הײַנט צו טאָג שטייען זיך פײַנדלעך קעגן־איבער סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן. לויט די ערשטע דאַרף די „געבורטס־הילף" באַשטיין אין פּאַמעלעכע רעפאָרמען דורכן בירגערלעכן פּאַרלאַ־מענט, לויט די לעצטע דאַרף ווערן פאַרגענומען אַ „געוואַלד־אָפּעראַציע" דורך דער דיקטאַטור. לענין, פון זײַן זײַט, האָט אין דער „היסטאָרישער נויטווענדיקייט" אַרײַנגעבראַכט אַ תיקון: כאָטש רוסלאַנד איז געווען צום ווייניקסטן אינדוסטריאַליזירט, האָט זיך דאָרט געמוזט אָנהייבן די סאָ־ציאַלע וועלט־רעוואָלוציע, ווײַל דאָס איז געווען „דער שוואַכסטער רינג אין דער קאַפּיטאַליסטישער קייט". און פון דער „וועלט־רעוואָלוציע" איז בײַ סטאַלינען געוואָרן „די רעוואָלוציע אין איין לאַנד".

די אידעע „היסטאָרישע נויטווענדיקייט" האָט אָבער די מעלה, וואָס זי ווײַזט אָן דעם סאָציאַל־פּאָליטיקער אויף דער וויכטיקייט פון היסטאָ־רישע אַנאַליזן. די פאַרגאַנגענע סאָציאַלע קאַמפן און די באַדינגונגען, וואָס האָבן באַגינציקט אַזאַ אָדער אַן אַנדערע סאָציאַלע גרופּע, שטעלן מיט זיך פאָר אַ געביט פון רײַכע דערפאַרונגען, וואָס דער סאָציאַל־פּאָליטיקער מוז זיך אָנאייגענען כדי צו רעאַליזירן זײַן טענדענץ. אין דער אמתן קען די געבורט פון אַ נײַער סאָציאַלער אָרדענונג קומען נאָר פון אונדז גופא און די דרויסנדיקע באַדינגונגען דאַרפן דינען צו פאַרלײַכ־טערן די געבורט.

היסטאָרישער מאַטעריאַליזם. — מאַרקס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ לעבנס־אויפגאַבע צו קעמפן פאַר אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפטס־אָרדענונג. פאַר זײַן פאַרש־געביט האָט ער געמאַכט דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, אַ שיטה, לויט וועלכער די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוק־טור פון יעדער עפּאָכע פורעמט אויס דעם יסוד פאַר אַלע אירע קולטור־דערשײַנונגען. פון דער דאָזיקער סטרוקטור ווי אַן אונטערבוי לאָזן זיך אָפּלייטן און דערקלערן אַלע העכערע עטאַזשן פון דער באַטרעפנדיקער קולטור, נישט בלויז די יורידישע און פּאָליטישע אינסטיטוציעס, נאָר

אַפילו דער אופן פון קונסט און רעליגיע. דאָס איז אַ ספּעציעלער מאַ־טעריאַליזם, וואָס קען אויך באַצייכנט ווערן מיט „עקאָנאָמיזם״ און וואָס באַציט זיך בלויז אויף סאָציאָלאָגישע פאָרשונגען. מיר האָבן שוין אָנ־געוויזן, אַז דער קאָסמאָלאָגישער מאַטעריאַליזם, וואָס האָט געפונען זײַן פאָרטרעטער אינעם אַלטגריכישן פילאָסאָף דעמאָקריט, נעמט אָן, אַז דער עצם פון דער וועלט איז אַן אָנלעבנדיקער שטאָף אָדער מאַטעריע, וואָס ווערט געבראַכט אין באַוועגונג דורך אַן אָנלעבנדיקער קראַפט אָדער ענערגיע. פון וואַנען נעמט זיך אָבער דאָס לעבן? ווי אַזוי קען פון אַ טויטן שטאָף אויפקומען אַפילו דער מינדסטער לעבנס־אויסדרוק, ווי אַ שפּי־רונג? דערויף האָט נישט דער קאָסמאָלאָגישער מאַטעריאַליזם, וואָס איז ריינע מעטאַפיזיק, קיין שום באַפרידיקנדיקן ענטפער. נישט בלויז לאָזט זיך דאָס נישט משיג זײַן, נאָר אויך עקספּערימענטאַל איז עס קיין מאָל נישט געלונגען צו סינטעטיזירן אַ מאָלעקול, וואָס זאָל באַזיצן לעבנס־אייגנשאַפטן, ווי, למשל, רעפּראָדוקציע, וואָס עס באַזיצן אַפילו די נידע־ריקסטע פלאַנצן. איז דאָס געווען ריכטיק מצד מאַרקסן צו לאָזן די מע־טאַפיזיק פאַר די מעטאַפיזיקער און אָפּצוגרענעצן זײַן געביט אויף סאָ־ציאָלאָגישע פאָרשונגען, בײַ וועלכע דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר דאַרף זיכער שפּילן אַ הויפּטראָלע. אָבער באַלד איז דער דאָזיקער פאַקטאָר דערהויבן געוואָרן פון די מאַרקסיסטן, שוין אָנהייבנדיק מיט ענגעלסן, צו אַ מעטאַפיזישן פּרינציפּ, צו „סיבת כל הסיבות״. במילא איז דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, אַנשטאָט אויסצופאָרמירן אַ וויכטיקן בײַ־טראָג צו דער סאָציאָלאָגיע, געוואָרן פאַרגליווערט צו אַ דאָגמע פון דער מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע.

עס איז אויך גאָרנישט באַגרינדעט צו גלויבן, אַז וויסנשאַפט, קונסט און מאָראַל זײַנען בלויז רעפלעקסן אין אונדזער מוח פון אַ באַשטימטער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור. ריין לאָגיש איז איין סיבה אויף פּונקט אַזאַ יחסן ווי אַן אַנדערע. און פּראַקטיש זײַנען מאָראַלישע סיבות פאַקטן, וואָס קיינער קען זיי נישט פאַרלייקענען. און גראַד בײַ די פאָלקסמאַסן, וואָס האָבן צום מיינסטן צו לײַדן עקאָנאָמיש, שפּילט דער מאָראַלישער פאַקטאָר אַ גרויסע ראָלע. דאָס ווייסן די דיפּלאָמאַטן גאַנץ גוט און ווען עס קומט צו אַ קריגס־דערקלערונג, ווערט נאָר גערעדט וועגן קאַמף

פאַר פרײַהייט, גערעכטיקייט אאַז״וו. זיכער, בײַ אַ גוטער עקאָנאָמישער קאָניונקטור בליִען אויף קונסט און וויסנשאַפט און די מאָראַל איז אויך אַ בעסערע. אָבער דאָס זײַנען נאָר באַגינציקנדיקע עקאָנאָמישע באַדינ־גונגען און נישט קיין דירעקטע סיבות. ווי אַ באַווײַז קענען דינען די דירעקטע שעפער פון קונסט און וויסנשאַפט, וואָס פּראָדוצירן אָפט זייע־רע ווערק אונטער די ערגסטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען; די טויזנטער מענטשן, ייִדן און קריסטן, וואָס זײַנען געגאַנגען אויף קידוש־השם פאַר זייער רעליגיע און די טויזנטער פרײַוויליקע, וואָס זײַנען זיך מקריב פאַר דער אידעע בשעת אַ מלחמה אָדער רעוואָלוציע. דעריבער זײַנען די מאַרקסיסטן געווען געצוווּנגען צו מאַכן אַ געוויסע קאָנצעסיע און זאָגן, אַז דער דעטערמינירנדיקער פאַקטאָר איז טאַקע דער עקאָנאָמישער, אָבער דער גײַסט האָט אויך זײַן ווירקונג אָדער צוריקווירקונג.

באַהאַנדלען מיר אָבער דעם אַנטיפּאָד גײַסט — עקאָנאָמיע, אָדער איבערבוי — אונטערבוי פון דער לעבנס־טעטיקייט, נישט ווי מעטאַפּי־זיקער, נאָר ווי פּראַקטיקער, ווערט עס אונדז קלאָר, אַז יעדער פון זיי בײדע דאַרף געהאַלטן ווערן ווי דער דעטערמינירנדיקער אין אַ באַ־שטימטער טעטיקייט־ספערע; אַז יעדער איינער אין זײַן ספערע האָט אויסווירקונגען, וואָס מאַכן פון אים די „אמתע סיבה״. דער גײַסטיקער פאַקטאָר האָט די מעלה פון לײַכטער צוגענגלעכקייט צו אונדזער אייגע־נעם גײַסט. יעדער מענטש האָט דאָס געפיל פאַר גערעכטיקייט, פרײַהייט אאַז״וו. ווען ראובן איז אין כעס אויף שמעונען, ווײַל ער האָט אים באַ־ליידיקט, איז דאָס אונדז באַלד פאַרשטענדלעך. אין די צווישנמענטשלעכע טאָג־טעגלעכע באַציִונגען שפּילן די גײַסטיק־מאָראַלישע סיבות אַ באַ־דײַטנדיקע ראָלע אונדז שכלדיק צו מאַכן די מענטשלעכע האַנדלונגען און צו באַרײַכערן אונדזער עמפּיריש וויסן. דאָס ווייסן אויך די אָנפירער פון פאָלקסמאַסן, ווי נאַציעס, פּאַרטייען אד״גל. כדי זיי צו באַגײַסטערן פאַר באַשטימטע אַקציעס, ווערן אַרויסגעשטעלט לאָזונגען ווי „גערעכ־טיקייט״, „פרײַהייט״ אד״גל. דער גײַסטיקער פאַקטאָר האָט אָבער דעם חסרון וואָס ער איז פון סוביעקטיווער נאַטור און לאָזט זיך נישט וויסנ־שאַפטלעך באַהאַנדלען. עס איז נישטאָ קיין מאָס, קיין מעטער און קיין געוויכט צו מעסטן אָדער צו וועגן די גערעכטיקייט אָדער די פרײַהייט.

אַזאַ מעלה באַזיצט אָבער יאָ דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר און דאָס מאַכט פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע אַן ערנצטע ווּיסנשאַפט. אַזאַ וויסנשאַפט־לעכע שכלדיקייט איז נישט צוגענגלעך פאַר די פאָלקסמאַסן, אָבער איז פון גרויסער אָנווענדונג, פון גרויסער אמת־פאַרוועָרטונג, פאַר דיפּלאָ־מאַטן און סאָציאַל־פּאָליטיקער וואָס פירן אָן די מאַסן. די מיצווה „ואהבת לרעך כמוך" איז יעדן פאַרשטענדלעך, אָבער „דאָס קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקסן פאָדערט אַן ערנצטע שטודיע.

פאַר אַ בײַשפּיל קען אונדז דינען די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלו־ציע. דערקלערט מען זי ווי אַ רעזולטאַט פון דער אויפקלער־אַרבעט פון די ענציקלאָפּעדיסטן, ווי וואָלטער, דידעראָ א״אַנד, באַפרידיקט דאָס באַלד דעם שכל. מיר ווייסן פון טאָג־טעגלעכן לעבן, אַז אויפקלערונג ווירקט, היות אַלע סאָציאַלע טעטיקייטן ווערן געבראַכט אין גאַנג דורך דער הילף פון שפּראַך און אויסטויש פון אידעען. דערקלערט מען זי אָבער ווי אַ רעזולטאַט פון דעם מעכטיק געוואַרענעם קאַפּיטאַליזם אין קאַמף קעגן דעם שוין פאַרפוילטן פעאָדאַליזם, פאָדערט דאָס שוין אַ לענגערע שטודיע, כדי זיך צו מאַכן שכלדיק דעם דאָזיקן זיך אַפּוויקלענדיקן פּראָ־צעס. דערפאַר איז אַזאַ שטודיע, וואָס שטיצט זיך אויף סטאַטיסטיק און קאָנקרעטע פאַקטן, זייער ווערטפול צו באַשטימען אַ זעלביקע קאָניונקטור, וואָס איז גינציק פאַר אַ רעוואָלוציע. פונקט ווי בײַ דער באַהאַנדלטער אַנטינאָמיע „דעטערמיניזם — פרײַער ווילן", לאָזט זיך אויך דאָ זאָגן, אַז דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר איז וויכטיק פאַר דער סאָציאַל־פּאָליטי־שער שטודיע און דער מאָראַלישער פאַקטאָר — פאַר פּראָפּאַגאַנדע און סאָציאַלער טעטיקייט. דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם איז במילא כולל אַ גרויס שטיק אמת. דער העכערער אמת דאַרף אָבער אַזוי פאָרמולירט ווערן: בעת מיר שטודירן סאָציאַל־פּאָליטיק איז אַ גרויסע מעלה צו באַ־טראַכטן די עקאָנאָמיע ווי דעם יסוד פון דעם אידעאָלאָגישן איבערבוי.

ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן שטייט דער היסטאָרישער מאַטעריאַ־ליזם אין זײַן אַבסאָלוטער פאָרמולירונג אַזוי אין סתירה מיט דער סאָ־ציאַלער רעאַליטעט, אַז די מאַרקסיסטן האָבן זיך געזען געצוווּנגען אָנצו־נעמען די צוריקווירקונג פון דעם גײַסט אויף דער עקאָנאָמיע. אין די דיסקוסיעס, וואָס ווערן איצט געפירט צווישן מאַרקסיסטן און זייערע

קעגנערס, ווערט אָפט געשטעלט די פראַגע, וואָס פוןביידע איז די „ערשטע סיבה": צי איז דאָס דער גײַסט, דהײַנו דער געדאַנק, אָדער צי איז דאָס די עקאָנאָמיע, דהײַנו דער עקאָנאָמישער אינסטינקט. אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן איז יעדע עקאָנאָמישע טענדענץ פֿאַרבונדן מיט אַ געדאַנק. עס זײַנען אָבער דאָ געדאַנקען אָן אַן עקאָנאָמישן אינהאַלט, למשל, געדאַנקען וועגן קונסט. וויל מען אָבער פֿאַר יעדן געדאַנק זוכן אַן עקאָנאָמישע סיבה, איז דאָס ריין לאָגיש אויסגעהאַלטן, ווײַל די לאָגיק וויל האָבן סתם סיבות און דאגהט זיך נישט וועגן זייער אינהאַלט. די אַרויסגעזוכטע סיבות דאַרפֿן אָבער באַפֿרידיקן דעם שכל און זיך נישט סותר זײַן מיט די אַנדערע שכלדיקע דערפֿאַרונגען. וואָס פֿאַר אַן עקאָנאָמישע פֿאַקטאָרן מען זאָל נישט אַרויסגעפֿינען, זײַנען זיי ווידער דער רעזולטאַט פֿון גײַסטיקער אַקטיוויטעט. מיר קומען, אַזוי אַרום, צו אַ לאַנגער היסטאָרישער קייט פֿון סיבות: עקאָנאָמיע — גײַסט — עקאָ־נאָמיע — גײַסט אאַז״וו. צו פֿרעגן אויף גאָר דער ערשטער סיבה איז אומלאָגיש, ווײַל די סיבה כל הסיבות איז כולל, ווי מיר האָבן שוין אָנ־געוויזן, אַ לאָגישע סתירה. אַחוץ דעם האָט די סיבה פֿון ששת ימי בראשית גאָר קיין באַטײַט נישט פֿאַר דער אַקטועלער טעטיקייט. כאָטש דאָס פֿאַסט זייער צו דער דיסקוסיע: וואָס איז געוועזן פֿריִער, דאָס איי אָדער די הון, — לאָזט זיך פֿון דעסט וועגן געפֿינען אַן אויסגלײַך. דהײַנו: בײַ יעדער ספּעציעלער שטודיע צו נעמען דאָס, וואָס איז פּראַקטישער ווי אַן אויסגאַנגספּונקט, ווי אַן „ערשטע סיבה". בעת מען שטודירט דעם היסטאָרישן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פֿון דער עקאָנאָמיע, וועט מען אַוודאי טאָן גוט אַז מען וועט נעמען פֿאַר אַן אויסגאַנגספּונקט די פּרימיטיווע עקאָנאָמישע באַדינגונגען און די גײַסטיקע טעטיקייט וועט מען בלויז נוצן פֿאַר „איבערבוי", ד״ה, ווי צעמענט צווישן צוויי עקאָנאָמישע „בוי־עלעמענטן" אָדער עפּאָכעס. שטודירט מען אָבער קונסט־געשיכטע אָדער די אַנטוויקלונג פֿון די וויסנשאַפֿטן, איז עס פּראַקטישער צו באַטראַכטן די עקאָנאָמישע באַדינגונגען ווי בלויזע ראָמען אָדער „אונטערבוי" פֿאַר זייער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס. בנוגע פֿאָליטיק האַלטן זיך, ווי געזאָגט, ביידע פֿאַקטאָרן אין גלײַכגעוויכט: די עקאָנאָמיע איז וויכטיק פֿאַר דער שטודיע און דער גײַסטיקער פֿאַקטאָר — פֿאַר דער אַקטיוויטעט.

אַזוי, למשל, לאָזט זיך די אײַנשטיינישע רעלאַטיוויטעטס־טעאָריע נישט צוריקפירן אויף עקאָנאָמישע סיבות, כאָטש מיר ווייסן, אַז צו דער אויפקומונג פון אַזאַ טעאָריע איז נייטיק פאַר אַן „אונטערבוי״ די מאָדערנע אינדוסטריע מיט אירע גענויִקייטס־אינסטרומענטן. וויל זיך אָבער עמעצער פאַרעקשנען און זאָגן, אַז עקאָנאָמישע סיבות מוזן באמת זײַן, איז דאָס אויך אַזוי „שכלדיק״, ווי ווען ער זאָגט, אַז ער פאַרמאָגט אַ מיליאָן דאָלאַר, נאָר זיי ליגן אין דער מלוכה־באַנק און ער וועט זיי קיין מאָל נישט טאָרן אַרויסנעמען. סיבות זײַנען אמתדיקע נאָר דעמאָלט, ווען מען קען אָנווײַזן מיט די פינגער און זאָגן: אָט דאָ זײַנען זיי. דערקעגן אָבער לאָזט זיך שכלדיק דערקלערן דער אויפקום פון דער אײַנשטייניִשער טעאָריע, ווען מען זוכט אירע סיבות בײַ די פריִערדיקע וויסנשאַפטלעכע דענקער, אָנהייבנדיק מיט דער מעכאַניק פון גאַלילעי.

קלאַסנקאַמף. — דער באַגריף „קלאַסנקאַמף״ שטאַמט פון סען־סימאָנען. אָבער ערשט זינט מאַרקסן איז די אידעע פון קלאַסנקאַמף געוואָרן דער גרונטפּרינציפּ פון אַן אידעאָלאָגיע. לויט דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״ איז די היסטאָריע אויסגעפּולט מיטן קאַמף צווישן עקספּלואַטאַטאָרן און עקספּלואַטירטע, כאָטש עס ווערט אָנערקענט, אַז די פּרימיטיווע שבטים פון דער פאַרהיסטאָרישער צײַט האָבן געלעבט אויף אַ קאָמוניסטישן שטייגער און אַז דער קאַפּיטאַליזם וועט צוגרייטן פלאַץ פאַר אַ געזעלשאַפט אָן קלאַסן. אַז די קלאַסנקאַמף־אידעע איז געוואָרן געשטעמפּלט צו אַ סאָרט „אַבסאָלוטן אמת״ — דאָס האָט געהאַט זײַן טעאָרעטישע און זײַן פּראַקטישע באַגרינדונג.

טעאָרעטיש איז דאָס געווען די געווינטשטע דערגאַנצונג צו צוויי אַנדערע גרונטפּרינציפּן, דהײַנו: „דיאַלעקטיק״ און „היסטאָרישע נויטווענדיקייט״. די קלאַסנקאַמף־אידעע האָט זיך גוט אַרײַנגעפּאַסט אין דער העגעלישער דרײַפאַזיקער אַנטוויקלונג. עקספּלואַטאַטאָרן און עקספּלואַטירטע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט טעזע און אַנטיטעזע און יעדער דורך רעוואָלוציע אויפגעקומענער נײַער קלאַס איז געווען די סינטעזע. אַזוי ביז צום אויפקום פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט און אָפּשאַפונג פון אַנטאַגאָניסטישע קלאַסן. ערשט מיט דער דאָזיקער אידעע

האָט די גאַנצע היסטאָריע באַקומען דעם כאַראַקטער פון אַן איינציקן זיך אָפּוויקלענדיקן פּראָצעס, פון אַ נויטווענדיקן פּראָצעס.

פּראַקטיש האָט אין די קאַפּיטאַליסטישע מדינות דעמאָלט געבוי־שעוועט דער קלאַסנקאַמף. דאָס איז געווען אין דער צײַט פון מאַרקסן און האָט אָנגעהאַלטן ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער ראַשער אויפשוווּנג פון דער טעכניק און די אינדוסטריעלע און פינאַנציעלע קאָנצענטראַציע האָבן מיט זיך געבראַכט אַ פאַרפּראָלעטאַריזירונג פון גרויסע מאַסן זעלבשטענדיקע האַנטווערקער. די וואַקסנדיקע צאָל פּראָ־לעטאַריער זײַנען נישט געווען געשיצט דורך קיין שום סאָציאַלע געזעצן און די פּעריאָדיש אויסגעבראָכענע קריזיסן האָבן די אַרבעטער אַרויס־געוואָרפן אויף דער גאַס און זיי אויסגעשטעלט צו שטאַרבן דעם הונגער־טויט. בײַ אַ גוטער קאָניונקטור פאַר די קאַפּיטאַליסטן זײַנען די שטרײַקן אָפט געוואָרן בלוטיק אונטערגעדריקט. איז עס נישט קיין וווּנדער, במילא, אַז פון צײַט צו צײַט איז עס געקומען צו אַנאַרכיסטישע טעראָראַקטן, וואָס האָבן נישט געקראָגן די הסכמה פון די אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליס־טישע טעאָרעטיקערס, אָבער וואָס זײַנען געוואָרן פון זיי גערעכטפאַר־טיקט ווי פאַרצווייפלונגס־אַקטן. פון דער אַנדערער זײַט ווידער האָט די לאָזונג פון קלאַסנקאַמף געהאַט די ווירקונג צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער אין מעכטיקע סינדיקאַטן ווי אויך אין סאָציאַליסטישע פּאָליטישע פּאַר־טייען. די לאָזונג „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אײַך" האָט געהאַלטן בײַ ווערן אַ ווירקלעכקייט און עס זײַנען אויפגעקומען די אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַלן.

דער קלאַסנקאַמף איז דעמאָלט געווען אַ טאָג־טעגלעכע רעאַליטעט און פון דעם דאָזיקן קוקווינקל האָט דער גאַנצער היסטאָרישער פאַרלויף אויסגעזען ווי אַן איינציקער קלאַסנקאַמף: שקלאַפן־באַזיצער און שקלאַפן, פּריצים און לײַבקנעכט, קאַפּיטאַליסטן און אַרבעטער. אַלע אַנדערע היס־טאָרישע פּערספּעקטיוון, ווי דינאַסטישע, נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע מלחמות, זײַנען געטרעטן אין הינטערגרונט פאַר דער היסטאָרישער קלאַסנקאַמף־פּערספּעקטיוו, וואָס האָט באַזונדערש געווירקט אויף די דעמאָלטיקע אַקטואַליטעטן און וואָס האָט במילא אין זיך קאָנדענסירט די סימנים פון אמתדיקייט. עס איז קלאָר, אַז אין דעם פאַרביטערטן

קאַמף פאַר דער עקסיסטענץ, וואָס עס האָבן געפירט ברייטע פאָלקס־מאַסן קעגן דעם קלאַס, וואָס האָט געלעבט אין לוקסוס, האָט אויך דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם געפונען פולע באַשטעטיקונג.

דאָס האָט זיך אָבער געענדערט מיטן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער קלאַסן־באַוווסטזיין האָט זיך באַוויזן צו שוואַך קעגן דעם טראַדיציאָנעלן נאַציאָנאַל־געפיל, וואָס דער פּראָלעטאַריער האָט אין זיך אַריינגעזויגן שוין ביי דער מוטערס ברוסט און אין זיך אויפגענומען דורך דער שול און דורך דער סביבה. געענדערט האָט זיך דאָס אויך ביים „קלאַסנפיינד״, די קאַפּיטאַליסטן, נאָכן אויסבראָך פון דער רוסישער רעוואָלוציע. כדי אויסצומיידן די רעוואָלוציע אינעם אייגענעם לאַנד, האָבן זיי געמאַכט קאָנצעסיעס, וועגן וועלכע די אַרבעטער האָבן פריער בלויז געטרוימט: 8־שעהעדיקן אַרבעטסטאָג און אַלערליי סאָציאַלע פאַר־זיכערונגען. די קאַפּיטאַליסטן האָבן איצט באַקומען מיטגעפיל פאַר זייערע מיטבירגער, די פּראָלעטאַריער, און פוןביידע זייטן האָט זיך פאַר־שטאַרקט דער פּאַטריאָטיזם, ד״ה די נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט. אין סאָוועט־רוסלאַנד זאָל עס אָפיציעל קיין שום קלאַסן מער נישט זיין בנימצא. און אין די קאַפּיטאַליסטישע מדינות ווערט דער קלאַסנקאַמף — דהיינו: די שטרייקן — אויסגעגליכן אויף אַ פרידלעכן אופן. במילא איז גלייכצייטיק געוואָרן פאַרבלאַסט די אמתדיקייט פון דער קלאַסנ־קאַמף־אידעע און די היסטאָריע האָט פאַר דעם סאָציאַל־פּאָליטיקער שוין באַקומען אַן אַנדער פּנים. ריכטיקער געזאָגט, האָט זיך די אמתדיקייט פון דער דאָזיקער אידעע אַריבערגעטראָגן קיין אַזיע, ווו עס ווערט גע־פירט אַ בלוטיקער קאַמף קעגן די דאָרטיקע הערשער. פּאַראַפראַזירנדיק פּאַסקאַלן, קען מען זאָגן, אַז וואָס עס ווערט אמת אויף איין קאָנטינענט, איז נישט מער אמת אויף אַן אַנדער קאָנטינענט.

***

די פיר גרונטפּרינציפּן — דיאַלעקטיק, היסטאָרישע נויטווענדיקייט, היסטאָרישער מאַטעריאַליזם און קלאַסנקאַמף — זיינען באַשטימענדיק פאַר דער מאַרקסיסטישער טאַקטיק. היות דער קלאַס ווי אַזאַ פירט דעם קאַמף, שפּילט דער יחיד כמעט נישט קיין ראָלע. די קלאַסן־אינטערעסן

גופא זײַנען אָפּהענגיק פון די פּראָדוקציע־פאַרהעלטענישן אין יעדן מאָ־מענט פון דער היסטאָריש גוײטוועגדיקער דיאַלעקטישער אַנטוויקלונג. די סאָציאַלע אַקציעס דאַרפן אָנגעפירט ווערן פון סאָציאַל־פּאָליטיקער, וואָס זײַנען גוט באַהאַוונט אין דער דיאַלעקטיק פון דעם היסטאָרישן פּראָצעס. די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס דאַרפן במילא זײַן גוט דיסציפּלינירט אונ־טער אַ היעראַרכיע פון אויטאָריטעטן.

די היפּוכדיקע טאַקטיק האָבן אָנגענומען די אַנאַרכיסטן. פון זייער שטאַנדפּונקט איז דער יחיד אַלץ און די אָרגאַניזאַציעס דאַרפן בלויז דינען צו פאַרטיידיקן זײַנע אינטערעסן, אָבער אין דער לעצטער ליניע האָט ער אַליין איבער זיך צו באַשטימען. ער פאַרוואָרפט במילא יעדע אויטאָריטעט אויפן סאָציאַלן געביט. דערפאַר איז ער אַן אייפעריקער אָנהענגער פון דער פּאָזיטיווער וויסנשאַפט מיט וועלכער ער באַקעמפט די טראַדיציאָנעלע אייבערגלויבערײַ. זײַן מיינונג איז, אַז די אייבערגלויבערײַ דאָס איז די הויפּטשטערונג צו רעאַליזירן זײַן אידעאַל, וואָס עס איז דער פרײַהייטלעכער סאָציאַליזם.

אָבער אין זײַן פרײַהייטסדראַנג פאַרזעט דער אַנאַרכיסט אָפט דעם פּראַקטישן טייל פון מאַרקסיזם. ער שטודירט נישט גענוג די סאָציאַלע קאַמפן פון דער פאַרגאַנגענהייט כדי צו אַסימילירן די דאָזיקע דערפאַ־רונגען פאַרן אויפבוי פון אַ נײַער סאָציאַלער צוקונפט. און ער האָלט נישט גענוג רעכענונג פון די אַקטועלע עקאָנאָמישע באַדינגונגען. דערי־בער זײַנען דורכגעפאַלן אַלע זייערע פּרוּוון צו גרינדן קאָלאָניעס אויף אַ פרײַהייטלעך־סאָציאַליסטישן שטייגער. אויב ער וויל אין די הײַנטיקע באַדינגונגען בלײַבן געטרײַ זײַן אידעאַל, קען ער דאָס נאָר טאָן ווען ער פירט אַ לעבן ווי דיאָגענעס און זונדערט זיך אָפּ פון דער סאָציאַלער סביבה. פון דער אַנדערער זײַט איז זײַן גרונטפּרינציפּ — „נישט הערשן איבער קיינעם און נישט ווערן פון קיינעם באַהערשט" — יעדן פאַר־שטענדלעך און דעקט זיך מיט מענטשלעכקייט. זאָל די וועלט נישט אונטערגיין דורך די מאָדערנע עקספּלאָזיוו־שטאָפן, נאָר עס זאָל קומען צו אַ וועלטפרידן, — ווען בײַ די הײַנטיקע טעכנישע באַדינגונגען די מענטשן זיך אַזוי פאַרמענטשלעכן, אַז עס וועט אויפהערן יעדע הערשאַפט פון מענטש איבער מענטש.

**
*

מען דאַרף דאָ באַמערקן, אַז בײַ מאַרקסן גופא האָבן זײַנע גרונט־פּרינציפּן בלויז געהאַט דעם ווערט פון זייער אָנווענדונג אויף סאָציאַלע אַקציעס און אַז ערשט בײַ די מאַרקסיסטן, אָנגעהויבן מיט ענגעלסן, זײַנען זיי געוואָרן דערהויבן צו אַבסאָלוט גילטיקע אמתן. אין זײַן בוך „אַנטי־דירינג“ טרעט אויף ענגעלס ווי אַ מאַטעריאַליסט אינעם קאָסמאָלאָגישן זינען פון וואָרט. נאָר ער שיידט זיך אונטער פון די „אורבאַניסטישע“ מאַטעריאַליסטן, ווען ער באַצייכנט ווי מעטאַפיזיקער, דערמיט וואָס זײַן מאַטעריאַליזם איז אַ „דיאַלעקטישער“. היות די העגעלשע דיאַלעקטיק געפינט גאָרנישט קיין פּלאַץ אין דער וויסנשאַפט, איז ענגעלס שוין אַוודאי אַ מעטאַפיזיקער. אַ מעטאַפיזיקער איז אויך לענין ווען ער באַהויפּט אין זײַן ווערק „עמפּיריאָ־קריטיציזם“, אַז די וועלט אין זיך איז אַ רעאַליטעט, היות די „וועלט אין זיך“ איז נישט קיין אָביעקט פון דער וויסנשאַפט. דאָס זעלבע אויך באָגדאַנאָוו און אַנדערע.

דערקעגן בײַ מאַרקסן ווײַזן אָן אַ סך שטעלן פון זײַנע ווערק, אַז די אַבסאָלוט־גילטיקייט פון פּרינציפּן אינטערעסירט אים בכלל נישט. בנוגע דעם סיכסוך מאַטעריאַליזם — אידעאַליזם הייסט עס בײַ אים: עס איז אַן אומזין צו פרעגן צי דער געדאַנק, ווען ער איז נישט פּראַקטיש אָנגעווענדט, איז יאָ אָדער איז נישט אַ רעאַליטעט. — וואָס איז שײַך דער היסטאָרישער נויטווענדיקייט, זאָגט ער: כאָטש דער מענטש איז דער רעזולטאַט פון אַלע פאַרגאַנגענע באַדינגונגען, איז ער אָבער דער שעפער פון זײַן אייגענער היסטאָריע. — בנוגע דער דיאַלעקטיק, נאָך דעם ווי מאַרקס קומט אין זײַן ווערק „דאָס קאַפּיטאַל“ צו דער העכסט לעצטער סינטעזע פון „עקספּראָפּריִרן די עקספּראָפּריאַטאָרן“, ענדיקט ער דאָס קאַפּיטל מיט אָט אָ די ווערטער: „און דאָס שפּיל איז פאַרטיק“. די גאַנצע דיאַלעקטיק האָט ער באַטראַכט בלויז ווי אַ שפּיל. וויכטיק איז פאַר אים געווען דער גרינטלעכער אַנאַליז פון די פּאָליטיש־עקאָנאָמישע באַדינגונגען. און ריכטיק האָט מאַרקס געזאָגט וועגן זיך אַליין, אַז ער איז נישט קיין „מאַרקסיסט“.

קאַפּיטל זעקס

# די אויסגעהאַלטנקייט פון אידעאָלאָגיעס

דאָס לעבן פון אַ יחיד, די פאַרגאַנגענהייט פון אַ סאָציאַלער גרופּע פון אַ נאַציע און פון דער מענטשהייט בכלל, איז אָנגעפילט מיט פאַקטן אָדער איבערלעבענישן, וואָס שטעלן צוזאַמען דעם דערפאַרונגס־מאַטעריאַל. ווי אַ שוואָם, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט וואַסער, אַזוי איז אונדזער מוח אָנגעזאַפּט מיטן דאָזיקן מאַטעריאַל. אַ סך פאַקטן נעמען מיר איבער פון אונדזערע עלטערן באַלד מיט דער געבורט, אַנדערע פאַקטן ווערן מיט אונדז אײַנגעחזרט אין דער שולע, אַ סך באַקומען מיר פון דער סאָציאַלער סביבה אין וועלכער עס קומט אונדז אויס צו לעבן און גאָר אַ סך לעבן מיר איבער פּערזענלעך. יעדער פון אונדז דענקט און מוז פאַבריצירן אידעען, ווײַל נאָר אַזוי אַרום קען ער דערגרייכן דעם ציל, וואָס ער שטעלט זיך אין יעדן אויגנבליק. און כדי דעם ציל צו דער־גרייכן און זיך נישט פאַרלירן אין אילוזיעס, מוז ער די אידעען באַ־גרינדן דורך פאַקטן.

לאָזן מיר אין אַ זײַט לאָגישע אַנטינאָמיעס, ד״ה סתירות, וואָס זײַנען באַגרינדעט אין דער מענטשלעכער נאַטור, אין זײַן נייגונג צו אַבסאָלו־טיזירן פּרינציפּן, ווי „מאַטעריע — גײַסט“, „דעטערמיניזם — פרײַהייט“ א״אַנד. טאָרן זיך בכלל די אידעען נישט סותר זײַן. אויב איך האָב די אידעע, אַז די ערד איז קײַלעכדיק און באַוועגט פון אַלע זײַטן, קען איך מער נישט פאַרטראָגן די אַלטע אידעע, אַז די ערד שטייט אויפן רוקן פון אַן עלעפאַנט אָדער אויפן עק פון דעם לוויתן. אַזוי ווי אַלע אונדזערע קליינע אַקטן מוזן זיך דערגאַנצן צו אַן איינהייטלעכן הויפּטאַקט כדי צו

דערגרייכן אַ באַשטימטן ציל, — מאַכן, למשל, אַלערליי הכנות, ווען מ׳נעמט אונטער אַ רײַזע —, מוזן זיך אויך אונדזערע אידעען קעגנזײַטיק צופּאַסן און דערגאַנצן צו אַן איינהייטלעכן סיסטעם אָדער אידעאָלאָגיע. איינער האָט ליב די פרײַהייט און וואָלט זי געוואָלט האָבן אומבאַשרענקט. אויב ער וויל אָבער עקסיסטירן, מוז ער זיך אונטערוואַרפן טייזנטערליי פליכטן, וואָס באַשרענקען זײַן פרײַהייט. עס קומט אויף אַ סתירה אין זײַנע אידעען „פרײַהייט — פליכטן“ און געפינט דעם אויסגלײַך אין דער אידעע פון אַ רעלאַטיווער פרײַהייט. כדי צו קעמפן סאָלידאַריש מיט זײַנע חברים פאַר אַ העכערן לוין, פאַר שטרײַקרעכט אאַז״וו, מוז דער אַרבעטער ווערן „קלאַסן־באַוווסטזיניק“: האָבן אידעען פון קעגנערשאַפט צום אַרבעט־געבער און פון ברידערשאַפט צו די אַרבעטס־גענאָסן, אידעען פון זײַן באַדײַטונג ווי אַ סאָציאַלער כוח, אידעען פון אַ געמיינשאַפטלעכן אידעאַל אאַז״וו. דערקעגן מוז ער פאַרוואַרפן די אידעען פון „השגחה פּרטית“, אַז רײַכע און אָרעמע זײַנען שטענדיק געווען און וועלן שטענדיק זײַן, אַז ער איז שולדיק דאַנקבאַרקייט דעם אַרבעט־געבער דערפאַר, וואָס ער גיט אים אַרבעט אאַז״וו. די לאָגיק זאָרגט שוין דערפאַר, אַז די אידעען זאָלן זיך נישט סותר זײַן, נאָר זיך דערגאַנצן. אַזוי, למשל, קען די ערד נאָר זײַן אָדער באַווינט פון אַלע זײַטן אָדער נישט באַווינט פון אַלע זײַטן. איז די ערד יאָ באַווינט פון אַלע זײַטן, קען זי מער נישט שטיין אויף דעם רוקן פון אַן עלעפאַנט. פונקט אַזוי זײַנען פון איין זײַט קלאַסן־באַוווסטזײַן, סאָלידאַריטעט, קאַמפלוסט און סאָציאַלער אידעאַל און פון דער אַנדערער זײַט השגחה פּרטית, דאַנקבאַרקייט צום אַרבעט־געבער און רעזיגנאַציע — צוויי אידעען־סעריעס, פון וועלכע יעדע איינע סעריע פאָרמירט אַן אויסגעהאַלטענעם לאָגישן סיסטעם.

די אויפגאַבע פון דער לאָגיק באַשטייט במילא אין אָפּגעבן דעם צעמענט, מיט וועלכן די פאַרשיידענע אידעען ווערן פאַרבונדן, צו אַן איינהייטלעכן סיסטעם אָדער אידעאָלאָגיע. די אידעען גופא שטיצן זיך אויף אָן אַ שיִער פאַקטן און איבערלעבענישן. אַז די ערד איז קײַלעכדיק באַווײַזט, למשל, דער צײַט־אונטערשייד צווישן די זייגערס פּאַריז — ניו־יאָרק — סאַן־פראַנציסקאָ — טאָקיאָ — מאָסקווע — פּאַריז, וואָס דערגאַנצט זיך צו אַ מעת־לעת. די אידעע, אַז דער אַרבעט־געבער וויל זיך

בלויז באַרײַכערן, שטיצט זיך אויף די איבערלעבענישן פון דעם קלאַסן־באַוווּסטזיניקן אַרבעטער. דער נישט־קלאַסן־באַוווּסטזיניקער שטיצט ווי־דער זײַנע אידעען אויף זײַנע אייגענע דערפאַרונגען. ער געפינט אויס, אַז „ער אויף זײַן שטעל וואָלט אויך ניט בעסער געווען״. די פאַנטאַזיע פון יעדן יחיד האָט די מעגלעכקייט אויסצוקלײַבן און זיך אָפּצושטעלן אויף אַזעל־כע פאַקטן, וואָס זײַנען בעסער צוגעפּאַסט צו זײַנע כלל־אינטערעסן, לויט זײַן טעמפּעראַמענט, זײַנע געוווינהייטן און באַדערפענישן און לויט די אידעען וואָס ער האָט איבערגענומען פון זײַנע עלטערן און פון זײַן סביבה. די לאָגיק אָרדנט אײַן אָט די פאַקטן אויפן יסוד פון סיבה און ווירקונג און שאַפט די לאָגיש אויסגעהאַלטענע אידעאָלאָגיע פון דעם יחיד און פונקט ווי זאַכן און ספּעציעל לעבעדיקע באַשעפענישן לאָזן זיך קלאַסיפיצירן אין מינים, וואָס נעמען אַרום מערערע איינצלנע באַ־שעפענישן און העכערע אָרדענונגען, וואָס נעמען אַרום מערערע מינים אאַז״וו, אַזוי פאַרהאַלט עס זיך אויך מיט די יחידישע אידעאָלאָגיעס. איבער זיי שטייען די אידעאָלאָגיעס פון סאָציאַלע גרופּעס, ווי פּאַרטיי, נאַציע, קולטור־געמיינשאַפט און צום סוף אַ קליינע צאָל וועלט־אָנ־שויונגען. די לעצטע שעפּן פון דעם קוואַל פון גאַנצע אמתן, דהײַנו פון די נאַטור־וויסנשאַפטן, וואָס ווערן אָנערקענט מצד אַלע שכלדיקע מענטשן. אַזוי אָנערקענען אי דער קלאַסן־באַוווּסטזיניקער אַרבעטער, אי דער נישט־קלאַסן־באַוווּסטזיניקער אַרבעטער, אי דער אַרבעט־געבער, אַז די ערד איז קײַלעכדיק, אויב נאָר די דרײַ האָבן באַקומען די עלעמענטאַרסטע ביל־דונג. אַלע דרײַ אָנערקענען אויך געוויסע פּרינציפּן וואָס געהערן צו דער גאַנצער מענטשהייט, ווי, למשל, די מאָראַלישע נאָרמעס צו רעספּעקטירן די עלטערן, נישט צו טויטן אד״גל.

אַלע אידעאָלאָגיעס שעפּן, במילא, אינעם קוואַל פון דער אַלגעמיי־נער מענטשהייט־אידעאָלאָגיע, וואָס איז אַליין פון ביאָלאָגישער אָפּשטאַ־מונג. און פונקט ווי בײַם דור הפלגה, בײַ וועלכן די איינציקע שפּראַך איז זיך צעפאַלן אין שבעים לשונות, אַזוי דערווײַטערן זיך אויך פון דעם קוואַל די אידעאָלאָגיעס, גייען דורך דורך דער ספערע פון די פּאַר־שיידנאַרטיקע סאָציאַלע און אינדיווידועלע אינטערעסן און זונדערן זיך אָפּ אין ספּעציפישע זיך סותרזײַענדיקע אידעען־סיסטעמען, וואָס דריקן

זיך אויס ווי סאָציאַלע אמתן, ווי פּאָליטישע איבערצײַגונגען און ווי פּערזענלעכע מיינונגען. דער איינציקער „אמתדיקער״ אמת פאַרצווײַגט זיך אַזויערנאָך אין אַ סך אמתן און פאַרענדיקט זיך אין אַ גרויסער פּאָלי־אַנטינאָמיע (פּיל־סתירות), וואָס איז כולל נישט בלויז אַזוי פיל סתירות וויפל עס זײַנען פאַראַן יחידים, נאָר אויך סתירות, וואָס קומען אויף פון אויגנבליקלעכע באַדערפענישן און שטימונגען פון יעדן יחיד. דער זעל־ביקער מענטש זעט אַ מאָל אַלץ שוואַרץ און אַ מאָל אַלץ רויזיק. אָט איז ער קאָמפּסלוסטיק און אָט באַלד איז ער רעזיגנירט. אָט זעט ער אין זײַן חבר אַ פרײַנד און אָט באַלד אַ שונא. אַזעלכע שטימונגען ברענגען אַרײַן אַ צעטומלעניש אינעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון זײַנע פּערזענלעכע אידעען, אַזוי אַז ער ווייסט נישט מער ווי זיך „אַן עצה צו געבן״. אָבער אין דער מאָס, וואָס אידעען ווערן אָנגענומען פון אַ סאָציאַלער גרופּע, ווערן זיי אמתדיקער און אויסגעהאַלטענער. איינער קען זען אין זײַן חבר אַ פרײַנד אָדער אַ שונא, אָבער זײַן איבערצײַגט אינעם אמת פון קלאַסנקאַמף, אינעם אמת, אַז זײַן נאַציע צייכנט זיך אויס דורך געוויסע מעלות, אינעם אמת, אַז „לא תרצח״ און „לא תגנוב״ דאַרפן גילטן ווי מאָראַלישע נאָרמעס און אַוודאי שוין אינעם אמת, אַז די ערד איז קײַלעכדיק.

אַחוץ פון די פּערזענלעכע איבערלעבענישן ווערן די פאַקטן אָדער עמפּירישע יסודות פאַר יעדער אידעאָלאָגיע צוגעשטעלט פון דער היס־טאָריע, וואָס איז אַ געטרײַ „דינסטמיידל פאַר אַלע״. און טאַקע: עס איז נישטאָ קיין אידעאַל, קיין שום סאָציאַלע טענדענץ, וואָס זאָל נישט גע־פינען אין דער היסטאָריע זײַן באַרעכטיקונג, זײַן „ראַציאָנעלע נויטווענ־דיקייט״. קוים לאָזן מיר אין אַ זײַט אָבערגלויבערײַ, וואָס איז זיך סותר מיט די אָביעקטיווע גאַנצע אמתן, מיט די געזעצן פון דער וויסנשאַפט און מיט עמפּירישע פאַקטן, וואָס ווערן אָנערקענט מצד אַלע מענטשן, איז עס אוממעגלעך שכלדיק צו באַקעמפן יעדע נאָרמאַלע אידעאָלאָגיע, ד״ה יעדע אידעאָלאָגיע, וואָס שטייט נישט אין סתירה מיט די רעזול־טאַטן פון דער וויסנשאַפט און מיט די עמפּירישע פאַקטן. אויף וואָס פאַר אַ סמך קען מען באַקעמפן איינעם, וואָס האָט געלערנט פון דער היסטאָ־ריע, אַז פירן מלחמות איז דער נאַטירלעכער צושטאַנד פון די מענטשן

און אַז מלחמות וועלן דעריבער קיין מאָל נישט אויפהערן? צי איז נישט, פּאַקטיש, די היסטאָריע פול מיט מלחמות און צוגרייטונגען צו מלחמות? אַלע פּאַקטן, אויף וועלכע מיר שטיצן אונדזער אידעאָלאָגיע פון שלום און פעלקער־פאַרברידערונג, די דאָזיקע פאַקטן ווערן פון דעם קריגס־אידעאָלאָג נישט געזען אָדער ער באַטראַכט זיי פון אַזאַ נישטיקער באַ־דײַטונג, ווי קלעקפּאַטרעס נאָז. און ווײַל די פאַקטן פון שלום און פאַר־ברידערונג זײַנען נישט געוואָרן אויפגענומען אין זײַן סיסטעם פון סיבות און ווירקונגען, געפינט אונדזער שכל גאָרנישט קיין מעגלעכקייט אים צו באַקערן צו אונדזער שלום־אידעאָלאָגיע. באַטראַכט פון אַ „נייטראַלן" זײַנען אונדזערע אידעען אויך נישט אמתדיקער. זיי זײַנען נאָר צוגעפּאַסט צו אונדזערע באַדערפעניש און ווונטשן.

אַ זעלביקער אידעיִשער תהום הערשט צווישן דעם טיפּישן קאַפּי־טאַליסט און דעם טיפּישן מיליטאַנטן אַרבעטער.ביידע קענען האָבן די זעלבע וועלט־אַנשויונגען, אָבער ווי באַלד עס ווערט באַרירט די סאָציאַלע פראַגע שטייען זייערע אידעען אין שטאַרקער סתירה און טויזנטער אַרגומענטן וועלן זיי נישט קענען אויפקלערן איבערן אמתדיקן אמת. זיי האַלטן ביידע פון נאַטור־געזעצלעכקייט און פאַרוואַרפן אַלע ניסים ונפל־אות. ביידע האָבן די אייגענע ביאָלאָגישע אויפפאַסונג וועגן דעם קאַמף פאַר דער עקסיסטענץ. אָבער פון דאַנען אָן, און וואָס נענטער צו די אַקטועלע סאָציאַלע פראַגן, שיידן זיך זייערע וועגן.

פאַרן קאַפּיטאַליסט איז דער קאַמף פאַר דער עקסיסטענץ כל התורה כולה, דער אַקס אַרום וועלכן עס דרייט זיך אַלץ. און היות ער האָט זײַן עולם הזה, אינטערעסירן אים גאָרנישט די משיחס־צײַטן. דער באַגריף „קלאַסנקאַמף" איז אים פרעמד און אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטס־אָרדענונג דערשײַנט פאַר אים ווי אַ חלום פון משוגעים. אין שײַכות צו דער צוקונפט באַשרענקט זיך זײַן נביאות אויפן טעכנישן פּראָגרעס מיט אינטערפּלאַנעטאַרישן רײַזעפּלאַן אָדער אויפן קאַטאַסטראָפאַלן צוזאַמענ־שטויס פון דער ערד מיט אַ קאָמעט. היות ער איז אַ הייסער נאַציאָנאַליסט — און פאַר וואָס נישט אויך אַ ראַסיסט? — האַלט ער עס פאַר נאַטירלעך וואָס דער עקסיסטענץ־קאַמף שפּילט זיך אָפּ צווישן די נאַציעס און אויך צווישן די ראַסעס. דעם צענטראַלפּונקט פון זײַן אידעאָלאָגיע פורעמט די

אידעע, אַז „פאַר דעם טיכטיקן דאַרפן שטיין אָפן אַלע וועגן״. דעריבער באַגײַסטערט ער זיך פאַר ניטשען און האַלט זיך אַליין פאַר אַן „איבער־מענטש״. ער גיט אויך פיל צדקה און שטיצט אונטער רעליגיעזע אינס־טיטוציעס, כדי זיך צו מאַכן אַ שם־טוב. ער מיינט, אַז עס איז גוט פאַר די אָרעמע צו האָבן אַ רעליגיע וואָס זאָל זיי טרייסטן.

להיפוך איז די אידעאָלאָגיע פון דעם מיליטאַנטישן אַרבעטער גע־װענדט צו דער סאָציאַלער צוקונפט און זײַן אידעאַל איז דער סאָציאַ־לער יושר. שוין אין דער ביאָלאָגיע זעט ער נישט בלויז דעם קאַמף פאַר דער עקסיסטענץ, נאָר אויך די קעגנזײַטיקע הילף (קראָפּאָטקין!) און אינעם צוזאַמענלעבן פון די פאָלקסמאַסן שטויסט ער זיך אָן גאָר אָפט אויף ספּאָנטאַנער קעגנזײַטיקער הילף. פון דעם דאָזיקן קוואַל האָבן בײַ זייער אויפקום געשעפּט די גרויסע רעליגיעס. ראַסעס און נאַציעס זײַנען צופעליקע דערשײַנונגען און פון קיין שום באַדײַטונג נישט אין פאַרגלײַך צו דעם דויערנדיקן קלאַסנקאַמף, וואָס שפּילט זיך אָפּ צווישן אַ מינדערהייט הערשער און דער גרויסער מערהייט באַהערשטע. ער שטעלט זיך פאָר, אַז אין דער צוקונפט וועט די מענטשהייט פאַרמירן אַן איינהייטלעכן אָרגאַניזם מיט אַן איינהייטלעכן געוויסן. און ווײַל ער אַנטפּינדט שוין איצט מיטן דאָזיקן געוויסן, האַלט ער פאַר אַ משוגעת, אַז עס זאָל זײַן פון איין זײַט אַ גרויסער איבערפלוס פון קאָנסום־אַרטיק־לען און פון דער אַנדערער זײַט זאָלן מענטשן הונגערן און פרירן. שוין נישט צו ריידן פון די מלחמות, וואָס פאַרזייען דעם טויט צווישן די האַ־רעפּאַשנע מאַסן. אַזאַ צושטאַנד דערשײַנט אים גאָרנישט שכלדיק, און די גאַנצע מענטשהייט דאַרף ווערן שכלדיק אָרגאַניזירט. זאָל טאַקע זיגן דער שטאַרקערער, אָבער פאַר דעם שטאַרקערן האַלט ער די שכלדיק אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט.

אויב מיר באַטראַכטן נאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיעס, געפינען מיר ווידער אַז כאָטש געוויסע אמתן פון איין נאַציע שטייען אין סתירה מיט געוויסע אמתן פון אַלע אַנדערע נאַציעס, פון דעסט וועגן זײַנען זיי לאָגיש אויסגעהאַלטן און לאָזן זיך נישט באַשטרײַטן בלויז מיטן שכל. יעדע נאַציע קען רעקלאַמירן פאַר זיך דעם ראַנג פון „אתה בחרתנו״, פון זײַן דאָס „אייבערשטע פון שטייסל״, און אָנווײַזן אין דער היסטאָריע

טויזנטער פאַקטן פאַר דער דאָזיקער באַרעכטיקונג און אויך ווי צו באַ־
האַנדלען אַנדערע נאַציעס אויפן סמך פון איר „העכערער מיסיע".

שוין אַ הונדערט יאָר פאַר היטלערן האָט דער דײַטשער פילאָסאָף
העגעל געהאַלטן די פּרײַסישע מלוכה פון זײַן צײַט ווי דעם אידעאַל פון
אַ מלוכה, ווי דעם העכסטן רעזולטאַט פון אַ היסטאָריש־דיאַלעקטישער,
פון דעם וועלטגײַסט גופא געוואָלטער אַנטוויקלונג. טאַקע אויך זײַן פילאָ־
סאָפיע און זיך אַליין האָט ער געהאַלטן פאַר דער העכסטער שטופע, וואָס
די אַנטוויקלונג קען דערגרייכן. מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז ער איז
געווען אַ געניוס ווי זעלטן איינער און איז געווען באַהאַוונט אין אַלע
וויסנשאַפטן פון זײַן צײַט. במילא קען מען זײַן שכלדיקייט נישט באַ־
שטרײַטן. מען קען נאָר זאָגן, אַז זײַן גײַסט האָט זיך באַוועגט אין די
הויכע ספערעס פון אַבסטראַקציעס און פאַרזען אַ סך פאַקטן, וואָס אַ גע־
וויינלעכער מענטש זעט יאָ. איבעריקנס, קען יעדער פון אונדז זיך באַ־
טראַכטן פאַר דעם תכלית פון דער גאַנצער יצירה, פאַר דעם בעסטן
פּראָדוקט נאָך אַזוי פיל קאַליע געוואָרענע נשמות זינט בריאַת־עולם.
און אַוודאי שוין גרויסע נאַציעס, פירשטן, וואָס הערשן איבער זיי און
פילאָסאָפן, וואָס ווירקן אויף זיי. ווער וואָלט געקענט באַשטרײַטן אַ
קייסער זײַן ראַנג פון זײַן גאָטס פאַרטרעטער אויף דער ערד? ווער וואָלט
אים דאָס געקענט באַשטרײַטן בלויז מיט שכלדיקע אַרגומענטן? ער וואָלט
געקענט ברענגען טויזנטער ראיות, אַז באַלד בײַ אָדם־הראשון איז שוין
געווען באַשטימט אַז ער זאָל זײַן קייסער.

אינעם 19טן יאָרהונדערט איז אין דײַטשלאַנד, וואָס איז שפּעטער
געוואָרן פאַראייניקט אונטער דער פּרײַסישער העגעמאָניע, געקומען אַ
גרויסער אויפשוווּנג אויף אַלע געביטן פון אינדוסטריע, וויסנשאַפט און
קונסט. דאָס איז געווען אַ דאַנק די מעלות, וואָס עס האָבן די דײַטשן,
ווי פלײַס, אויסדויער און טעכנישער זינען. פאַר היטלערן, וואָס האָט זיך
אַליין געהאַלטן פאַר דעם „זון פון דער השגחה", איז עס געווען קלאָר ווי
דער טאָג, אַז דער דײַטשער נאַציע איז עס געווען באַשטימט נאָך משׁשת
ימי בראשית צו הערשן איבער דער וועלט. אין דער ערשטער וועלט־
מלחמה איז זי געוואָרן פאַרראַטן, אָבער נישט באַזיגט, נישט מיליטעריש
און נישט מאָראַליש. אַזוי ווײַט די היסטאָריע גרייכט צוריק אין דער

פאַרגאַנגענהייט האָבן די גערמאַנען שטענדיק געהערט צו די פעלקער וואָס הערשן. דאָס איז אַ ראַסן־אייגנשאַפט: אַריש בלוט. אַזוי ווי די עטנאָלאָגיע איז נאָך זייער ווײַט פון זײַן אַן עקזאַקטע וויסנשאַפט, האָבן זיך באַלד געפונען דײַטשע געלערנטע, וואָס האָבן „וויסנשאַפטלעך״ באַ־גרינדעט דעם נאַצישן ראַסיזם. וויסנשאַפטלעך איז דאָס טאַקע נישט געווען, אָבער שעדלעך יאָ, דהײַנו פאַר יעדן נאַצי און בכלל פאַר דעם דעמאָלטיקן דײַטשן פאַטריאָט. מיר ווייסן וואָס פאַר אַ חורבן די דאָזיקע שכלדיקייט האָט מיט זיך געבראַכט פאַר דער גאַנצער וועלט בכלל און פאַר אונדז, ייִדן, בפרט. נאָך דער מיליטערישער מפּלה, וואָס דײַטשלאַנד האָט געליטן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, זײַנען די דײַטשע פאָלקס־מאַסן געקומען צו „אַן אַנדערן שכל״, אָבער דער נאַציזם איז נאָך נישט פאַרשוווּנדן פון דער וועלט און מען איז נישט זיכער, אַז ער זאָל נישט ווידער אויפהייבן דעם קאָפּ און געפינען די „שכלדיקע און מאָראַלישע באַרעכטיקונג״ צו פאַרניכטן די וועלט.

נישט בלויז דורך אירע נצחונות, נאָר אויך דורך אירע מפּלות ווערט אַ נאַציע אַזוי פאַרשיכורט, אַז זי גלייבט זיך פאַרזאָרגט פון גאָט אָדער פון דער השגחה מיט אַ באַזונדערער מיסיע. דאָס גיט איר דעם כּוח אויסצוהאַלטן אין די שווערע צײַטן און די האָפענונג אויף בעסערע צײַטן. דאָס איז געווען דער פאַל פון פּוילן נאָכן פאַרלירן די זעלבשטענדיקייט ביז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. לויט דעם פּוילישן נאַציאָנאַלן דיכטער אַדאַם מיצקעוויטש (1798—1855) האָט פּוילן פון גאָט אָדער פון דער השגחה איבערגענומען די משיחישע מיסיע דורך צוזאַמענלײַדן מיט אַלע אונטערדריקטע פעלקער צו פירן דעם קאַמף פאַר באַפרײַען די מענטשהייט פון אַלע אונטערדריקונגען. און טאַקע ביז 1914 האָבן די פּוילישע פּאַטריאָטן געפירט אַ האַרטנעקיקן קאַמף קעגן דער צאַרישער דעספּאָטיע אין נאָמען פון יושר און סאָלידאַריטעט מיט אַלע אונטער־דריקטע פעלקער. ווי באַלד אָבער זיי זײַנען געוואָרן זעלבשטענדיק, האָבן זיי צוגלײַך איבערגענומען פון זייערע אונטערדריקער די מעטאָדן צו אונטערדריקן זייערע אייגענע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. בײַ דער פאַרענ־דערטער לאַגע איז די פּוילישע נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע אויך געוואָרן אַן אַנדערע. דאָס וואָס איז געווען שכלדיק אין דער צײַט פון מיצקע־

וויטשן, האָבן שפּעטער די פּוילישע פּאַטריאָטן געהאַלטן פאַר משוגע. אָבער כל־זמן די לאַגע בלײַבט די זעלביקע, קען מען די אויסגעהאַלטנ־קייט פון אַן אידעאָלאָגיע נישט באַשטרײַטן.

אין זײַנע יונגע יאָרן אַן אַטעיִסט, האָט זיך שפּעטער אויך מוסאָליני באַטראַכט פאַר דעם פאַרטרעטער פון גאָט אָדער פון דער השגחה. דער אַמאָליקער רעדאַקטאָר פון דער מאַרקסיסטיש־סאָציאַליסטישער צײַט־שריפט „אַוואַנטי״ האָט נאָכן גרינדן די פאַשיסטישע פּאַרטיי געגלויבט צו זײַן אַן אָפּשטאַמער פון ראָמולוסן, דעם גרינדער פון רוים, גופא (753 פאַר קריסטוסן). פאַרשיכורט פון די נצחונות אין טריפּאָליס און אין עטיאָפּיע, האָבן די איטאַליענער אין זייער גרויסער מערהייט אָנגענומען באַהבה די פאַשיסטישע אידעאָלאָגיע און געזען אין זייער „דוטשע״ אַ נײַעם יוליוס צעזאַר, אַ גרינדער פון אַ נײַער וועלט־אימפּעריע.

די פראַנצויזן זײַנען אַוודאי באַרעכטיקט זיך צו האַלטן פאַר „אויס־דערוויילטע״. פאַר די פרומע קאַטאָליקן איז פראַנקרײַך „די עלטסטע טאָכטער פון דער קירכע״ און פאַר די פרײַדענקער איז עס דאָס לאַנד פון דער גרויסער רעוואָלוציע, וואָס האָט אײַנגעפירט מענטשנרעכט און געפּרעדיקט „פרײַהייט, גלײַכהייט און ברידערלעכקייט״; ס׳איז דאָס לאַנד פון גרויסע דענקער און קולטור־פאַרשפּרייטער.

אַז רוסלאַנד האָט אויסצופירן אַ וועלט־מיסיע איז זיכער די איבער־צײַגונג פון יעדן רוסישן פּאַטריאָט. ווי היסטאָרישע באַווײַזן האָט ער דעם רוסישן זיג איבער דעם מעכטיקן שוועדישן קעניג קאַרל דעם 12טן בײַ פּאָלטאַווע אין יאָר 1709 און אַ הונדערט יאָר שפּעטער, דהײַנו 1812, דעם זיג איבער דעם וועלט־באַהערשער נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן. ווי אַן אַקטועלן באַווײַז האָט ער רוסלאַנדס העגעמאָניע איבער כמעט אַ האַלבער וועלט. און אויב דער רוסישער פּאַטריאָט איז אויך אַן איבערגעגעבענער קאָמוניסט, זעט ער אַ באַווײַז אויך דערין, וואָס אין רוסלאַנד איז צו־ערשט געגרינדעט געוואָרן דער יסוד פאַר אַ קאָמוניסטישן לעבנס־שטייגער.

די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע דאַרפן זיך האַלטן פאַר גאָטס אָדער דער השגחהס מיסיאָנערן. במשך אַ האַלבן יאָרהונדערט זײַנען זיי געווען אַ מקום־מיקלט פאַר אַלע נויטלײַדנדיקע פעלקער און

ראַסעס. איצט פירן זיי אַ האַרטנעקיקן קאַמף קעגן דער פּאָליטישער דיקטאַטור. אמת, זיי האַלטן זיך שוין פּאַר אַזוי אויסדערווײלט, אַז זיי האָבן אַפילו אַרויסגעגעבן די עמיגראַנטן־געזעצן, וואָס זײַנען באַזונדערש חל אויף די אַזוי גערופענע „נידעריקע ראַסעס״. אָבער קײנער וועט נישט קענען שכלדיק באַשטרײַטן, אַז די הײַנטיקע אַמעריקאַנער פאַרמירן איצט אַ „העכערע ראַסע״. טויזנטער פאַקטן קענען ווערן אָנגעבראַכט צו באַווײַזן די אויסגעהאַלטנקייט פון זייער אידעאָלאָגיע: דער פאַקט אינעם דאַרווינישן זינען, אַז אַמעריקע איז דער נאַטירלעכער אויסוואַל פון די טיכטיקסטע עלעמענטן פון אַלע אַנדערע נאַציעס. דער פאַקט אינעם קריסטלעכן זינען, אַז זייער רעליגיע איז ריין עוואַנגעליום. און דער פאַקט, אַז דער דאָלאַר באַהערשט די וועלט.

אין אונדזער אייגענער, נאַציאָנאַל־ייִדישער אידעאָלאָגיע פאַרנעמט אַ גאַר וויכטיק פּלאַץ די אידעע פון „אתה בחרתנו״, וואָס געפינט איר אויסדרוק אין ייִדישע תפילות. טויזנטער פאַקטן קענען באַשטעטיקן אונדזער „ייִחוס־בריוו״. דער פאַקט וואָס דער מאָנאָטעיִזם האָט זיך צוערשט פאַרוואָרצלט און פאַרפעסטיקט אינעם ייִדישן פאָלק און ערשט שפּעטער זיך פאַרשפרייט צווישן אַנדערע פעלקער. געוויסע אַלטגריכישע פילאָסאָפן, ווי פּיטאַגאָר, פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס זײַנען אויך געווען מאָנאָטעיִסטן, אָבער זיי האָבן באַהאַלטן די אידעע פאַר זיך און דעם ענגן קרײַז פון זייערע אַריסטאָקראַטישע תלמידים און זי איז געבליבן אָן אַ השפעה אויף די פאָלקסמאַסן. דער פאַקט וואָס אין די ייִדישע מוחות איז געוואָרן פאַרפלאָנצט די אידעע פון שלום, וואָס חזרט זיך איבער ווי אַ רעפרען אין די ייִדישע תפילות, ווי אויך ישעיה הנביאס אידעאַל פון „והיה באחרית הימים״. דער פאַקט וואָס בײַ די ייִדן האָט געהערשט אַ העכערע זיטלעכקייט אין פאַרגלײַך צו די פעלקער צווישן וועלכע עס איז זיי אויסגעקומען צו לעבן. הײַנט ערשט זײַנען מיר אָן אַלט פאָלק און האָבן איבערגעלעבט גרויסע נאַציעס. אַוודאי איז אונדז געוואָרן צוגעטיילט פון גאָט אָדער פון דער השגחה אויסצופירן אויף דער וועלט אַ געוויסע מיסיע. און אַפילו ווי קאָמוניסטן אָדער אַנאַרכיסטן האַלטן מיר זיך בײַ דער אידעע פון אַ ייִדישער מיסיע.

וואָס איז שײַך די רעליגיעזע אידעאָלאָגיעס, באַזיצט יעדע רעליגיע

אַ גרויסע מאָס אָבערגלויבערײַ וואָס שטייט אין סתירה נישט בלויז מיט די רעזולטאַטן פון דער פּאָזיטיווער וויסנשאַפט, נאָר אַפילו מיט דעם אַלגעמיינעם עמפּירישן וויסן. פון דעסט וועגן האָט זי איר ספּעציפיש־אייגענע שכלדיקייט, וואָס גיט איר דעם כוח אויסצוהאַלטן אַלע אָנגריפן פון דרויסן. אַזוי, למשל, זעט יעדע רעליגיע בלויז די אַבסורדיטעטן פון די אַנדערע רעליגיעס, אָבער נישט אירע אייגענע. אויב די אָנגריפן פון דער וויסנשאַפט זײַנען שוין גאַנץ בולט, ווייסט זי זיך צו פאַרטיידיקן דורך אַ צופּאַסנדיקער אויסטײַטשונג פון איר תורה שבכתב. אַזוי זאָל יעדער טאָג פון בריאת־עולם באַטײַטן אַ מיליאַרד יאָרן. מיט אַ צוויי און אַ האַלב יאָרהונדערט צוריק האָט גאַלילעי געמוזט אויף די קני מתוודה זײַן זײַן „טעות״, אַז די ערד באַוועגט זיך. איצט אָנערקענט דער פּויפּסט גופא אָט דעם „טעות״ פאַר אַן אמת און בלײַבט פון דעסט וועגן דער שעף פון דער קאַטוילישער קירך. און ווײַל יעדע רעליגיע באַזירט איר ספּעציפישע שכלדיקייט, וואָס איז אין סתירה מיט די שכלדיקייטן פון די אַנדערע רעליגיעס, איז איר כמעט אוממעגלעך צו איבערצײַגן מיט איר אמת די אַנדערשגלויביקע. אויב זי מאַכט פּראָזעליטן (גרים), טוט זי דאָס נישט אויפן סמך פון שכלדיקע אַרגומענטן, נאָר דורך מאַכן רעאַלע אָדער בלויז אילוזאָרישע צוזאָגונגען און גאָר אָפט דורך אָנווענדן געוואַלד־מיטלען. אויף אַזאַ אופן האָט זיך פאַרשפּרייט דאָס קריסטנטום, דאָ צוזאָגנדיק אויף יענער וועלט פאַר די שקלאַפן גלײַכבאַרעכטיקונג מיט זייערע הערשער און דאָרט דורך צווינגען מיט וואָפן אין דער האַנט. אַזוי איז אויך פאַרויסגעגאַנגען דער איסלאַם מיט דער שווערד אין דער האַנט און אַרויפגעצוווּנגען די „נישט־גלויביקע״ דעם גלויבן אין מחמדן און זײַן קאָראַן און דערבײַ אויך צוגעזאָגט דעם אָרעמסטן אַראַבער אויף יענער וועלט אַזאַ גן־עדן, ווי אויף דער וועלט האָט דערפון געגאַסן בלויז אַ סולטאַן. אין דער לאַנגער גלות־צײַט האָבן די ייִדן נישט געקענט זיך באַנוצן מיט וואָפן, אויך איז דער עול פון תרי״ג מיצוות געווען אַ שטער־רונג, אַזוי אַז די רבנים האָבן זיך צוריקגעהאַלטן פון מאַכן גרים. פון דעסט וועגן ווייסט די ייִדישע געשיכטע אויך פון אַזאַ פאַל. דער ייִדישער קעניג יוחנן הורקנוס האָט באַזיגט די בני־אדום און זיי געצוווּנגען אָנ־צונעמען דעם ייִדישן גלויבן.

ווי שטאַרק אויסגעהאַלטן עס איז יעדע רעליגיעזע אידעאָלאָגיע באַוויזט דער קאָנפליקט צווישן קאַטאָליקן און פּראָטעסטאַנטן אינעם 16טן יאָרהונדערט. כאָטש ביידע זײַנען צווײַגן פון דעם זעלביקן שטאַם, האָבן זיי מיט שכלדיקע אַרגומענטן נישט געקענט אויסגלײַכן זייער סיכסוך, נאָר עס איז געקומען צו בלוטיקע בירגערקריגן אין דײַטשלאַנד, אין פראַנקרײַך, אין טשעכיע און אין אַנדערע לענדער. היסטאָרישע באַרימטקייט האָט באַקומען די „סען־באַרטעלעמי־נאַכט״. אין דער נאַכט פון 23סטן אויגוסט 1572, ווען די פּראָטעסטאַנטן זײַנען רויִק געשלאָפן, איז מען זיי איבערגעפאַלן און דערמאָרדעט טויזנטער פון זיי. דאָס איז געשען אויפן באַפעל פון דעם פראַנצויזישן קעניג שאַרל דעם פינפטן און אויף דעם פאַרלאַנג פון זײַן מוטער, דער פרומער קאַטאָליקין קאַטערינע פון מעדיטשיס. און וואָס זאָלן ערשט זאָגן מיר, ייִדן? צו טויזנטער זײַנען ייִדן געגאַנגען אויף קידוש־השם, און זיך נישט געקענט לאָזן שכלדיק איבערצײַגן.

***

מיר זעען, כאָטש די אידעאָלאָגיע פון אַ סאָציאַלער גרופּע איז כולל סתירות צו די אידעאָלאָגיעס פון אַנדערע סאָציאַלע גרופּעס, פאַרמירט זי דאָך אַ לאָגיש קאָנסעקווענטע שיטה און קיין שום שכלדיקע דיסקוסיעס זײַנען נישט בכוח זי צו דערשיטערן. ווי אַ גרופּע אויפן יסוד פון סאָציאַלע באַציִונגען דאַרף אויך גערעכנט ווערן די רעליגיעזע גרופּע מיט די באַציִונגען פון מענטשן צו גאָט אַזוי ווײַט זיי דריקן זיך אויס אין אַ ריטואַלן באַנעם, ווי קרבנות אָדער געבעטן, ווײַל גאָט שפּילט דעמאָלט די ראָלע פון אַ מענטש, די ראָלע פון „מלך מלכי המלכים״. פון דעסט וועגן ווערן די דיסקוסיעס צום לעבעדיקסטן גראַד אין די פּראָגעס פון סאָציאַלע באַציִונגען. אין דער מאַטעמאַטיק קומען נישט פאָר אַזעלכע דיסקוסיעס, ווײַל וואָס עס איז באַוויזן געוואָרן פאַר איין מענטש איז אויך באַוויזן געוואָרן פאַר אַלע מענטשן. אין די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן קענען פאָרקומען קורצע דיסקוסיעס אָדער עס זײַנען בכלל קיין דיסקוסיעס נישט פאַראַן, ווײַל דער עקספּערימענט אַנטשיידט. אָבער ווו דער עקספּערימענט קען נישט אַנטשיידן, דאָ הייבן זיך שוין אָן די מיי־

בונגס־פאַרשיידנהייטן. אַזוי, למשל, אין דער ביאָלאָגיע וועגן דעם אָפּ־שטאַם פון מענטש. דאָ נעמט יעדער אָן די מיינונג, וואָס פּאַסט זיך צום בעסטן צו זײַן אייגענער אידעאָלאָגיע. פון די אַקעגנשטעליקע מיינונגען איז יעדערער גערעכט פון זײַן שטאַנדפּונקט. פרעגט זיך: צו וואָס נוצן די דיסקוסיעס? זיי ווערן געפירט: ערשטנס, כדי צו איבערצײַגן אַזעלכע, וואָס האָבן אַ באַדערפעניש אין אַ נײַער אידעאָלאָגיע און קענען זיך נישט אַנטשיידן. צווייטנס, ווערט דערגרייכט דער פּאַרקערטער צוועק, וואָס מיר שטעלן זיך געוויינלעך פאָר. דורך די דיסקוסיעס ווערט יעדן פון די דיסקוטאַנטן קלאָרער און אמתדיקער זײַן שטאַנדפּונקט. ער באַמיט זיך דורך נײַע און בעסערע אַרגומענטן צו איבערצײַגן זיך גופא אין זײַן אמת, צו באַפעסטיקן זײַן אידעאָלאָגיע און זי צו זיכערן קעגן יעדן אָנפאַל.

קאַפּיטל זיבן

## אידעאָלאָגישע טראַנספאָרמאַציעס און איבערקערענישן

מיט בלויז שכלדיקע אַרגומענטן קען מען נישט באַשטרײַטן דערפאָלגרײַך אַ קעגנערישע אידעאָלאָגיע. דער שכל דינט צו מאַכן דערפאַרונגען און מיט יעדער דערפאַרונג ווערט מען טאַקע שכלדיקער. אָבער דער שכל, וואָס איז דער אינסטרומענט צו מאַכן דערפאַרונגען, באַשטייט פון צוויי פאַקטאָרן: די לאָגיק און דאָס געפיל אָדער אינטערעס. די לאָגיק איז אַ מעטאָד צו סיסטעמאַטיזירן די איבערגעלעבטע פאַקטן אויפן יסוד פון סיבה און ווירקונג, פון גלײַכס און פאַרשיידנס און פון צײַטלעכקייט און רוימלעכקייט. ווי די מאַטעמאַטיק איז זי אַן אַלצאיינע פאַר אַלע מענטשן. יעדער מענטש ווייסט, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר און יעדער מענטש דענקט לאָגיש. פון איר קענען נישט אָפשטאַמען די אידעאָלאָגישע סתירות. זיי קענען זיך נעמען בלויז פון דעם געפיל אָדער אינטערעס, וואָס איז פאַרשידן נישט בלויז פון יחיד צו יחיד, נאָר אַפילו בײַ דעם זעלביקן יחיד איז דער אינטערעס אונטערגעוואָרפן אַלערליי שינויים. אין די ערשטע קינדער־יאָרן איז באַהערשנדיק דער אינטערעס פון נאָכמאַכונג: זיך באַוועגן און ריידן „ווי עס טוען די גרויסע״. אויך דאָס שפּילן זיך איז אַ סאָרט נאָכמאַכונג. אין די שוליאָרן וועקט זיך אויף די אַמביציע צו גילטן, צו „ווײַזן וואָס מען קען״. מען איז באַצוויי־בערט פון מעשהלעך, אין וועלכע די פאַנטאַזיע שפּילט אַ גרויסע ראָלע: מאַכן „קפיצת־הדרך״, ווערן אַ „רואה ואינו נראה״ אד״גל. שפּעטער קומט דער אינטערעס פון חברישקייט, פון עראָטישן נײַגער און פון ליבע צום צווייטן געשלעכט. האָט מען געלערנט אַ פּראָפעסיע, דערוועקט זיך

אַ באַגער צו עקאָנאָמישער זעלבשטענדיקייט. צום סוף קומט דער באַגער צו האָבן אַ „יורש״. דער פּאָטענציאַל פון די דאָזיקע אינטערעסן העננט אָפּ פון די איינגעבוירענע דיספּאָזיציעס, פון דער דערציִונג און פון דער סביבה. ביי באַזונדערש גינציקע דיספּאָזיציעס קומט נאָך צו דער אינ־טערעס פאַר וויסנשאַפט, פאַר קונסט, פאַר גרויסע עקאָנאָמישע אונטער־נעמונגען; דער אינטערעס צו קאָמאַנדירן די אַנדערע ווי אויך דער אינ־טערעס צו אַרויסהעלפן די מיטמענטשן אין אַן אומגליק.

יעדער פון די דאָזיקע אינטערעסן, אָדער, ריכטיקער, אַ קאָמבי־נאַציע פון עטלעכע פון זיי, נעמט אויף אין זיין „אינטערעסן־ספערע״ צוגעפּאַסטע פאַקטן, וואָס גיבן אָפּ דעם יסוד פאַר אַ ספּעציפישער אידע־אָלאָגיע מיט אַ ספּעציפישער שכלדיקייט. אַזוי וועט אַ קינד אין די שול־יאָרן גאָרנישט פאַרשטיין, ווען די עלטערן וועלן צו אים רעדן וועגן זייערע געשעפטן, ווייל דאָס קען אים נישט אינטערעסירן. אַ חתן־בחור, ווען דער „שיר השירים״ איז צום האַרץ, וועט שלעכט באַגרייפן דעם מוסר־השכל פון „הכל הבל״. אַ שכלדיקע אויפקלערונג וועט בלייבן צוועקלאָזיק. יעדער איינער מוז דורכמאַכן די דערפאַרונג אויף „זיין אייגן לייב״, ד״ה; ער מוז צוערשט פילן כדי „קומען צום שכל״. אַז דער יחיד ווערט איינגעגלידערט אין אַ סאָציאַלער גרופּע, אַ רעליגיע, אַ נאַציע, אַ פּאַרטיי, אַ סינדיקאַט אָדער אַ ספּאָרטפאַראיין, מאַכט ער זיך אויך אייגן די סאָציאַלע אינטערעסן פון דער דאָזיקער גרופּע. אַזוי ווי די סאָציאַלע אינטערעסן צייכענען זיך אויס מיט אַ פאַרהעלטענישמע־סיקער באַשטענדיקייט, זיינען אויך די סאָציאַלע אידעאָלאָגיעס אויסגע־האַלטענער. אָבער נאָר פאַרהעלטענישמעסיק, ווייל גלייכצייטיק מיט די אינטערעסן מאַכן אויך זיי דורך טראַנספאָרמאַציעס און קריזיסן. זייער אויסגעהאַלטן זיינען שוין די „אידעאָלאָגיעס״, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די וויסנשאַפטן, ווייל זיי שטיצן זיך אויף פאַקטן, וואָס אינטערעסירן אַלע מענטשן. די שכלדיקע אויסטייטשונגען פון די דאָזיקע פאַקטן, ווי אַנטדעקונגען און אויסגעפינסן, זיינען אמתן פאַר אַלע אָדער אָביעקטיווע אמתן. אָבער אויך אַזעלכע אמתן דויערן נישט קיין אייביקייט, נאָר מאַכן דורך טראַנספאָרמאַציעס. אַזוי איז די פּטאָלאָמעיִשע אַסטראָנאָמיע גע־

וואָרן פאַרשטופּט דורך דער קאָפּערניקישער שיטה און די ניוטאָנישע קאָסמאָלאָגיע — דורך דער רעלאַטיוויטעטס־טעאָריע.

כדי די אידעען זאָלן נישט זײַן קיין אילוזאָרישע מוזן זיי זיך שטיצן אויף פֿאַקטן. אָבער יעדער איינער זעט די פֿאַקטן דורך די ברילן פֿון זײַנע אינטערעסן. דערפֿון נעמט זיך וואָס די זעלביקע פֿאַקטן, וואָס זײַנען דײַטלעך פֿאַר איינעם, עקסיסטירן גאָרנישט פֿאַר דעם אַנדערן. עס קומט עמעצער קיין פּאַריז און זעט נאָר בוכהאַנדלונגען און קונסט־אויסשטעלונגען. אַן אַנדערער זעט בלויז בערזעס, בענק און אַ געיעג נאָך געלט. אַ דריטער — בלויז נאַכטלאָקאַלן און רײַכע אויסלענדער, וואָס פֿאַרווײַלן זיך. איינער זעט אין פּאַריז בלויז דעם לוקסוס, אַן אַנדערער — בלויז דעם עלנט. איינער געפֿינט אויס, אַז אַלע קינאָס און טעאַטערס זײַנען אָנגעפּולט מיט באַזוכערס און באַקומט דעם אײַנדרוק, אַז די קלויסטערס שטייען ליידיק. דער אַנדערער מערקט גאָר אַ גרויסן געדראַנג אין די קלויסטערס און האַלט פֿאַר אַ בילבול, אַז פּאַריז איז אַן אַפּיקורסישע שטאָט. ווען אַ געלערנטער וויל זיך שאַפֿן אַ מיינונג וועגן פּאַריז, קלײַבט ער צוזאַמען סטאַטיסטיק איבער אַלערליי פּאַריזער דערשײַנונגען און מישפּט אויפֿן יסוד פֿון דער סטאַטיסטיק. אַזוי־ערנאָך באַקומט ער אַן אַלץ אַרומנעמענדיק און אָביעקטיוו בילד וועגן פּאַריז. אָבער אויך ער זעט דורך די ברילן פֿון זײַנע אינטערעסן און באַטראַכט געוויסע סטאַטיסטישע טאַבעלעס פֿאַר „זייער וויכטיק" און אַנדערע ווי בלויזע „צופֿעליקייטן".

אַזוי זעט יעדער איינער וואָס עס אינטערעסירט אים צו זען. און וואָס יעדער זעט, דאָס גייט אַרײַן אינעם אוצר פֿון זײַנע אידעען. ווי נאָר בײַ אַ מענטש דערוועקט זיך אַ נײַער אינטערעס, אַזוי עפֿנט זיך אויף פֿאַר אים אַ נײַע וועלט, ווײַל ער זעט איצט אַ סך פֿאַקטן בנוגע וועלכע ער איז געווען ביז איצט בלינד. אַז איינער האָט נישט קיין אינ־טערעס פֿאַר קינאָ, קען ער נישט די נעמען פֿון קיין שום קינאָ־סטאַרס. נאָר זאָל זיך אין אים דערוועקן, נישט וויכטיק צוליב וואָס פֿאַר אַ סיבות, אַן אינטערעס צו דעם, וועט זיך פֿאַר אים עפֿענען אַ נײַע וועלט פֿון סטאַרס, פּראָגראַמען און קריטיק. און דאָס קען מיט זיך ברענגען אַ

רעוואָלוציע אין אַלע זײַנע אידעען. היות דער נײַער אינטערעס קען פאַרשטופן אַנדערע אינטערעסן.

פאַקטן און אינטערעסן שטייען אין אַ קעגנזײַטיקערווירקונג, און וואָס עס איז צוערשט געווען די סיבה ווערט שפּעטער דער רעזולטאַט. אַז איינער מאַכט צופעליק אַן אויסגעפינס, דערוועקט זיך אין אים דער אינטערעס צו מאַכן נײַע אויסגעפינסן. פּונקט אַזוי ווירקט אַ געשאַפן קונסטווערק אַנרעגעוודיק אויף דעם קינסטלער. האָט אַ גוט געשעפט אַרײַנגעבראַכט דעם געשעפטסמאַן אַ מיליאָן, וועקט עס אויף אין אים דעם חשק נאָך מער צו פאַרגרעסערן דאָס געשעפט. מען ווערט רויט ווײַל מען שעמט זיך און מען שעמט זיך ווײַל מען איז געוואָרן רויט. נערוועזיטעט שטערט דעם שלאָף און שלאָפלאָזיקייט מאַכט נערוועז.

צו ווײַזן, ווי אַזוי נײַע פאַקטן ווירקן אויף די אינטערעסן און במילא אויף די אידעען, לאָמיר נעמען אַזאַ בײַשפּיל: עס איז געקומען אַ בחורל פון אַ פּויליש שטעטל קיין ניו־יאָרק. באַלד האָבן זיך אים געוואָרפן אין די אויגן אומצייליקע פאַקטן, וועגן וועלכע עס האָט זיך אים פריִער קיין מאָל נישט געהאַט געחלומט. אין זײַן שטעטל האָט ער געקענט זײַן אַ גאַנצער „בריה" און אין ניו־יאָרק קומט ער זיך פאָר ווי אַ גול. אין זײַן שטעטל האָט ער אײַנגעטיילט די מענטשן אין „גוטע" און אין „שלעכטע" לויט זייער באַנעמען זיך צו אים און אין ניו־יאָרק ווערט ער געוויר, אַז קיינער טראַכט נישט וועגן אים, ווײַל יעדער האָט גענוג מיט זיך צו טאָן. אין פּוילן האָט ער געזען „יידן" און „גוים", אין ניו־יאָרק איז דאָס אים שווער אונטערצושיידן. די נײַע פאַקטן דערוועקן אין אים נײַע אינטערעסן און ברענגען אַן איבערקערעניש אין זײַנע פריִערדיקע אי־דעען. זיי פאַרלירן אַלץ וואָס אין זיי איז געווען אײַנגעשלאָסן פון „גרינקייט", פון סוביעקטיוויטעט, כדי צו ווערן אָביעקטיווער, אַלגעמייך פאַרשטענדלעכער. און אויב ער האָט די דיספּאָזיציע פון רירעוודיקייט, קען ער ווערן אין אַ קורצער צײַט אַן אַמעריקאַנער דזשענטלמען אָדער אַפילו קומען צו דער מדרגה פון אַן אינדוסטריע־קעניג.

ווי געזאָגט, האָבן בײַ אידעאָלאָגישע דיסקוסיעס די שכלדיקע אַרגו־מענטן קיין פּעולה נישט. דער איינציקער אַרגומענט צו איבערצײַגן דעם קעגנער איז אָנצווײַזן אים אויף זײַנע אייגענע אינטערעסן, אַלץ איינס

פון וואָס פאַר אַ מין זיי זײַנען, היות פאַר אַ יסוד פון אַן אידעאָלאָגיע קען אויך דינען אַ ריין אַלטרויסטישער אינטערעס, דהײַנו: די שטאַרקע עמפינדלעכקייט פאַר די לײַדן פון די מיטמענטשן. זעט איצט דער קעג־נער, אַז איינער פון זײַנע אינטערעסן בלײַבט ווי אַ יתום אָן אַן אידעאָ־לאָגישן שוץ, פאַרלירט זײַן פריִערדיקער אידעען־סיסטעם זײַן אויסגע־האַלטנקייט, ער ווערט „לעכערדיק" און פול מיט אינעווייניקסטע סתירות. און אויב דער קעגנער איז נישט קיין גרויסער עקשן — און דאָס געהערט אויך צו די אינטערעסן, זיך נישט צו לאָזן מנצח זײַן — מוז ער נאָכגעבן. אַזוי איז עס לײַכט צו געווינען דעם אַרבעט־געבער פאַרן סאָציאַליזם נאָך דעם ווי ער האָט פאַרלוירן זײַן פאַבריק און איז געצוווּנגען צו אַרבעטן בײַ יענעם. פריִער האָט ער דעם סאָציאַליזם געהאַלטן פאַר אַ משוגעת. איצט זעט ער דערין אַ גרויסע שכלדיקייט, אַן אָפּנוואָרקייט, אַן אַנטדעקונג פון אַמעריקע. אַ קריגס־אידעאָלאָג קען זיך פאַרוואַנדלען אין אַ רודף־שלום ווי באַלד זײַנע געשעפטלעכע אָדער משפּחהדיקע אינטע־רעסן ברענגען אים אין ענגערע באַציִונגען מיט דער „פײַנדלעכער" נאַ־ציע. און אומגעקערט, בײַ דער סכנה פון אַן „אומבאַרעכטיקטן" אָנגריף פון אַ שכנישער נאַציע, קען דער שלום־אידעאָלאָג לײַכט פאַרלירן זײַן אידעאַל פון אייביקן שלום. אַז אַ „קלאַסן־באַוווּסטזיניקער" אַרבעטער קען פאַרלירן זײַן רעוואָלוציאָנערע אידעען־אײַנשטעלונג, ווען ער קומט ווי אַן אַרבעטער־סעקרעטאַר אין באַרירונג מיט די „בעסערע קרײַזן", פאַר דעם פעלן נישט קיין בײַשפּילן.

דאָס איז נישט געזאָגט בלויז בנוגע אַ יחיד, נאָר אויך בנוגע גרויסע סאָציאַלע גרופּעס, וואָס ווערן אָנגעפירט פון סאָציאַל־פּאָליטי־קער. עס דאַרף נאָר אויפקומען אַ נײַע סיטואַציע, למשל, אַ מלחמה, און באַלד דערוועקן זיך אין דער סאָציאַלער גרופּע נײַע אינטערעסן און באַדערפעניש, וואָס וואַרפן אַ ליכטיקייט אויף טויזנטער פאַקטן, וואָס זײַנען פריִער געווען פאַרדעקט מיט אַ דיקן שאָטן. פריִער האָט מען זיך נישט פאַרטראַכט קיין סך וועגן דער פײַנדלעכער נאַציע, מען האָט אין איר געזען בלויז מענטשן, ווי אַלע מענטשן. ערשט איצט דערמאָנט מען זיך אַלע זייערע חסרונות, וואָס מען האָט געהאַט אויסצושטיין צרות פון אַזאַ אָדער אַזאַ יחיד פון דער דאָזיקער נאַציע, און זיי הערן אויף

צו זײַן „מענטשן״. זיי ווערן איצט באַצייכנט ווי „פּײַנד״ אָדער „באַר־באַרן״. די נײַ־אַנטדעקטע פאַקטן באַווירקן אַ רעוואָלוציע אין דער אידעאָלאָגיע פון דער סאָציאַלער גרופּע. זיי גייען שלאָפן ווי אינטערנאַציאָנאַליסטן און שטייען אויף ווי הייסע נאַציאָנאַליסטן. נאָך נעכטן האָט אַן אַרבעטער מיט זײַן „פּאַטראָן״ צוזאַמען געטרונקען אַ „גלעזל״. הײַנט איז אויסגעבראָכן אַן אַלגעמיינער שטרײַק און זיי שטייען זיך שוין איינער קעגן אַנדערן ווי קלאַס קעגן קלאַס. זייערע פּערזענלעכע אידעען זײַנען געוואָרן אַבסאָרבירט פון קלאַסן־אידעאָלאָגיעס.

„קאַטאַסטראָפאַלע״, אַזוי צו זאָגן, אידעאָלאָגישע טראַנספאָרמאַציעס האָבן מיט זיך געבראַכט די צוויי וועלט־מלחמות. בײַם אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל אָפּגע־דאַנקט און אין יעדן לאַנד, אונטער דער לייטונג פון זייערע פירער, האָבן די אַרבעטער־מאַסן פּאַרטיידיקט „דאָס פאָטערלאַנד אין סכנה״. זייער פּראָמינענטסטער וואָרטפירער, דער לינקער מאַרקסיסט קאַרל קאַוטסקי, האָט איצט אויסגעפונען, אַז די אידעאָלאָגיע פון קלאַסנקאַמף איז בלויז גילטיק פאַר דער פרידנסצײַט.

בנוגע דער צווייטער וועלט־מלחמה איז עס באַקאַנט ווי היטלער האָט באַגײַסטערט די דײַטשע אַרבעטער־מאַסן, נעכטיקע סאָציאַליסטן אָדער קאָמוניסטן, פאַר דער דײַטשער וועלטהערשאַפט. אין יעדער באַזעצטער מדינה האָט היטלער באַלד געפונען הייסע אַנהענגער צווישן די אַרבע־טער־פירער, וואָס האָבן נעכטן געפּרעדיקט קאָמוניזם אָדער סאָציאַליזם, ווי למשל, אין פראַנקרײַך דאָריאָ און מאַרסעל דעאַ. זייער איבערגאַנג צום באַרבאַרישן נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם לאָזט זיך אַוודאי דערקלערן דורך זייער באַגער צו אויפהאַלטן אָדער צו באַקומען מאַכט־פּאָזיציעס און אַז זיי זײַנען גאָרנישט עפּעס אַנדערש ווי פאַררעטער אָדער רענעגאַטן. מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז זיי זײַנען געווען גענוג שכלדיק צוצו־פּאַסן אַלע זייערע אידעען, דערינגען אויך דעם „קאַטעגאָרישן אימפּע־ראַטיוו״, צו זייער נײַער סיטואַציע, אַזוי אַז זיי האָבן געקענט האַנדלען מיט „גוטן געוויסן״ און זיך האַלטן פאַר די „אמתע רעוואָלוציאָנערן״.

עס איז במילא גענוג, אַז עס זאָל זיך שאַפן אַ נײַע סיטואַציע, ווי אַ מלחמה, אַ שטייגער, אַז אַלע סאָציאַליסטישע טעאָריעס זאָלן בלײַבן

הענגען אין דער לופט און נישט געפינען קיין שום אָנהאַלט אין דער שכלדיקייט. פונקט להיפוך, די ערשטע וואָס וועלן זיך איבערקערן וועלן זײַן גראָד די וואָס צייכענען זיך אויס מיט אַ גרויסער שכלדיקייט: די טעאָרעטיקער און די פּאָליטישע פירער גופא. מען וואָלט געקענט מיינען, אַז דער טײַוול מישט זיך אַרײַן אין די מענטשלעכע עסקים און אַז עס פאַרגלוסט זיך אים חוזק צו מאַכן פון אונדזער שכל. באַטראַכט פון דער נאָענט, ווערט דאָס אונדז פאַרשטענדלעך. וואָס גרעסער עס איז דער למדן, אַלץ מער איז ער איבערגעלאָדן מיט געדאַנקען און פּשטלעך אויף אַ פאַרגלײַכלעך שוואַכן פונדאַמענט פון נישט־אַסימילירטע פאַקטן, און אויב דער פונדאַמענט באַקומט דעם קלענסטן ריס, צעפאַלט זיך זײַן גאַנצע קאָנסטרוקציע אויף שטיקער. עס קלינגט פּאַראַדאָקסאַל, וואָס גראָד אין פּאָליטישע פראַגעס, אין וועלכע די פאָלקסמאַסן זײַנען ווייניק באַהאַוונט און האָבן ליב זיך צו שטיצן אויף אַן אויטאָריטעט, אַז גראָד דאָ קען מען זיך צום ווייניקסטן שטיצן אויף אַן אויטאָריטעט.

**
*

אידעאָלאָגישע „קאַטאַסטראָפעס" זײַנען זעלטן אינעם פּריוואַט־לעבן, דערפאַר אָבער טרעפן זיך גאָר אָפט אידעאָלאָגישע פאַרבײַטן, וואָס באַ־ווײַזן צום בעסטן די אויסגעהאַלטנקייט פון אידעען בײַ אַ געגעבענער סיטואַציע און זייער איבערקערעניש בײַ אַ פאַרענדערטער סיטואַציע. מיר שאַפן זיך אידעען, ד"ה מיר בויען אויף אונדזער „לאָקאַל־אידעאָלאָגיע", וואָס זאָל רעגולירן אונדזער באַנעם מיט אונדזערע קרובים און פרײַנד. כדי די דאָזיקע אידעען זאָלן נישט פאַרלירן פון זייער אמתדיקייט, איז נייטיק, אַז די פאַקטן זאָלן אין קיין אויגנבליק נישט אויפהערן זיי אונטער־צושטיצן. מען דאַרף נאָר אַ רגע זיך פילן באַליידיקט פון אונדזערן אַ פרײַנד, אַז די גאַנצע אידעאָלאָגיע, וואָס מיר האָבן אויפגעבויט אין שײַכות צו אים, זאָל ווערן צעשטערט און פון אַ מלאך זאָל ער זיך אין אונדזערע אויגן פאַרוואַנדלען אין אַ טײַוול. די אַלע פאַקטן, וואָס מיר האָבן פריִער געזען, זעען מיר איצט נישט און דאָס וואָס מיר זעען איצט, האָבן מיר פריִער נישט געזען. אָפט איז גענוג אַ וואָרט פון דעם פרײַנד כדי צוריקצושטעלן די פריִערדיקע פאַרהעלטעניש. דעמאָלט זײַנען מיר

דערשטויגט איבער אונדז גופא: מיר קענען זיך נישט דערקלערן, ווי אַזוי מיר האָבן געקענט זײַן אַזוי אומשכלדיק, אַזוי „משוגע״, דעם פרײַנד אַזוי שלעכט צו מישפּטן. אויב עס האָט זיך טאַקע דערוויזן אַן אינטערעסן־קאָנטראַסט צווישן דעם פרײַנד און אונדז, דאָ קען שוין מער גאָרנישט העלפן: מען האָט זיך געהאַט גענאַרט און דער פרײַנד איז קיין מאָל קיין פרײַנד נישט געווען. שכלדיקע דערקלערונגען זײַנען דעמאָלט ווערט פאַר דער קאַץ. האָט זיך דער אינטערעסן־קאָנטראַסט אָפּגערוקט פון אונדז און געהערט שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט, דעמאָלט באַקומען מיר אַן אָביעקטיוון אורטייל און זעען, אַז די פאַרפּײַנדונג איז געווען אַ „נאַרישקייט״.

דערפון נעמען זיך אויך די „מיספאַרשטייעניש‫ן״, וואָס באַטריבן אָפט אונדזער געוויסן. צווי מענטשן רעדן די זעלבע שפּראַך און ביידע זײַנען שכלדיק ביז גאָר. פון דעסט וועגן קומט עס פאָר, אַז זיי האָבן זיך שלעכט פאַרשטאַנען. דאָס קומט דערפון וואָס „אַלע רייד זײַנען אַרויס־געוואָרפן״ ווען זיי אינטערעסירן נישט. יענעמס רייד ווערן אינטערפּרע־טירט דורך אונדזערע אייגענע אינטערעסן.

ווי ווײַט מען פאַרלויפט זיך אין אילוזיעס בעת די אידעען האָבן נישט קיין ממשותדיקע „דעקונג״, באַווײַזט דער פאַקט, אַז מען באַדאַרף אָפט בלויז אויפכאַפּן דעם אָנבליק פון אַ מענטשן, כדי צו אַנולירן אַ סיסטעם פון אידעען, וואָס מיר האָבן זיך אויפגעשטעלט וועגן אים אין זײַן אָפּזײַקייט.

אַחוץ דעם זײַנען פאַראַן „בלײַבנדיקע סיטואַציעס״, דהײַנו: די דיס־פּאָזיציעס, וואָס זײַנען ספּעציפיש פאַר יעדן יחיד און פאָרמירן זײַן „טעמפּעראַמענט״. עס קומען אויף אַלערליי סתירות צווישן די טעמפּעראַ־מענט־פּרינציפּן, די טעמפּעראַמענט־אמתן. פאַר דעם אָפּטימיסט איז דאָס לעבן אַ „מחיה״, פאַר דעם פּעסימיסט איז דאָס אַן „אָפּקומעניש״. פאַר דעם פלעגמאַטיקער גילט דער פּרינציפּ „פּאַמעלעך אָבער פאָרויס״, פאַר דעם הייסבלוטיקן: „וואָס מען כאַפּט נישט אַרײַן, דאָס האָט מען נישט״. פאַר די 20יעריקע איז די ליבע דער איינציקער אמת אין דער וועלט; פאַר די זקנים איז די ליבע אַן אילוזיע. דערפון נעמען זיך טעמעס פאַר דיסקוסיעס פון לאָקאַל־פילאָסאָפן: צי עקסיסטירט אָדער צי עקסיסטירט

נישט די ליבע? צי איז דאָס לעבן גוט אָדער שלעכט? אאַז״וו. און כאָטש די דיסקוטאַנטן זײַנען זייער שכלדיק, פון דעסט וועגן קומען זיי קיין מאָל נישט צו קיין פשרה און בײַ יעדער געלעגנהייט הייבן זיי אָן פון אָנהייב.

פונקט אַזוי פורעמען זיך אידעען־סעריעס אין שײַכות מיטן חוש־הטעם, וואָס איז קוואַליטאַטיוו פאַרשיידן פון יחיד צו יחיד, און אידעען־סעריעס אין שײַכות מיט די ספּעציפישע געוווינהייטן פון יעדן יחיד. אין דער פאַמיליע קומען אָפט אויף סיכסוכים ווען איינער האָט ליב לאָקשן און דער אַנדערער האָט ליב רײַז; ווען איינער האָט ליב צו שפּאַצירן און דער אַנדערער צו זיצן אין דער היים. יעדער איינער האַלט זיך בײַ זײַן פּרינציפּ („שפּאַצירן איז געזונט״) און דעריבער טײַטשט ער אויס פאַלש דעם אַנדערנס באַנעם. דערקלערונגען קענען באַרויִקן נאָר אויגנבליקלעך. די יחידישע פאַקטן ווירקן באַשטענדיק און לאָזן אויפ־קומען אויף ס׳נײַ די אייגענע פּרינציפּן. רכילות באַשטייט אין שלעכטע אויסטײַטשונגען, כאָטש מען טוט דאָס מיט אַ גוטער כוונה. צוקערט זיך איינער אָפּ זײַן טיי מיט בלויז איין שטיקל צוקער — ווערט דאָס אויסגעטײַטשט ווי קאַרגשאַפט און קיין שום דערקלערונגען קענען נישט אויפקומען קעגן דעם „אמת״, אַז „זיס איז גוט״. עס איז באַקאַנט דאָס ווערטל „דער זאַטער גלייבט נישט דעם הונגעריקן״. אויף דעם זאַטן ווירקט דער „אמת״, אַז מען קען זיך באַגיין אויך אָן עסן. און טאַקע, עס געהערן שוין דערצו די דערפאַרונגען פון אַ ציוויליזירטן, כדי זאַטער־הייט זיך צו פאַרזאָרגן מיט שפּײַזן אויף שפּעטער. עס זײַנען פאַראַן פרימיטיווע שבטים, וואָס טוען דאָס נישט, כאָטש עס קומט זיי אָן שווער זיך צו פאַרשאַפן די שפּײַזן. דאָס ווערטל לאָזט זיך אויך אומקערן אין „דער הונגעריקער גלייבט נישט דעם זאַטן״. קומט מען צו אַ קרוב, וואָס איז גראָד בײַם עסן און מען וויל נישט „מיטהאַלטן״, וועט דער קרוב אויף דער דערקלערונג, אַז מען איז נישט הונגעריק, זוכן אַנדערע אויס־טײַטשונגען, ווײַל בײַ אים הערשט איצט דער „אמת״, אַז „עסן איז גוט״. אויפן יסוד פון אמתן, וואָס שטיצן זיך אויף ספּעציעלע סיטואַציעס, איז אויך אויפגעקומען דאָס שפּריכוואָרט: אינעם הויז פון אַ געהאָנגענעם זאָג נישט „הענג מיר אויף דעם פעלץ״, ווײַל אינעם דאָזיקן הויז איז

דער פאַקט פון געהאַנגענעם געבליבן אומפאַרגעסלעך און אין שייכות צו אים ווערט אַלץ אויסגעטײַטשט.

אויפן יסוד פון געוווינהייטן קומען אויך אויף ספּעציפֿישע פּראָווינץ־אידעאָלאָגיעס. אין אַמאָליקן פּוילן האָט מען בלויז דורך אַ געוויסן אופן דענקען געקענט אונטערשיידן אַ לאָדזשער פון אַ וואַרשעווער, אַ קראָקעווער פון אַ לעמבערגער אאַז״וו. נאָך בולטער זײַנען געווען די אונטערשיידן צווישן „ליטוואַקעס״, „פּוילישע״ און „גאַליציאַנער״. יעדע „ראַסע״ האָט זיך געהאַלטן פאַר דער קליגסטער און בעסטער.

וואָס רײַכער עס איז דער מענטש אין בילדונג און איבערלעבענישן, אַלץ מער דערהייבט ער זיך איבער די ענגע ראַמען פון פאַמיליע־ און פּראָווינץ־אידעאָלאָגיעס. בײַ אים גילטן ווי אמתן: „יעדער האָט זײַן געשמאַק״, „אומעטום זײַנען פאַראַן גוטע און שלעכטע״ אאַז״וו. די אויפגאַבע פון דעם מאָדערנעם מענטשן דאַרף זײַן זיך צו דערהייבן אַפילו איבער די ראַמען פון נאַציאָנאַליזם צו אַלגעמיינער מענטשלעכקייט און אַזוי אַרום פּראַקטיש אויסצוגלײַכן די סתירות צווישן די נאַציאָנאַל־אידעאָלאָגיעס.

**
*

די בײַשפּילן, וואָס זײַנען אַרײַנגעפירט אינעם איצטיקן קאַפּיטל, דאַרפן באַשטעטיקן מײַן הויפּט־טעזע, אַז עס זײַנען נישטאָ קיין שום אַנדערע אמתן ווי די שכלדיקע אויסטײַטשונגען פון די עמפּירישע פאַקטן, וואָס מיר זעען דורך די ברילן פון אונדזערע אינטערעסן.

קאַפּיטל אכט

# דער סאָציאַלער יושר

זינט „אָדם־הראשון", זינט דער מענטש איז געוואָרן מענטש, האָט ער שוין באַזעסן די דיספּאָזיציעס און די אָנהייבן פון דער הײַנטיקער ציוויליזאַציע. די אַנטראָפּאָלאָגן באַצייכענען דעם פּרימיטיוון מענטש ווי אַ „האָמאָ סאַפּיענס": דער „שכלדיקער", בערגסאָן רופט אים „האָמאָ פאָבער": דער „טעכניקער" און בײַ אַריסטאָטעלעסן טראָגט ער דעם נאָמען „סאָציאַלע חיה". אין די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען זײַנען געפונען געוואָרן רעשטן, וואָס באַווײַזן, אַז דער מענטש, וואָס האָט געלעבט, לאָמיר זאָגן, מיט אַ הונדערט טויזנט יאָר צוריק, איז שוין געווען אַ רעליגיעזער, היות זײַנע קברים טראָגן ריטואַלע באַפּוצונגען. אַז ער איז געווען אַ קינסטלער באַווײַזן די צייכענונגען פון חיות אויף די ווענט פון די נאַטירלעכע היילן אין וועלכע ער האָט זיך דעמאָלט אויפגעהאַלטן, צייכענונגען, וואָס רופן אַרויס די באַוווּנדערונג פון די הײַנטיקע קינסט־לער. במילא איז עס קיין שום ספק נישט, אַז ער האָט דעמאָלט שוין באַזעסן דאָס געפיל פון סאָציאַלן יושר, ווי אַ „סאָציאַלע חיה", ווי אַ מענטש, וואָס האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט אַנדערע מענטשן און האָט נישט געקענט אויסקומען אָן זיי. דאָס דאָזיקע געפיל אָדער מאָראַלישער געוויסן האָט פון זיך אַרויסגעגעבן דאָקטרינעס, וואָס האָבן דורכגעמאַכט פאַזעס פון אַנטוויקלונג, וואָס האָבן זיך באַצויגן סײַ אויף די נאָענטסטע מיטמענטשן און סײַ אויף דעם מענטש בכלל. געוויינטלעך זײַנען זיי געווען פאַרקנופּט מיט רעליגיע. אָבער מיר געפינען אויך מאָראַלישע דאָקטרינעס אָן אַ רעליגיעזן יסוד, ווי, למשל, בײַם כינעזישן מאָראַל־פילאָסאָף קאָנפוציוס (551—479 פאַר קריסטוסן).

און ווי זעט עס הײַנט אויס מיטן מאָראַלישן געוויסן? מיר ווייסן, אַז דאָס האָט נישט געשטערט די נאַציס צו באַגיין די גרויזאַמסטע רציחות, ווײַל לעבן דעם געוויסן זײַנען נאָך דאָ אַנדערע „געוויסנס״ און עס זײַנען אויך דאָ אַנגעוויסנדיקע. דאָס אַלץ איז נישט קיין נײַעס און שוין דער פּרימיטיווער מענטש האָט געוווסט צו אונטערשיידן צווישן „גוט און שלעכט״. און לעבן די צדיקים זײַנען אויפגעטראָטן רוצחים (קין) און הערשער (נימרוד). פון דעסט וועגן האָט די אידעע פון סאָציאַלן יושר פאַרנומען אַ וויכטיק פּלאַץ און געזעצן ווי לא תרצח, לא תגנב אד״גל טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון די פּרימיטיוווסטע צײַטן און זײַנען געווען גילטיק אויך בײַ די ווילדע שבטים.

יעדן פאַלס קען מען דאָס יושר־געפיל אָנטרעפן בײַ יעדן מענטשן און עס איז זעלטן, אַז עס זאָל ווערן אין גאַנצן דערשטיקט דורכן עקסיסטענץ־קאַמף. שוין בײַ 10—12יעריקע קינדער דערוועקט זיך אַזאַ געפיל מיט אַ גלײַכער נאַטירלעכקייט, ווי דער פאַרלאַנג צו רעדן בײַ צווייאָריקע קינדער און ווי דאָס אויפזוכן דאָס צווייטע געשלעכט בײַ אַ שפּעטערדיקן עלטער. עס זײַנען במילא פאַראַן פאַקטן און אינטערעסן פון גערעכטיקייט, ווי עס זײַנען פאַראַן עקאָנאָמישע פאַקטן און עקאָנאָמישע אינטערעסן און ווי עס איז פאַראַן אַ וועלט מיט אָביעקטן און אונדזער אינטערעס צו דערקענען זייער שײַכות צו אונדז.

אונטער עטיק פאַרשטייט מען די שטודיע וועגן כּללים און אידעען, וואָס זײַנען אויפגעקומען בנוגע דעם אופן ווי דער מענטש דאַרף באַהאַנדלען און ווי ער באַהאַנדלט ווירקלעך זײַנע מיטמענטשן. די דאָזיקע שטודיע פאַרנעמט זיך אויך מיט האַנדלונגען, וואָס ווערן באַצייכנט ווי אוממאָראַלישע. אויב מיר נעמען אָן אַ מאָראַלישע סקאַלע, פון וועלכער דער נול־פּונקט שטעלט מיט זיך פאָר דעם טריבונאַל, וואָס רעגולירט די פאַרהעלטעניש צווישן „מײַנס״ און „דײַנס״, קען דאָס געפיל פון יושר אַרויף ביז צו דער מדרגה פון אַליין־אויפאָפּפערונג פאַר די מיטמענטשן — ווי אַ מוטער פאַר אירע קינדער — און די אָפּזײַיקייט פונעם דאָזיקן געפיל קען זינקען ביז צו צעשטערן די עקסיסטענץ פון אַנדערע מענטשן. די מאָראַלישע סקאַלע, דהײַנו דער „געוויסן״, איז אונטערגעוואָרפן אַלערליי פאַרענדערונגען אין דער אָפּשאַצונג פון „גוט״ און

„שלעכט". לויט די אומשטאַנדן קען איין און די זעלביקע האַנדלונג ווערן פאַרשיידן אָפּגעשאַצט. אַזוי קען דער געלונגענער אַטענטאַט אויף אַ טיראַן אין אונדז אַרויסרופן אַ געפיל פון מאָראַלישער באַפרידיקונג.

ווי אַ באַשטאַנדטייל פון יעדער אידעאָלאָגיע ווײַזן אויף די מאָראַלישע אידעען די אידעאָלאָגישע מעלות און חסרונות. זיי האָבן נישט קיין אַבסאָלוטן, אויך נישט קיין וויסנשאַפטלעכן, נאָר בלויז אַ שכלדיק עמפּירישן ווערט. די פילאָסאָפן האָבן אויך אַזוי ווייניק הצלחה מיטן אויפשטעלן אַ פּרינציפּ, פון וועלכן עס זאָלן זיך אָפּלייטן די מאָראַלישע האַנדלונגען, ווי מיטן אויפשטעלן מעטאַפיזישע פּרינציפּן בכלל. מיט מאָראַלישע האַנדלונגען לאָזט זיך אויך נישט וויסנשאַפטלעך עקספּערימענטירן, כדי פּאָרויסצוזאָגן, ווי אַזוי אונטער געוויסע באַדינגונגען עס וועט אָדער עס דאַרף אַ מענטש האַנדלען. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס דער מענטש האָט די מעלה, אָדער אפשר דעם חסרון, צו באַזיצן אַ פרײַען ווילן. די לאָגיק האָט אָבער די אייגנשאַפט צו אַבסאָלוטיזירן די באַגריפן אַזוי ווײַט ביז זיי פאַרלירן יעדע ממשותדיקייט. אינעם קאָסמאָלאָגישן זינען איז דערווירקלעכער רוים אַבסאָלוטיזירט ביז „אומענדלעכקייט", וואָס איז נישט מער ממשותדיק. און אין דער מאָראַל, וואָס גייט אַרויס פונעם באַגריף „ליבע", שטעלט די לאָגיק אויף די פאָדערונג: „זאָלסט ליבן דײַן חבר ווי זיך אַליין". אַזאַ אַלטרויִזם וואָלט נאָר מעגלעך געווען, ווען דער חבר וואָלט מיט דיר געווען פאַרוואָקסן צו אַן איינציקן אָרגאַניזם. זײַן אַנטיפּאָד, דער עגאָיִזם, קען שוין אַוודאי נישט ווערן די נאָרמע פון דער מאָראַל. עס לאָזן זיך אויך נישט אָפּלייטן פון אים אַלע מענטשלעכע האַנדלונגען, היות די אַליין־אויפאָפּפערונגען האָט אויך איר סאָציאַלע רעאַליטעט. וואָס אונדזער עמפּירישער שכל דאַרף יאָ אָננעמען, דאָס איז די קאָעקסיסטענץ פון די ביידע פּרינציפּן ווי מענטשלעכע טענדענצן.

מחמת זי האָט איר שורש אינעם ביאָלאָגיש־סאָציאַלן צוזאַמענלעבן לאָזט זיך די מאָראַל — ד"ה דער אופן ווי דער מענטש באַהאַנדלט און ווי ער דאַרף באַהאַנדלען זײַנע מיטמענטשן, — צוריקפירן אויף אַ גאַנצער סקאַלע פון טענדענצן, וואָס ווערן פאַרשידן אָנגערעגט לויט די דיספּאָזיציעס און לויט דער סיטואַציע פון יעדן יחיד. די אײַנגעבוירענע

דיספּאָזיציעס ווערן ווײַטער אַנטוויקלט דורך דער דערציִונג. בײַ דעם זעלביקן יחיד קענען זײַן גלײַכצײַטיק דיספּאָזיציעס פאַר פּאָזיטיווע און פאַר נעגאַטיווע מאָראַל־ווערטן, ווי געזעלנדיקייט — זעלבסטיקייט, ליבע — האַס, רחמנות — גרויזאַמקייט, גענינזאַמקייט — האַבגיר, גלײַכהייטס־געפיל — הערשאַפט, פאַרגעבונג — נקמה, א״אַנד. די גוטע דערציִונג באַווירקט, אַז די פּאָזיטיווע מאָראַל־ווערטן זאָלן באַקומען די איבערמאַכט. די דערציִונג ווירקט נישט דורך שכלדיקע אַרגומענטן, נאָר דורך פאַקטן, דהײַנו דורך בײַשפּילן מצד די דערציִער און דורכן נאָכמאַכונגס־אימפּולס און אַרויסרופונג פון אַנטשפּרעכיקע אינטערעסן מצד די קינדער. מוסר זאָגן קען נאָך זײַן אַזוי שכלדיק, אָבער דאָס ווירקט נאָך דורך דער סוגעסטיע, וואָס עס פאַרמאָגן באַשטימטע ווערטער, וואָס רײַסן מיט דעם צוהערערס געפילן און צינדן אָן אין אים עמאָציעס פון סימפּאַטיע אָדער אָפּשײַ, פון מוט אָדער שרעק. קיינער לאָזט זיך נישט שכלדיק איבערצײַגן, אַז אַליין־אויפאָפּפערונג איז גוט פאַר דער נאַציע אָדער פאַר דער מענטשהייט, כדי צו שטעלן זײַן לעבן אין סכנה. דערקעגן קענען די בײַשפּילן פון זײַנע חברים אין אים דערוועקן אַזעלכע עמאָציעס, אַז ער גייט דעם טויט אַנטקעגן, כאָטש ער וואָלט אים געקענט פאַרמײַדן. אין אונדזערע קינדער־יאָרן דערוועקן אין אונדז שטאַרקע עמאָציעס ווערטער, ווי מלאכים, שדים, גיהנום, גן־עדן אד״גל און שפּעטער, אין דער „ראָמאַנטישער יוגנט“, ווערטער ווי ליבע, פרײַנדשאַפט, פרײַהייט, רעוואָלוציע אד״גל. און זיי באַאײַנפלוסן שטאַרק אונדזערע האַנדלונגען. ווען מען איז אָבער געוואָרן געניטער און „געקומען צום שכל“, פאַרהאַלט מען זיך קריטיש צו די מאָראַלישע אַבסטראַקציעס. גלײַכס דערצו גילט אויך, ווען עס שטייט אויפן שפּיל דער גורל פון אַ נאַציע אָדער פון אַן אַנדערער סאָציאַלער גרופּירונג. אין דער צײַט פון דער רעפאָרמאַציע אין דײַטשלאַנד און פון דער קראָמוועל־רעוואָלוציע אין ענגלאַנד האָבן פּסוקים פון תורת־משה און פון ברית־חדשה, פּסוקים וואָס שטעלן אַלע מענטש אויף אַ גלײַכער מדרגה, אַרויסגערופן אַזאַ באַגײַסטערונג, אַז דאָס פאָלק האָט געזען אין די דאָזיקע פּסוקים אַ נײַע אָפּנוואָרקייט. פּונקט אַזוי האָבן בשעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789 באַגײַסטערט די ווערטער „גלײַכהייט“, פרײַהייט“,

„ברידערלעכקייט" און געמאַכט דעם אײַנדרוק פון ערשט אַנטדעקטע אמתן, וואָס זײַנען בכוח איבערצודרייען די וועלט. און אויב אין 1948 האָט מדינת ישראל גענזיגט איבער אַזוי פיל פֿײַנדלעכע אַראַבישע מלוכות, איז דאָס געווען נישט „על־פי השכל", נאָר אַ דאַנק דעם שיר „התקווה", וואָס האָט אין זיך אויפגענומען די עמאָציעס פון אַ צוויטויזנטיעריקן גלות.

ווען מיר באַטראַכטן קריטיש די מאָראַלישע אידעען ווי, למשל, „אַליין־אויפאָפּפערונג איז גוט" אָדער, אומגעקערט, „אַליין־אויפאָפּפערונג איז שלעכט", „נקמה איז זיס" אָדער „מען דאַרף פאַרגעסן און מוחל זײַן", „מען דאַרף קעמפן פאַר פרײַהייט" אָדער „מען דאַרף רעזיגנירן" אד"גל, געפינען מיר אין זיי טענדענצן אָבער נישט קיין אמתן. אָבער אין דער היץ פון דער עמאָציע באַקומען זיי דעם שײַן פון אמתן אין אַ באַשטימ־טער סאָציאַלער גרופּע. די אויפגאַבע פון דער פּראָפּאַגאַנדע איז נישט אויפצוקלערן נאָר צו עמאָציאָנירן, צו שפּילן אויף די מאָראַלישע סטרו־נעס פון די פאָלקסמאַסן, כדי צו מאַכן מיטשווינגען גלײַכע טענדענצן און גלײַכע אינטערעסן. אין דער וויסנשאַפט נעמען מיר איבער בײַ מענטשן, וואָס זײַנען וויסנשאַפטלעך שכלדיקער פאַר אונדז, זייער שכל־דיקייט: די אויסטײַטשונגען פון פאַקטן, דאָס פאָרמולירן געזעצן. די וויסנשאַפט איז זייער ספּעציאַליטעט. מיר וואָלטן פון זיך אַליין נישט געקומען צו פאָרמולירן אַזעלכע געזעצן, כאָטש נאָך זייער אַנטדעקונג צווינגען זיי זיך אויף אונדז אַרויף ווי גאַנצע אמתן. אַנדערש אָבער איז אין דער מאָראַל, וואָס קען ווירקן בלויז דורך סוגעסטיע. אַ מאָראַלישער געניוס, ווי בודאָ אָדער יעזוס, צייכנט זיך אויס נישט דורך אַ ספּעציע־לער שכלדיקייט, נאָר דורך דער מאַכט פון זײַנע אינסטינקטן צו ווירקן אויף די זעלביקע אינסטינקטן פון זײַנע מיטמענטשן און זיי מיטרײַסן אין דער באַגײַסטערונג. עמפּיריש־שכלדיק געפינען מיר אין דער גע־זעלשאַפט יעדער סאָרט פון אומגלײַכהייט. שוין בײַ דער געבורט שיידן זיך אונטער די מענטשן פיזיש און פסיכיש. אָבער די יושר־טענדענץ איז אין אונדז אַזוי שטאַרק, אַז דער זאָג: „אַלע מענטשן זײַנען געבוירן גלײַכע" (זשאַן זשאַק רוסאָ), דערשײַנט פאַר אונדז ווי אַן אומצעטרייס־

לעבער אמת און איז אַרײַן ווי אַ פּרינציפּ פון גרויסע רעליגיעס און פון מאָראַלישע דאָקטרינעס.

דאָס וואָס די מאָראַל לאָזט זיך נישט דערקלערן בלויז ווי אַן עגאָיִסטישע באַרעכענונג, ד״ה ווי אַן אידעאָלאָגישע פאָרמאַציע מיטן יחידישן אַליין־דערהאַלטונג־אינסטינקט ווי אַן אונטערבוי, נאָר דאַרף געפינען איר באַגרינדונג אין סאָציאַלע טענדענצן פון ביאָלאָגישן אָפּשטאַם, דאָס האָבן באַנוצט די פילאָסאָפן צו מאַכן פון איר אַ באַשטאַנדטייל פון דער מעטאַפיזיק. איר מעטאַפיזישער באַגריף ווערט באַצייכנט מיט דאָס „העכסט גוטע״. לויט פּלאַטאָנען געהערן צו דער גאָטהייט לעבן די אַטריבוטן „דער העכסטער אמת״, „די העכסטע שיינקייט״, אויך דער אַטריבוט דאָס „העכסט גוטע״. דער דײַטשער פילאָסאָף עמאַנועל קאַנט, וואָס האָט אין זײַן ווערק „די קריטיק דער רײַנען פערנונפט״ צעשטערט יעדע מעטאַפיזיק דורך באַווײַזן, אַז דער שכל קען נאָר משיג זײַן דאָס, וואָס איז צוגענגלעך פאַר די חושים, — אָט דער קאַנט האָט געשאַפן אַ נײַע מעטאַפיזיק, וואָס איז באַגרינדעט נישט אויפן שכל, נאָר אויפן מאָראַלישן געוויסן. לויט אים איז פאַראַן אינעם מענטשנס האַרץ אַ מין זשאַנדאַרם וואָס באַפעלט אים: דו מוזסט זיך באַנעמען אַזוי און אַזוי. דאָס איז דער אַזוי גערופענער „קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו״, ד״ה דער אַבסאָלוטער באַפעל. אַזאַ אַבסאָלוטער באַפעל לאָזט זיך, לויט אים, נאָר דערקלערן, ווען מען נעמט אָן, ערשטנס, אַז דער מענטש באַזיצט אַ פרײַען ווילן, צווייטנס, אַז די נשמה איז אומשטאַרבלעך. און דריטנס, אַז גאָט עקסיסטירט. כאָטש קאַנט איז איינער פון די, וואָס האָבן באַגרינדעט די אידעע פון אַנטוויקלונג — די עוואָלוציע פון דעם זונען־סיסטעם איז זײַן אַנטדעקונג; ער איז געקומען צום זעלביקן רעזולטאַט גלײַכצײַטיק מיט דעם פראַנצויזישן אַסטראָנאָם לאַפּלאַס און אומאָפּהענגיק פון אים — און ער האָט שוין אויפגעשטעלט, נאָך פאַר דאַרווינען, די השערה פון אַ ביאָלאָגישער אַנטוויקלונג. אַזוי איז דאָס געווען בײַ אים בלויז אַ השערה אָן אַ פאַקטישן באַווײַז. פאַר אונדז איז דאָס זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז דער מאָראַלישער געוויסן לאָזט זיך דערקלערן צו אַ גוטן טייל ביאָלאָגיש, וואָס דריקט זיך אויס אין געפילן פון סימפּאַטיע, רחמנות, יושר אד״גל. „דער אַבסאָלוטער באַפעל״ קומט ערשט מיט דער

דערציִונג און דריקט זיך אויס אין אַנגסט־געפיל פאַר באַשטראָפונג, סײַ אויף „דער וועלט", סײַ אויף „יענער וועלט".

אַז דער דײַטשער פילאָסאָף קאַנט האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעך מאָראַלישן געוויסן, באַווײַזט אין זײַנע שריפטן אַ שטעלע, ווו ער זאָגט: „צוויי זאַכן באַוואונדער איך צום מייסנטן, דעם הימל פול מיט שטערן איבער אונדז און דעם געוויסן אין אונדז". אָבער דער געוויסן האָט נישט געשטערט די דײַטשע נאַציס הונדערט עטלעכע און דרײַסיק יאָר נאָך קאַנטס טויט (געשטאָרבן אין 1804) אויף אַ גרויזאַמען אופן צו דערמאָרדן מיליאָנען מענטשן און דערבײַ צו האָבן אַ „פּאַטריאָטיש־מאָראַלישע" באַפרידיקונג.

די מאָראַל קען נישט זײַן בלויז דער רעזולטאַט פון דערציִונג, נאָר זי דאַרף האָבן איר קוואַל אין דער ביאָלאָגישער אַנטוויקלונג פון דעם מענטש. שוין נישט צו רעדן וועגן אַליין־אויפאָפּערונג פון אַ מוטער פאַר איר קינד, וואָס ווערט פון אַלעמען באַצייכנט ווי מוטער־אינסטינקט, קומט אָפט פאַר, אַז מענטשן שטעלן זיך אין סכנה, כדי אַנדערע, אין גאַנצן אומבאַקאַנטע, צו ראַטעווען דאָס לעבן. זיי טוען דאָס ספּאָנטאַן, במילא אינסטינקטיוו. להיפּוך קומען אויך פאָר ספּאָנטאַנע אַקטן פון רציחה, היות די רוצחים טראַכטן זיך נישט איבער, אַז עס דערוואַרט זיי אַ שטרענגע באַשטראָפונג. די מאָראַל, אינעם ווײַטן זינען פונעם וואָרט, שטעלט זיך צוזאַמען פון אַ סך אַנטאַגאָניסטישע אינסטינקטן אָדער טענ־דענצן, וואָס מיר האָבן ביאָלאָגיש געירשנט פון אָבות־אבותינו. גובר איז, לויט דער סיטואַציע, דער אָדער יענער אינסטינקט: דער יצר־טוב אָדער דער יצר־הרע. די גוטע דערציִונג באַווירקט צו גונסטן די אײַנגעבוירענע גוטע טענדענצן. איז די סיטואַציע אַזעלכע, אַז דער גוט דערצויגענער איז גורם דעם אַנדערן אַ שאָדן, באַקומט ער „געוויסן־ביסן". איז אָבער די סיטואַציע אַ דוויערנדיקע, דעמאָלט הערן אויף די געוויסן־ביסן און מיט זיי אויך דער „קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו".

עס איז אָנצונעמען, אַז בײַ גינציקע מאַטעריעלע באַדינגונגען איז שטענדיק גובר דער יצר־טוב, ד"ה דער סאָציאַלער יושר. דאָס איז דער פאַל, ווען מען איז אַ שמח בחלקו. דערפון נעמט זיך אין יעדן דור די עקסיסטענץ פון „צדיקים", וואָס גילטן אונדז ווי מוסטערן פון יושר,

גוטסקייט און מענטשלעכקייט. תמיד, ווען אונדזער אינטערעס ווערט נישט געשעדיקט, זײַנען מיר אויף דער זײַט פֿון דעם גערעכטן. דאָס איז ספּעציעל דער פֿאַל אין ראָמאַנען און אין טעאַטער. אין פּריוואַטן לעבן קען עמעצער זײַן אַ טיראַן, זעט ער אָבער אַ בײזוויליקע האַנדלונג אינעם טעאַטער, ווערט ער מלא חמה אויף דעם טעאַטער־טיראַן און פֿילט רחמנות צו יענעמס קרבן. אַזוי לאָזט זיך דערקלערן פֿאַר וואָס דער סאָציאַלער יושר גילט ווי אַן אידעאַל. דאָס וויל זאָגן, אַז עס דאַרפֿן נאָר געשאַפֿן ווערן גוטע באַדינגונגען, כדי ער זאָל ווערן אַ רעאַליטעט.

עס איז מעגלעך, אַז די לעגענדע וועגן אָדם־הראשון, וואָס איז געוואָרן פֿאַרטריבן פֿון גן־עדן, — אַ לעגענדע, וואָס האָט אַ געוויסע ענלעכקייט מיט דער „גאָלדענער תקופֿה״ בײַ די אַלטע גריכן, — מעגלעך, אַז זי איז כולל אַ תוך פֿון אמת. פֿריִער, פֿאַר דעם געאָלאָגישן אײַז־פּעריאָד, איז אַוודאי די ערד געווען אַזוי פּרוכטיק, אַז די מענטשן האָבן נישט געדאַרפֿט אַרבעטן. זיי האָבן געהאַט פֿון אַלעם גוטן, פּונקט ווי אַ קינד בײַ דער מוטערס ברוסט. בײַ דעם דעמאָלטיקן וואַרעמען קלימאַט האָבן זיי אויך נישט באַדאַרפֿט נישט קיין הײַזער און נישט קיין קליידער. נאָר איין זאַך האָבן זיי שטאַרק באַדאַרפֿט: זיך צו פֿאַרטיידיקן פֿאַר די חיות, וואָס זײַנען דעמאָלט געווען באַזונדערש ריזיקע. דערפֿאַר האָבן זיי זיך געמוזט האַלטן, ווי סטאַדעס, פֿעסט צוזאַמען. פֿון אָט דעם פּעריאָד איז געבליבן דער אינסטינקט פֿון סאָלידאַריטעט און די פּאָזיטיווע מאָראַלישע טענדענצן. ערשט שפּעטער, אין דעם אײַזפּעריאָד, ווען די מענטשן, יעדע משפּחה פֿאַר זיך, האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן אין די הײלן, האָבן זיי געלעבט אין אַזאַ נויט, אַז עס איז אויפֿגעקומען די יאַגד פֿון מענטש אויף מענטש און דער קין־אינסטינקט. צווישן די ביידע אַנטי־פּאָדן זײַנען אויך אויפֿגעקומען מיטלסטיקע טענדענצן, ווי צו קאָמאַנדירן מיט דער סטאַדע ווי אַ בכבודיקער פּאַטריאַרך אָדער אויך צו הערשן איבער שקלאַפֿן. ריכטיק אויסגעטײַטשט, וואָלט עס געמוזט הייסן אין „בראשית״, אַז אָדם־הראשון האָט אָנגעהויבן צו זינדיקן, ווײַל ער איז געוואָרן פֿאַרטריבן פֿון גן־עדן. אָבער אינעם פֿאַלק איז דאָ די געוווינ־הייט צו פֿאַרבײַטן סיבה און רעזולטאַט. אַ טייל פֿאָלק גלייבט נאָך הײַנט, אַז דער אונטערגאַנג פֿון די מאָנאַרכיעס אין אייראָפּע איז די סיבה פֿון

דער איצטיקער אומאָרדענונג און נישט דער רעזולטאַט פון דער פריִער־דיקער אומאָרדענונג.

***

דער מענטש, אַ „סאָציאַלע חיה", טראָגט אין זיך, אין זײַן אונטער־באַוווּסטזײַן, אַ סקאַלע פון סאָציאַלע טענדענצן. אַ געגעבענע סיטואַציע ברענגט אין שווינגונג און לאָזט דערבײַ אויפּטויכן אינעם באַוווּסטזײַן אַזאַ אָדער אַן אַנדער טענדענץ. געפינט זיך אַ גרופּע מענטשן — אַ פאָלק אָדער אַ קלאַס — אין אַ זעלביקער סיטואַציע, פאַרשטאַרקט זיך דורך מיטשווינגונגען די סאָציאַלע טענדענץ בײַ יעדן יחיד. דער פּראָפּאַגאַנ־דיסט ווערט, דורך אָנווײַזן אויף בײַשפּילן און פאָרמולירן לאָזונגען, דער „דיריגענט" פונעם דאָזיקן „אָרקעסטער". די סאָציאַלע טענדענץ קען דעמאָלט דערגרייכן אַזאַ עמאָציאָנעלע הייך, אַז דער יחיד איז גרייט זיך מקריב צו זײַן פאַר דעם אַלגעמיינעם אינטערעס פון דער גרופּע. בײַ יעדער סיטואַציע איז פאַראַן אַ געוויסע טענדענץ, וואָס קען אונדז געבן אַ מאָראַלישע באַפרידיקונג. אַפילו די קין־טענדענץ, בײַ דער דערמאָר־דונג פון אַ טיראַן. דער טויט פון היטלער עט קאָמפּאַניע האָט אונדזער געוויסן נישט באַלעסטיקט. אויך די טענדענץ צו קאָמאַנדירן און צו הערשן האָט אין אַ געוויסער סיטואַציע איר מאָראַלישע באַרעכטיקונג. עס פעלן נישט קיין לעגענדעס און מעשהלעך, וואָס רימען די אויפטוען פון מעכטיקע פּרינצן, וואָס צייכענען זיך אויס דורך זייער גוטסקייט און גערעכטיקייט. דער הויפּטטאָן פון דער סאָציאַלער סקאַלע איז טאַקע אַז דער יושר זאָל זיגן. היות אָבער ער איז פאַרקנופּט מיט סיטואַציעס, וואָס לאָזן נישט צו זײַן פולן נצחון, ווערט דער יושר פאַרשיידן אויסגע־טײַטשט און פאַרוואַנדלט זיך אָפט אין זײַן היפוך. אַזאַ יושר, וואָס יעדער יחיד זאָל אים פילן ווי דעם „אַבסאָלוטן באַפעל", איז נאָך נישט פאַראַן ווי אַ ווירקלעכקייט, ער איז אָבער שטענדיק געווען בנימצא ווי אַן אידעאַל. ערשט ווען די מענטשהייט וועט ווידער אַרײַן אין „גן־עדן" און צוריקקומען צו דער „גאָלדענער תקופה", ערשט ווען אַלע וועלן האָבן אַ געזיכערטע עקסיסטענץ, — דעמאָלט וועט דער סאָציאַלער יושר ווערן אַ ווירקלעכקייט. לעת־עתה זײַנען פאַראַן אַלערליי מינים מאָראַל: אַ

משפּחה־מאָראַל, אַ קלאַסן־מאָראַל, אַ נאַציע־מאָראַל און אַ ראַסן־מאָראַל. און יעדע האָט איר „געוויסן״, איר „קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו״, אין נאָמען פון וועלכן עס ווערן אָפט באַגאַנגען די גרויזאַמסטע אַקטן. אָבער בײַ אַ ראַציאָנעלער עקאָנאָמישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און בײַ דער מאָ־דערנער טעכניק (אַטאָם־ענערגיע!), וועט אָן אַ ספק די יושר־טענדענץ טריומפירן און דעמאָלט וועט די מאָראַל האָבן פאַר אַלע מענטשן דעם זעלביקן „קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו״, פונקט ווי דער הונגער שטעלט מיט זיך פאַר דעם „אַבסאָלוטן באַפעל״ צו עסן.

### קאַפּיטל נײַן

# דער כאַראַקטער פון מאַסן־אידעאָלאָגיעס

דער מוח, אַן אָרגאַן צו פּראָדוצירן אידעען, שטייט קיין מאָל נישט לײדיק, אַחוץ אפשר אין שלאָף, ווען עס חלומט זיך נישט. ווי די כוואַליעס פון ים, וואָס ווערן אין יעדן אויגנבליק פאַרביטן דורך נײַע כוואַליעס, אַזוי פאַרהאַלט עס זיך מיט די אידעען. אין יעדן אויגנבליק פאַרגעסט מען די געדאַנקען פון אַן אויגנבליק פריִער. גאָר אַנדערש איז דאָס, ווען מען האָט אַ באַשטימטן ציל. ווי שטיקלעך אײַזן אַרום אַ מאַגנעט, אַזוי זאַמלען זיך אַלע אידעען אַרום דעם דאָזיקן ציל. אַז מען נעמט אונטער, למשל, אַ ווײַטע רײַזע, פליִען דורך דורכן מוח טויזנטער געדאַנקען בלויז וועגן דער צוגרייטונג. עס קומט אויף אַ „נאַטירלעכער אויסוואַל" אין דעם אידעען־אָנלויף און צווישן די אויסגעווײלטע, אַ געראַנגל פון סתירות, וואָס פירן צו פשרות. די אידעע, למשל, צו פאָרן מיט אַן עראָפּלאַן ווערט פאַררוקט דורך דער אידעע, אַז די געלטמיטלען גרייכן נישט, און מען קומט צו דער פשרה צו נעמען אַ דאַמפער. אַזאַ געראַנגל צווישן סתירות אַנטשטייט אויך אין די אידעען, ווי אַזוי זיך צו פאַרהאַלטן צו די משפּחה־מיטגלידער און צו די מיטמענטשן בכלל; אין די אידעען, ווי אַזוי צו פאַרבעסערן זײַן סיטואַציע. און מיט יעדער נײַער סיטואַציע באַקומען זיי אויך אַן אַנדערע ריכטונג. דער דאָזיקער געראַנגל אין די אידעען פון יעדן יחיד האָט אַוודאי צוגעפירט העגעלן צו מאַכן פון דער דיאַלעקטיק דעם יסוד פון זײַן פילאָסאָפיע. די פילאָסאָפן האָבן תמיד געהאַט די נייגונג צו מאַכן פון יעדן כלל אַ וועלטפּרינציפּ. אַזוי איז דער ווילן צו מאַכט אַ סאָציאַלע טענדענץ

און ניטשע מאַכט דערפון אַ וועלטפּרינציפּ. לויט אים זאָל אַפילו דאָס אַראָפּפאַלן פון אַ שטיין זײַן פאַראורזאַכט דורך דעם ווילן צו מאַכט. די פּרווידיאַנער, פון זייער זײַט, באַטראַכטן די ליבידאָ (דעם עראָטישן דראַנג) ווי די „סיבת כל הסיבות״ און דערקלערן זיך אַפילו אַזויערנאָך די „טענץ״ פון די פּלאַנעטן און קאָמעטן אַרום דער זון. צו וועלן דערקלערן אַלץ פון איין פּרינציפּ איז נישט אויסגעהאַלטן, ווײַל אַ פּרינציפּ איז בלויז אַן אַבסטראַקציע פון באַשטימטע פאַקטן און לעבן איין פּרינציפּ זײַנען שטענדיק פאַראַן אַנדערע פּרינציפּן, וואָס זײַנען אויך אַבסטראַקציעס פון פאַקטן און אויך אַזעלכע יחסנים.

איצט פרעגט זיך: אויב דעם יחידס אידעען זײַנען אַזוי אומבאַשטענדיק, איז ווי קומט עס, אַז עס זײַנען פאַראַן אידעאָלאָגיעס, וואָס האַלטן אַן טויזנטער יאָרן, ווי, אַ שטייגער, באַשטימטע רעליגיעס? דאָס קומט דערפון, וואָס, ווען אַן אידעאָלאָגיע ווערט אָנגענומען פון אַ סך יחידים, שטײַגערט זיך אין דער דאָזיקער מאָס איר פעסטקייט. מיר ווייסן ווי שווער דאָס איז צו פאַרטיידיקן אונדזער מיינונג קעגן אַ קעגנער, ווען זי געפינט נישט בײַ קיינעם קיין הסכמה. מיר מוזן שוין זײַן שטאַרק איבערגעצײַגט, כדי נישט צו פאַרלירן דעם גלויבן אין אונדזער אייגענער מיינונג. אַזאַ אַליין־שטיין קומט נאָר פאָר בײַ געניאַלע יחידים. דער „פאָלקספײַנד״ פון איבסען קען אונדז דינען פאַר אַ בײַשפּיל. פאַר זײַן מיינונג דאַרף דער יחיד געפינען אַן אונטערשטיצונג, אויב נישט בײַ די נאָענטע מיטמענטשן, איז אין אַן אַנדערער סאָציאַלער גרופּע אָדער אין דער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט. במילא איז דאָס דעם יחידס אינטערעס נישט צו שטיין אַליין מיט זײַן מיינונג. צו דעם צוועק פון מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פאַר זײַנע אידעען איז ער גרייט מקריב צו זײַן אַנדערע פערזענלעכע אינטערעסן, אַפילו צו ווערן אַ מאַרטירער. עס געשעט אַזוי, אַז אַ געוויסן טייל פון זײַנע אידעען גיט דער יחיד איבער אין דער באַנק פון „קאָלעקטיוו־אייגנטום״ אין דער פאָרעם פון אַ פאַראיין, אַ רעליגיע, אַ נאַציע, אַ פּאַרטיי אד״גל. ער לאָזט זיך איבער אַ סך „קליינגעלט״ פאַרן פּריוואַט־געברויך, אָבער זײַן טייל פון דעם „קאָלעקטיוו־אייגנטום״ איז דער פעסטער, דער זיכערער, דער קרן־קימת. ווען מיר מאַכן אַן אויסנעם פון דער רעליגיע, וואָס געפינט אירע אייגענע

מיטלען ווי אַזוי דעם „באַנקראָט" צו פאַרדעקן, אַזוי קען דער יחיד „באַנקראָטירן" יעדן טאָג, דער פאַראיין איין מאָל אין יאָר, די נאַציע און די פאַרטיי — בשעת אַ קריג אָדער אַ רעוואָלוציע. בעת דער יחיד שטייט פאַר אַן אידעיִשן באַנקראָט און זאָגט צו זיך, למשל, אַז „דאָס לעבן איז נישט ווערט געלעבט צו ווערן", דעמאָלט זאָרגן שוין די חברים צו דערהייבן זײַן מאָראַל. ברעכט אויס אַ קריג, ווײַזן אָן די פּאָליטיקער אין דער באַזיגטער נאַציע אויף אַזאַ נײַער סאָציאַלער אײַנשטעלונג, אַז די בירגער פון אָט דער נאַציע גלייבן, אַז זיי זײַנען די אמתע זיגער. ברעכט אויס אַ גרויסער עקאָנאָמישער קריזיס, טרייסטן זיך די אַרבעטס־לאָזע פּראָלעטאַריער מיט זאָגן זיך: „אַזוי קען עס ווײַטער נישט גיין, מיר שטייען פאַר אַ רעוואָלוציע". אַ סך פון זיי, וואָס זײַנען פריִער געווען טראַדיציאָנעל, ברענגען איצט אַרײַן זייערע אידעען אין דער „קאָלעקטיוו־באַנק", וואָס רופט זיך „רעוואָלוציע".

אַז עס קומט אויף אַ נײַע אידעאָלאָגיע, לאָמיר זאָגן אַ רעוואָלוציאָנערע, דאַרף זי זײַן, בײַ אַ זעלביקער סיטואַציע, אויף אַזוי פיל איבער־צײַגנדיקער, אויף וויפל מער מיטגלידער עס באַטייליקן זיך אין איר. אַן אידעאָלאָגיע באַשטייט פון געוויסע אידעען, וואָס ווערן פאַרשפּרייט דורך פּראָפּאַגאַנדע. וואָלט מען געקענט מיינען, אַז זי איז לאָגישער, שכלדיקער, ווי די דאָזיקע, וואָס דאַרף ווערן פאַרביטן. בכלל איז עס אָבער נישט אַזוי. די לאָגיק דענקט נאָר צו ברענגען אין צוזאַמענהאַנג פון סיבה און ווירקונג אַלע די פאַקטן, וואָס ווערן געזען דורך די ברילן פון די נײַע אינטערעסן. עס איז נישט קיין אונטערשייד פון וואָס פאַר אַ מין זיי זײַנען. דער אינטערעס פאַר אַ נײַער אידעען־אײַנשטעלונג קען אויך שוין מיטווירקן. די אייגנטלעכע פּראָפּאַגאַנדע באַשטייט אין סוגעסטירן און באַגײַסטערן די מאַסן. די סוגעסטיע געשעט מיט דער הילף פון אַלערליי אויסדרוקס־מיטלען: וואָרט, טאָן און זשעסט. מיט זייער הילף דערוועקן זיך פון דעם שלאָף פון אונטערבאַוווסטזײַן די סאָציאַלע טענ־דענצן פון יעדן יחיד און קומען אין מיטשווינגונג. די גאַנצע סקאַלע פון טענדענצן, אָנגעהויבן מיט דער גרייטשאַפט זיך מקריב צו זײַן פאַרן כלל און געענדיקט מיט דעם באַגער צו טויטן דעם שונא, קען קומען אין מיטשווינגונג. אַזוי לאָזט זיך דערקלערן די „מאַסן־פּסיכאָלאָגיע" און

דער ענטוזיאַזם פון די מאַסן אין אָנהייב פון אַ קריג אָדער פון אַ רעוואָלוציע. פאַר דעם מענטש, וואָס ווערט נישט מיטגעריסן פון דער באַוועגונג, דערשיינט דער דאָזיקער ענטוזיאַזם ווי אַ משוגעת. אָבער גאָר אַנדערש איז די שכלדיקייט פון אַ יחיד, וואָס איז צוליב אַ ספּעציעלער סיטואַציע נישט געוואָרן אָנגעשטעקט פון דער אַלגעמיינער באַגייסטערונג.

אַזוי דערקלערט זיך די צויבערקראַפט פון אַ גוטן רעדנער. די דרשה זיינע באַצוועקט בעיקר איבערצוגעבן די צוהערער זיינע געפילן. און ערשט די געפילן וואָס קומען פון האַרץ גייען צום האַרץ. אויב דער רעדנער איז אַ קאָמעדיאַנט און אַ געריבענער פּאָליטיקער, איז אַפילו נישט נייטיק, אַז די געפילן זאָלן קומען פון האַרץ. ער דאַרף נאָר מאַכן די פּאַסיקע זשעסטן, כדי אַרויסצורופן די פּאַסיקע ווירקונג. ביים אויסברעכן פון אַ קריג אָדער אַ רעוואָלוציע איז זיין הויפּט־אויפגאַבע צו איבעראַנדערשן די אידעאָלאָגישע אָריענטאַציע פון די, וואָס זיינען געווען זיינע קעגנער אָדער נייטראַלע. דאָס געלינגט אים, ווייל די ניי־געשאַפענע סיטואַציע קומט אים צו הילף. אין אַ געווינלעכער צייט איז זיין אויפגאַבע לייכטער. ער דאַרף בלויז צושטעלן דעם פּראָוויאַנט פון סענטימענטן, וואָס זיינען גראַד נייטיק צו דערהאַלטן די מאָראַל פון זיינע אָנהענגער: זשורנאַלן, פּאַרזאַמלונגען, קעגנזייטיקע הילף, פּאַרווייַלונגען אד״גל. אַלע די דאָזיקע מיטלען ווירקן ווי אַ סוגעסטיע צו דערהאַלטן די אידעאָלאָגיע פון אַ סאָציאַלער גרופּע. אין דעם יסוד אירן שטייען אָבער די געמיינזאַמע הויפּט־אינטערעסן: דער געמיינזאַמער עקאָנאָמישער קאַמף, די געמיינזאַמע נאַציאָנאַלע קולטור־ירושה אָדער דער געמיינזאַמער באַדאַרף אין אַ גאָט. איז די סאָציאַלע גרופּע באַדראָט צו צעפאַלן אין פראַקציעס צוליב זייטיקע אינטערעסן, איז דעם רעדנערס אויפגאַבע דעם צעפאַל נישט צוצולאָזן. אָפט געלינגט דאָס אים, אָבער ווידער נישט דורך שכלדיקע אַרגומענטן, נאָר דורך סוגעסטיע: ביי אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אָפּזינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל״, ביי אַ נאַציע — דעם „עוד לא אבדה תקותנו״ און ביי אַ רעליגיע — דער געשריי „שמע ישראל״. די רעליגיעס זיינען באַזונדערש באַשאָנקען מיט סוגעסטיע־מיטלען ווי „עולם הבא״, יום־טובים, תפילות, צערעמאָניעס אד״גל. דאָס, וואָס מתנגדים און משכילים האָבן נישט געקענט אויפטאָן קיין סך אין זייער קאַמף

קעגן חסידיזם, קומט דערפון וואָס די חסידים זײַנען געווען שטאַרק באַוואָפנט מיט מיטלען פון סוגעסטיע, ווי פאָרן צו אַ רבין, טרינקען צוזאַמען לחיים, זינגען, זיך שאָקלען אד״גל.

שוין אָפּגעזען פון די בשותפותע אינטערעסן, וואָס גיבן אָפּ דעם יסוד פאַר אַ מאַסן־אידעאָלאָגיע, פאַרמאָגט אַזאַ אידעאָלאָגיע שוין אין זיך די אייגנשאַפט צו באַפעסטיקן יעדן יחיד אינעם בציבורדיקן גלויבן. איין יחיד שטיצט זיך אויף אַלע אַנדערע און ווערט פון די אַנדערע סוגעסטירט. דער שפּראַך „איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם״ איז אויך גילטיק אינעם אידעאָלאָגישן געראַנגל. אַז די פּאַרטיי פאַרצייכנט אַ וואַלזיג און פאַרגרעסערט די צאָל פון אירע מיטגלידער, טריומפירט יעדער פּאַרטיי־גענאָסע נישט בלויז דערפאַר, וואָס די כוחות האָבן זיך פאַרמערט, נאָר אויך, אָדער גאַנץ באַזונדערש, דערפאַר וואָס ער איז איצט איבערגעצײַגט, אַז „ער איז געווען גערעכט״, אַז „געזיגט האָט דער אמת״.

עס זײַנען פאַראַן נאָך אַנדערע פאַקטאָרן, וואָס באַווירקן די באַשטענדיקייט פון אַ מאַסן־אידעאָלאָגיע. זי באַקומט אַ געוויסע זעלבשטענדיקייט, אַ מין אייגענע עקסיסטענץ. מיטגלידער גייען אַוועק, מיטגלידער קומען צו, אָבער די אידעאָלאָגיע האַלט זיך ווײַטער. — אַ מאַסן־אידעאָלאָגיע האָט איר תורה שבכתב אָדער כאָטש תורה שבפה מיט לאָזונגען, וואָס פאַרהאַרטעווען זיך צו דאָגמעס. קוים האָט דער מוח זיך אָנגעפּילט מיט זיי, שפּילן זיי די ראָלע פון פאַקטן. אַזוי דערקלערט זיך די מאַכט פון דער פרעסע. עס איז גענוג צו ווערן דורך אַ צופאַל אַ לייענער פון אַ צײַטונג מיט אַן אַנדערער פּאָליטישער ריכטונג, כדי צו באַקומען אַן אַנדערע אידעאָלאָגישע אָריענטאַציע. אַ פּוילישער ייִד איז געקומען קיין פראַנקרײַך און דערנאָך, ווי נאָר ער האָט זיך אויסגעלערנט פראַנצויזיש און אָנגעהויבן צו לייענען די פראַנצויזישע נאַציאָנאַל־פרעסע, האָט ער זיך באַלד אַסימילירט. די פראַנצויזישע נאַציאָנאַל־פאַקטן האָבן זיך אײַנגעקריצט אין זײַן מוח אַזוי, אַז די פראַנצויזישע נאַציאָנאַל־אינטערעסן זײַנען געוואָרן זײַנע אייגענע. אַ גרויסע ראָלע שפּילן די רעליגיעזע דאָגמעס, וואָס האָבן זיך אײַנגעקריצט אין אונדזער מוח אין די קינדעריאָרן. עס איז נישטאָ קיין וויסנשאַפטלעכער באַווײַז פאַר דער עקסיסטענץ

פון גאָט, אָבער אין אונדזער מוח עקסיסטירט ער ווי אַ פאַקט. און אויך גרויסע וויסנשאַפטלעכע דענקער קענען זיך פון דעם דאָזיקן „פאַקט״ נישט באַפרייען. זיינען זיי געוואָרן אויפקלערצויגן ווי קריסטן, קענען זיי זיך אַפילו נישט באַפרייען פון דעם „פאַקט״, אַז יעזוס איז גאָטס זון און איז געקומען אויף דער וועלט צו דערלייזן די מענטשהייט. דאָס איז געוועזן דער פאַל מיט דעם פראַנצויזישן געלערנטן פאַסטער, מיט טאָל־סטויען און אַפילו דאַרווין האָט אויך נישט איבערגעריסן מיט דער קירכע.

די מאַסן־אידעאָלאָגיע באַקומט במילא אַ גרויסע פעסטקייט דורך אירע דאָגמעס: זיי נעמען איבער די ראָלע פון פאַקטן. קוים פאַרמערן זיך אָבער ווירקלעכע פאַקטן, ד״ה אַזעלכע וואָס מוזן ווערן אָנערקענט פון אַלע מענטשן, און זיי שטייען אין אַ בולטער סתירה צו דער אָנגענו־מענער אידעאָלאָגיע, באַקומט די דאָזיקע אידעאָלאָגיע אַן אַנדערן איינ־האַלט, אָבער מען דערקענט דאָס נישט פון אויסן, ווייל די דאָגמעס ווערן איצט אַזוי אויסגעטייטשט, אַז זיי זאָלן זיך אַקאָרדירן מיט די נייע אידעען. אַזוי ווערט אין תורת־משה אָפּט דערמאָנט, אַז גאָט וועט שלאָגן „ביד חזקה ובזרוע נטויה״. קומען די תלמידי־חכמים און טייטשן אויס, אַז דאָס מיינט מען אַ מלאך אָדער אַ נאַטורקראַפט.

און ווייל ווערטער — פאַקטן, ד״ה דאָגמעס, לאָזן זיך פאַרשיידן אויסטייטשן, געשעט עס אָפּט, אַז אָפּגעשפּאָלטענע פראַקציעס פון אַ בשותפותדיקער אידעאָלאָגיע האַלטן זיך נאָך אין דער אַלטער תורה, וואָס ווערט אָבער אַנדערש אויסגעטייטשט. די ווערטער — פאַקטן וואָס עס זעט איין פראַקציע, זעט נישט די אַנדערע; יעדע קוקט מיטן אויג פון אירע אינטערעסן. תורת־משה ווערט געהאַלטן פאַר הייליק סיי ביי די יידן, סיי ביי די קריסטן. נאָר די „פאַקטן״, וואָס עס זעט אין איר דער ייד, זיינען גאַנץ אַנדערע, ווי די „פאַקטן״, וואָס עס זעט אין איר דער קריסט. פאַרן ייד איז עס נישט קיין ספק, אַז ער איז אַן אויסדער־ווײילט פאָלק, אַז ער איז אין גלות אָפּצוקומען די זינד און אַז סוף־כל־סוף וועט קומען דער משיח אים אויסצולייזן. דער קריסט זעט באַזונדערש די פסוקים, וואָס ווייזן טאַקע אָן אויף אַ משיח, אָבער אַ משיח וואָס זאָל

קומען דערלייזן אויך די נישט־יידן, און דער דאָזיקער משיח איז געווען ישוע הנוצרי.

אַזוינס איז געשען מיטן קריסטנטום, וואָס האָט זיך געשפּאָלטן אין פּראַקציעס. דער ברית־חדשה איז פאַר זיי אַלע הייליק, אָבער ער ווערט פאַרשיידן אויסגעטײַטשט. עס זײַנען אַפילו פאַראַן גלחים סאָציאַליסטן, וואָס אידענטיפיצירן דעם ברית־חדשה מיט דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט". לעבן אַ פּסוק „גיב דעם קייזער וואָס געהערט דעם קייזער און גאָט וואָס געהערט גאָט", וואָס קלינגט רעאַקציאָנער, געפינען זיך פּסוקים וואָס קלינגען רעוואָלוציאָנער, ווי, אַ שטייגער, „עס איז שווערער פאַר אַ רײַכן צו קומען אין הימל אַרײַן, ווי פאַר אַ קעמל צו גיין דורכן לאָך פון אַ נאָדל" אָדער ווי „עס האָט קיינער קיין מאָל נישט געזען גאָט, אָבער אויב מיר האָבן ליב איינער דעם אַנדערן, וווינט גאָט אין אונדז".

אין אונדזער צײַט איז אַזוינס געשען מיטן מאַרקסיזם, וואָס האָט זיך געשפּאָלטן אין צוויי זיך באַקעמפנדיקע אידעאָלאָגיעס: די סאָציאַליסטישע און די קאָמוניסטישע. ביידע שטיצן זיך אויף פּסוקים פון מאַרקסן ווי אויף „פאַקטן", אָבער די זעלביקע פּסוקים ווערן פאַרשיידן אויסגעטײַטשט. מאַרקס רעדט וועגן אַ „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" ווי אַן איבערגאַנגס־פּעריאָד. די סאָציאַליסטן באַטאָנען דאָס וואָרט „פּראָלעטאַריאַט" און פאַרשטייען אונטער „דיקטאַטור" די הערשאַפט פון דער גרויסער מערהייט איבער אַ קליינער מינדערהייט, ד"ה דעמאָקראַטיע. דערקעגן די קאָמוניסטן שטעלן זיך אָפּ אויפן וואָרט „דיקטאַטור" און דערונטער פאַרשטייט מען שטענדיק די הערשאַפט פון אַ מינדערהייט. נאָר די סאָציאַליסטישע דיקטאַטור וועט זײַן לטובה פאַר אַלע. מאַרקס רעדט וועגן אַ „פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע". די קאָמוניסטן פאַרשטייען רעוואָלוציע אין פולן זינען פון וואָרט. אַזאַ רעוואָלוציע פאָדערט קרבנות. די סאָציאַליסטן האַלטן, אַז עס איז שוין פאַרבײַ די צײַט פון בלוטיקע בירגערקריגן און אַז אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע דאַרף געשען דורך דער פרידלעכער אַנטוויקלונג צום סאָציאַליזם. ביידע פּראַקציעס האַלטן זיך אין דער דאָגמע, אַז דער סאָציאַליזם איז אַ „היסטאָרישע נויטווענדיקייט", וואָס באַדאַרף אָבער „געבורטסהילף". בײַ די סאָציאַליסטן באַ־

שטייט די געבורטסהילף אין מאַכן פּראָפּאַגאַנדע. להיפּוך די קאָמוניסטן דערשרעקן זיך נישט פֿאַרן געדאַנק פֿון אַן „אָפּעראַציע״.

פּונקט ווי נײַע אידעאָלאָגיעס אויפֿן יסוד פֿון אַ נײַעם לעבנס־שטייגער באַקליידן זיך אָפֿט מיט די אותיות פֿון אַן אַלטער תורה, אַזוי זײַנען אויך פֿאַראַן מינהגים און דאָגמעס פֿון אַן אַמאָליקער אידעאָלאָגיע וואָס האָבן זיך אַריבערגעטראָגן אין אַ נײַער תורה. אין תורת־משה האָט מען דערפֿון נישט געמאַכט קיין סוד און עס איז דײַטלעך צו זען, אַז די יום־טובים פּסח, שבֿועות און סוכות זײַנען פֿריִער געווען נאַטור־יום־טובים און האָבן ערשט שפּעטער אָנגענומען אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזן כאַראַקטער. דאָס זעלביקע לאָזט זיך זאָגן וועגן דעם קריסטלעכן „גאָטס־געבורט״־יום־טוב צום סוף פֿון יאָר. אַ יום־טוב, וואָס איז געוואָרן געפֿײַערט פֿון די נאַטורפֿעלקער, ווי אַ האָפֿענונג אויף אַ נײַער אויפֿלעבונג פֿון דער נאַטור. און אין אונדזער צײַט ווערן אַלטע מינהגים ווײַטער אָפּגעהיט, אָבער זיי באַקומען אַן אַנדער אויסטײַטשונג. פֿאַראַן ייִדישע אַפּיקורסים, וואָס לאָזן מלע זײַן זייערע קינדער, ווײַל „דאָס איז היגיעניש״ און וואָס פֿאַסטן תעניתים, ווײַל „דאָס איז געזונט פֿאַרן מאָגן״.

פֿון דער אַנדערער זײַט ווידער מאַכט זיך, אַז עס קומט אויף אַן אידעע אינעם מוח פֿון אַן איינצלנעם יחיד, אָבער זי בלײַבט שוועבן אין דער לופֿטן, ווי אַ נשמה אָן אַ גוף, דערפֿאַר, ווײַל זי האָט נישט געפֿונען קיין תיקון אין מאַסן־אינטערעסן, כּדי צו פֿורעמען דעם יסוד פֿאַר אַ נײַער אידעאָלאָגיע. עס קען אָבער קומען אַ צײַט פֿאַר איר אידעאָלאָגישער רעאַליזירונג, כאָטש פֿריִער איז זי געוואָרן באַטראַכט ווי אַ פּוסטע פֿאַנטאַזיע. אַזוי האָט עס פּאַסירט מיט די סאָציאַליסטישע אוטאָפּיעס פֿון טאָמאַס מאָרוס, פֿון קאַמפּאַנעלאַ א״אַנד. ערשט מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דער מאָדערנער אינדוסטריע האָבן זייערע אידעען געפֿונען אָנערקענונג. אַזוי פּאַסירט עס איצט מיט דער אידעע פֿון וועלטבירגערטום, וואָס ווערט אַפֿילו פֿון די מאַרקסיסטן געהאַלטן פֿאַר אַ ריינער אוטאָפּיע.

קאַפּיטל צען

# אינטערעסן און אידעען

פֿון אַלע מענטשלעכע אינטערעסן, וואָס גיבן אָפּ דעם יסוד פֿאַר דער פֿורעמונג פֿון אידעאָלאָגיעס, שפּילט זיכער די הויפּטראָלע דער עקאָנאָמישער אינטערעס, היות די שפּײַזן זײַנען אַבסאָלוט נייטיק צו דערהאַלטן דאָס לעבן. אַחוץ דעם האָט, פֿאַר אַ סאָציאָלאָגישער שטודיע, דער עקאָנאָמישער פֿאַקטאָר די מעלה וואָס ער איז דער קאָנקרעטסטער און לאָזט זיך אָפּשאַצן קוואַנטיטאַטיוו. דעריבער האָט די באַשטימונג פֿון דעם פֿאַרהעלטעניש צווישן אַ קולטור־צושטאַנד און דער אַנטשפּרעכנדיקער עקאָנאָמישער סיטואַציע אין אַ באַשטימטער געזעלשאַפֿט אַ גרעסערן וויסנשאַפֿטלעכן ווערט, ווי ווען מען נעמט פֿאַר אַ מאָסשטאַב אַן אַנדער סיטואַציע, למשל, די פּאָליטישע מאַכט־פֿאַרטיילונג אָדער די רעליגיעזע אײַנשטעלונג, פֿון דער דאָזיקער געזעלשאַפֿט. אין אָט דעם זינען האָט מאַרקס רעכט צו זאָגן, אַז דאָס מאַטעריעלע זײַן איז באַשטימענדיק פֿאַרן גײַסטיקן באַוווסטזײַן. נאָר דאָס דאַרף נישט ווערן געהאַלטן פֿאַר אַן אַלגעמיין גילטיקן אמת. דער מענטשלעכער גײַסט איז אַ פֿאַרפּלאָנטערטער דורכאַנאַנדער פֿון אַלערליי טענדענצן, וואָס שטאַמען אָפּ פֿון די פֿאַרשיידנסטע פּעריאָדן פֿון ביאָלאָגישער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג און וואָס ווירקן אַזוי אויף אַנאַנדער, אַז „איבערסטרוקטור“ און „אונטערסטרוקטור“ פֿאַרבײַטן אָפֿט זייערע ראָלן. עס קען אויסברעכן אַ מלחמה צווישן פֿעלקער אָדער אַ געשלעג צווישן יחידים, לכתחילה בלויז צוליב עקאָנאָמישע טעמים. אָבער דער סיכסוך וועט ברענגען ביידע צדדים אַ מאַטעריעלן שאָדן. פֿון דעסט וועגן האַלט דאָס זיי נישט אָפּ, ווײַל אין

דער היץ פון קאַמף טויכן אויף אַנדערע אינטערעסן: דער אינטערעס צו פאַרטיידיקן די גערעכטיקייט — און יעדער גלויבט צו זײַן דער גערעכ־טער —, דער אינטערעס פון נקמה, דער אינטערעס פון נצחון און אַפילו דער אינטערעס פון ספּאָרט. עס איז במילא ריכטיקער צו באַטראַכטן די אידעאָלאָגיע, סײַ פון אַ געזעלשאַפט און סײַ פון אַ יחיד, ווי אַן אָפּשפּיג־לונג פון אַלע אינטערעסן. מען קען דאָך נישט פאַרלאַנגען פון דעם שׂכל, אַז ער זאָל אָפּשטעלן זײַן פונקציע פון דערקלערן, ווי באַלד עס ליגן נישט פאַר קיין שום עקאָנאָמישע סיבות.

איצט שטעלט זיך די פראַגע, צי די אידעאָלאָגיע באַהאַלט שטענדיק די פּאַסיווע ראָלע און צי זי ווירקט נישט צוריק אויף די אינטערעסן. זיכער מוז מען די פראַגע באַענטפערן מיט יאָ, ווײַל פאַקטן פון לעבן באַווײַזן עס און ווײַל עס איז גאָרנישט דאָ עפּעס אין דער וועלט, וואָס זאָל זיך פאַרהאַלטן בלויז פּאַסיוו. איבעריקנס האָבן מיר שוין פריִער אָנגעוויזן, אַז אידעען, וואָס שטימען אײַן מיט אונדזערע אינטערעסן פאַרהאַרטעווען זיך אָפּט צו דאָגמעס, וואָס טרעטן אויף ווי פאַקטן און וועקן אויף נײַע אינטערעסן. בכלל שפּילן טאַקע די אינטערעסן די הויפּט־ראָלע: זיי וועקן אויף די אידעען, וואָס מיר דאַרפן כדי אויסצופירן צוועקמעסיקע האַנדלונגען. בײַ קינדער טרעטן אויף די דרײַ קאַטעגאָ־ריעס — אינטערעסן, אידעען און האַנדלונגען — אַזוי צוזאַמען אין דער צײַט, אַז זיי לאָזן זיך כמעט נישט אונטערשיידן. אַז דאָס קינד דערזעט אַ שפּילצײַג, וועקט זיך אין אים באַלד אויף דער אינטערעס צו שפּילן זיך און עס שפּילט זיך. בײַ דערוואַקסענע איז אָפּט אַ לאַנגער וועג צווישן אינטערעס און האַנדלונג, אַ וועג וואָס איז אויסגעפּילט מיט צוועקמעסיקע אידעען בנוגע דער האַנדלונג. אויב מען וויל זיך בויען אַ הויז, מוז מען צו ערשט זיך מאַכן אַ פּלאַן און דאָס קען פאַרנעמען חדשים ביז מען נעמט זיך צום בויען. און אַוודאי איז דאָס אַזוי בײַ אַ סאָציאַלער האַנד־לונג, וואָס מוז ווערן לאַנג פאַרגעגרייט.

במילא, בכלל, קען גילטן ווי אַ סכעמע: אינטערעסן← אידעען← האַנדלונגען. אָבער אָפּט קען דאָס זיך אָנהייבן מיט האַנדלונגען אָדער מיט אידעען. עס גייט דאָ נישט וועגן אַרויסגעפינען די „סיבת כל הסי־בות״, נאָר וועגן מאַכן עמפּיריש־שכלדיק אונדזער לעבנס־פּראָצעס צום

צוועק פון זײַן עמפּיריש־שכלדיקער אָנווענדונג. אָפּט רופן ערשט אַרויס באַשטימטע האַנדלונגען געוויסע אינטערעסן. אַזוי איז דאָס מיט דער לײַדנשאַפט צו רויכערן אָדער קאָרטנשפּילן און אַ סך אַנדערע גוטע און שלעכטע געוווינהייטן. אַז די אידעען ווירקן צוריק אויף אונדזערע אינטערעסן און האַנדלונגען — דערפאַר זײַנען פאַראַן בײַשפּילן אָן אַ צאָל. די גאַנצע טעכניק איז דער רעזולטאַט פון אידעען, וואָס זײַנען אויפגעקומען אין די מוחות פון איינצלנע מענטשן. דעריבער קענען זיי נישט באַטראַכט ווערן ווי בלויזע „אילוזיעס״, ווי עס מיינט די מאַטעריאַליסטישע אָדער מעכאַניסטישע פילאָסאָפיע. פון וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפונקט וואָלט עס געווען מה טוב ומה נעום אויב עס וואָלטן זיך געלאָזט דערקלערן מעכאַניסטיש אַלע מענטשלעכע האַנדלונגען און עס וואָלט זיך געלאָזט פאָרויסזאָגן מיט דער זעלביקער באַשטימטקייט וואָס דער אָדער יענער וועט מאַכן, ווי עס לאָזט זיך פאָרויסזאָגן די שטעל, אויף וועלכער עס וועט זיך געפינען דער ווײַזער פון אַ זייגער. אָבער דערווײַל קען דאָס נישט די וויסנשאַפט און עס איז אַ גרויסע פראַגע צי זי וועט דאָס אַ מאָל קענען, וואָרן אַזאַ מעגלעכקייט האַלט אײַן אין זיך אַ לאָגישע סתירה: מען מוז זיך מאַכן געדאַנקען, כדי זיך מעכאַניסטיש צו דערקלערן די פריערדיקע געדאַנקען. כדי די לעצטע געדאַנקען צו דערקלערן מעכאַניסטיש, מוז מען זיך מאַכן נײַע געדאַנקען ואין לדבר סוף.

דעריבער איז עס נישט שכלדיק זיך צו קלעפּן פעסט אין דער דאָגמע פון דער מעכאַניסטישער וועלט־אויפפאַסונג. דער שכל רעדט צו אונדז בלשון אָדם און ווײַזט אונדז, אַז אינעם טעגלעכן לעבן טרעטן אויף ווי פאַקטן די אידעען גופא און ווירקן צוריק אויף די אינטערעסן. לאָמיר נעמען פאַר אַ בײַשפּיל דאָס איבערגיין צו אַ נײַער אידעאָלאָגיע: אַ פרום בחורל ווערט אַן אַפּיקורס. אויב מען וואָלט זיך דעם דאָזיקן פּראָצעס דערקלערט מעכאַניסטיש, וואָלט דאָס געווען אויך אַזוי ווײַט פון אונדזער דערפאַרונג, ווי ווען מען וואָלט אים דערקלערט ווי אַ מעשה שטן. מען וואָלט, למשל, געזאָגט, אַז דעם בחורלס פּסיכיק איז אַ בלויזע אָפּשפּיגלונג פון די ספּעציפישע קאָנסטרוקציעס פון זײַנע מוח־ און בלוט־קעמערלעך און אַז די דאָזיקע קאָנסטרוקציעס שפּילן אַ גלײַכע ראָלע ווי רעדלעך און שרײַפלעך אין אַן אויטאָמאַט. איצט האָט אַ נײַער

מעכאַנישער אײַנדרוק פון דרויסן — דהײַנו: די ווערטער פון אַן אַפּי־קורסיש ביכל — אויטאָמאַטיש אַרויסגערופן אַ באַוועגונג בײַ די „רעד־לעך״, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם וויסנס־באַגער. אַזאַ מין „דערקלע־רונג״ איז נישט וויסנשאַפטלעך און אויך נישט שכלדיק. מיר ווייסן גאָר־נישט ווי אַזוי די „רעדלעך״ ווירקן, כדי דערפון אַרויסצונעמען אַ „מוסר־השכל״. זאָג איך אָבער, אַז די אידעען פונעם ביכל האָבן געווירקט צעשטערנדיק אויף זײַן אידעאָלאָגיע און דערנאָך אויף זײַנע פּריִערדיקע אינטערעסן, אַזוי אַז זײַנע האַנדלונגען זײַנען נישט מער די זעלביקע, האָט אַזאַ דערקלערונג אויך נאָך נישט קיין וויסנשאַפטלעכן ווערט, אָבער ווייניקסטנס אַ שכלדיקן. וואָרן מען קען זיך גוט פאָרשטעלן פון וואָס פאַר אַ מין עס זײַנען די דאָזיקע אידעען און אויף וואָס פאַר אַן אופן זיי ווירקן. אַזאַ מין דערקלערונג גיט אַפילו די מעגלעכקייט אויפצושטעלן עפּעס אַזוינס, ווי אַ „וויסנשאַפטלעך געזעץ״ אויפן יסוד פון אַ סטאַטיס־טיק, אַז, למשל, אויף 100 בחורים, וואָס וועלן לייענען אָט דאָס ביכל, וועלן 10 אַראָפּ פון „דרך הישר״. די אידעיִשע דערקלערונג איז במילא שכלדיקער פאַר אַלע מענטשן, דערפאַר איז זי אויך אמתדיקער ווי די מעכאַניסטישע דערקלערונג. וואָס מיר פירן אויס איז אין גאַנצן אומאָפּ־הענגיק פון דער פראַגע, וועלכע פון דעם בחורס אידעאָלאָגיע איז אמת־דיקער, די פּריִערדיקע אָדער די איצטיקע. עס ווערט נאָר אָנגעוויזן, אַז אידעען קענען אויפטרעטן ווי זעלבשטענדיקע פאַקטן און אויפוועקן נײַע אינטערעסן.

לאָמיר ווײַטער אָננעמען, אַז אינעם ביכל איז געוואָרן באַוויזן די באַוועגונג פון דער ערד אַרום דער זון. דער דאָזיקער באַווײַז טרעט אויף בײַם בחורל ווי אַ פאַקט און איז זיך סותר מיט זײַן פּריִערדיקער אָנשויונג. דער גאַנצער פּראַנט פון איבערגעלעבטע פאַקטן ווערן איצט בײַ אים אויפגעוויקלט און אויף ס'נײַ געמאַכט שכלדיק. די ערד איז איצט געוואָרן בלויז אַ פּינטעלע אינעם קאָסמאָס, וואָס האָט זיך אויסגעברייט מיליאָ־נענפאַך. אין דער זעלבער מאָס האָט זיך אויסגעברייט דער באַגריף פון גאָט, וואָס שליסט פון זיך איצט אויס די מענטשלעכע אַטריבוטן. דאָס בחורל פאַרלירט במילא דעם אינטערעס צו דאַווענען און צו פאַסטן תעניתים און נייגט זיך צו וועלטלעכע אינטערעסן. ער זאָגט זיך, אַז ער

איז „געקומען צום שכל״, ד״ה, אַז זײַן נײַע אידעאָלאָגיע איז שכלדיקער, אמתדיקער, ווי זײַן פריִערדיקע. מיר מוזן מיט אים מסכים זײַן, ווײַל די אידעע, אַז די ערד באַוועגט זיך אַרום דער זון, ווערט אָנערקענט פון אַלע שכלדיקע מענטשן מיט גענוגנדיקע עלעמענטאַרע קענטעניש. אין דעם פאַל, וואָס מיר באַהאַנדלען איצט, איז פאַראַן נאָך אַן אַנדערע קריטיק, וואָס דערווײַזט, אַז דעם בחורלס נײַע אידעאָלאָגיע איז אמתדיקער, ווי זײַן פריִערדיקע. דהײַנו: אַז דער וועג, וואָס פירט פון דער אַלטער אָסט־ראָגאָמיע צו דער נײַער, גייט אַלץ פאָרויס און יעדער איינער, וואָס נעמט אָן קאָפּערניקס תורה, גייט נישט מער צוריק. פאַר אים פאַרשליסן זיך די „טויערן פון גן־עדן״. פּונקט אַזוי קען אַ טויבער זיך נעמען ווי אַ קריטעריע פאַר מוזיק דעם פאַקט, אַז יעדער איינער, וואָס האָט ליב אַ בעטהאָווענישע סאָנאַטע, קען נישט מער פאַרטראָגן אַ וווּלגאַרע גאַסן־מעלאָדיע. און אַזוי אויך איינער וואָס אינטערעסירט זיך מיט די ווערק פון ליטעראַרישע קלאַסיקער קען מער נישט געפינען קיין פרייד בײַם לייענען שונדראָמאַנען.

אַזאַ קריטעריע פאַרן אמת קען אָבער נאָר ווערן גענומען אינעם ספּעציעלן פאַל פון דעם בחורל, ווײַל זײַן פריִערדיקע וועלט־אָנשויונג האָט זיך געפונען אין סתירה מיט דער עקזאַקטער וויסנשאַפט. דאָ לאָזט זיך נאָך זאָגן, אַז דאָס באַדערפעניש פונעם אמת, דעם וויסנשאַפטלעכן און גאַנצן אמת, האָט אים געפירט אויף אַ נײַעם וועג. אַנדערש איז דאָס דער פאַל מיט די מאָדערנע מאַסן־אידעאָלאָגיעס, ווי ראַסיזם, ליבעראַ־ליזם, סאָציאַליזם, קאָמוניזם און אַנאַרכיזם. די אַלע אידעאָלאָגיעס זײַנען זיך נישט סותר מיט דער וויסנשאַפט. להיפּוך, יעדע פון זיי גלייבט, אַז זי קען די וויסנשאַפט נאָך דערגאַנצן מיט איר אָנווענדונג אויף סאָציאַלע פאַרהעלטענישן. אין שײַכות צו זיי קען מען זיך מער נישט משער זײַן אַזאַ וועג, וואָס זאָל גיין פאָרויס, אַז אַלע שכלדיקע מענטשן, וואָס גייען אַהין, קומען נישט מער צוריק, אַ וועג, וואָס זאָל דינען ווי אַ קריטעריע פאַרן אמת. מען קען זיך נאָר פאַרשטעלן אַ וועג פאָרויס צו מענטשלעכ־קייט. דהײַנו: דער וועג וואָס פירט פון ראַסיזם צו אַנאַרכיזם; פון דער אידעע, אַז עס איז פאַראַן אַן „אויסדערוויילטע״ ראַסע, וואָס דאַרף הערשן איבער די „נידעריקע״ ראַסעס, צו דער אידעע, וואָס פאַרוואַרפט יעדע

הערשאַפט פון מענטש איבער מענטש. אַז מענטשלעכקייט זאָל האָבן אַ נאָענטע קרובישאַפט מיט אמתדיקייט, איז לכתחילה נישט אָנצונעמען, היות מענטשלעכקייט איז אַ מאָראַלישער באַגריף און זאָגט אונדז ווי דער מענטש זאָל זיך באַנעמען, בשעת אמתדיקייט ווײַזט אָן אויף אַ רעאַליטעט, דהײַנו: ווי דער מענטש באַנעמט זיך פּאַקטיש. אין אונדזער איצטיקער אַרבעט שטרעבן מיר טאַקע אויפצווײַזן דעם ענגערן צוזאַמענהאַנג צווישן אָט די ביידע באַגריפן. אָבער אונדזער מיינונג מוז נאָך נישט ווערן אָנערקענט פון אַלע מענטשן. דעריבער קען מען גוט זאָגן, ווי מיר האָבן שוין אויסגעפירט, אַז יעדע אידעאָלאָגיע האָט איר אייגענעם שכלדיקן אמת און אַז עס לאָזט זיך נישט באַווײַזן, אַז דער אַנאַרכיזם זאָל זײַן אמתדיקער ווי דער ראַסיזם. דעריבער קומען פאַר גאָר אָפט איבערגאַנגען אי פון „רעכטס״ צו „לינקס״ אי פון „לינקס״ צו „רעכטס״. אין די דערמאָנטע מאַסן־אידעאָלאָגיעס ווירקן די אידעען צוריק אויף די אינטערעסן אויך נישט צוליב זייער אמתדיקייט, נאָר הויפּטיק צוליב דעם וואָס די אידעען גייען אַרײַן ווי אַ באַשטאַנדטייל פון אַ מאַסן־אידעאָלאָגיע. בײַם איבערנעמען אידעען, וואָס אַנטשפּרעכן געוויסע פון זײַנע אינטערעסן, נעמט איבער דער יחיד גלײַכצײַטיק דעם גאַנצן אידעען־סיסטעם, מיט וועלכן זײַנע אייגענע אינטערעסן פורעמען אַן ענגערן שכלדיקן צוזאַמענהאַנג. די אידעאָלאָגיע ווי אַ גאַנצקייט ווירקט דאַן צוריק אויף דעם יחידס אַנדערע אינטערעסן און אַנשטאָט צוצופּאַסן די אידעען צו די אינטערעסן, פּאַסט ער איצט צו די אינטערעסן צו די אידעען. די אידעאָלאָגיע ווי אַ גאַנצקייט, וואָס זאָל זײַן בלויז אַ מיטל פאַר האַנדלונגען, ווערט אַ זעלבסטצוועק און אַ שטאַרק באַדערפעניש.

דאָס קומט דערפון, וואָס געוויינלעך קען דער יחיד זיך נישט קיין עצה געבן אין צוזאַמענשטעלן אַן אידעאָלאָגיע, וואָס זאָל זײַן צוגעפּאַסט צו אַלע זײַנע אינטערעסן און וואָס זאָל זײַן אויסגעהאַלטן אי סאָציאַל אי וויסנשאַפטלעך, ד״ה: וואָס זאָל נישט זײַן אין סתירה מיט דער פּאָזיטיווער וויסנשאַפט. ער „קויפט״ זיך אַ פאַרטיקן סיסטעם בײַ אַ סאָציאַלער גרופּע און ווי אַ קויפפרײַז איז ער גרייט מקריב צו זײַן געוויסע פערזענלעכע אינטערעסן. דעריבער איז שוין אויך פאַרן יחיד אַ באַדערפעניש זיך אָנצושליסן אין אַ פּאַרטיי, ווײַל צווישן אַנדערע באַ־

פרידיקונגען געפינט ער דאָרט אַ פּאַרטיקע אידעאָלאָגיע. אין איר זײַנען שוין דאָ ענטפערס אויף אַלע אַקטועלע פראַגעס. די ענטפערס זײַנען פײַן אײַנגעאָרדנט און געמאַכט שכלדיק לויט סיבה און ווירקונג. און דער יחיד דאַרף זיך נישט ערשט מוטשען דעם קאָפּ. גלײַכצײַטיק מיטן איבער־נעמען די אידעאָלאָגיע נעמט ער אויך איבער אירע תרי״ג מיצוות. ער האָט זיך „מגייר געווען" און אַלע זײַנע האַנדלונגען שטייען איצט אונטער דער השפּעה פון די נײַע אידעען. און ווײַל די אידעאָלאָגיע איז שוין פון פריִער צוגעגרייט און געמאַכט שכלדיק, גלייבט ער אין איר, ווי אַ פרומער ייִד אין תורת־משה. און מחמת ער איז איבערגעצײַגט, אַז ער האָט דעם אמתדיקן אמת, לאָזט ער זיך דערפאַר אַרײַן אין דיסקוסיעס מיט די אידעאָלאָגישע קעגנער. און ווען אַ קעגנער וויל נישט נאָכגעבן, מיינט ער, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַן עקשן און סאָפיסטיקער. אָבער די „נייטראַלע" ווייסן, אַז איינער איז נישט מער עקשן און מער סאָפיס־טיקער, ווי דער אַנדערער.

בנוגע דער קעגנזײַטיקער ווירקונג פון אינטערעסן און אידעען לאָמיר נעמען פאַר אַ בײַשפּיל דעם פאַל, ווען איינער גייט איבער צו אַן אַנדער אידעאָלאָגיע, כאָטש דער מאָטיוו פון זײַן אויסבײַט איז נישט געווען די סתירה פון זײַנע פריִערדיקע אידעען מיט דער פּאָזיטיווער וויסנשאַפט. אַ יונגערמאַן, אַ זון פון אַ פאַבריקאַנט, האָט אויסצושטיין גרויסע צרות צוליב זײַן פאָטערס שטרענגקייט. ער באַקומט אַ שינאה קעגן יעדער אויטאָריטעט. מחמת ער איז געוואָרן אַן אַנאַרכיסט, ענדערט ער זײַן גאַנצע האַלטונג. ער פאַרטיידיקט קעגן דעם פאָטער די אינטערעסן פון די אַרבעטער, ער באַקעמפט די רעליגיע ווי די אויפהאַלטערין פון דער הײַנטיקער סאָציאַלער אָרדענונג, און דער פאַטריאָטיזם, וואָס ער האָט איבערגענומען אין שולע, ווערט בײַ אים פאַרשטופּט אינעם אונ־טערבאַוווסטזײַן. נאָר אָט ענדערט זיך די לאַגע: דער פאָטער שטאַרבט און ער נעמט איבער די פאַבריק. איצט געפינט ער אויס, אַז די אויטאָ־ריטעט איז גאָרנישט קיין שלעכטע זאַך און אַז, להיפוך, מען קען זיך נישט פאָרשטעלן אַ געזעלשאַפט אָן אַן אויטאָריטעט. ער געפינט אויס, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף עקסיסטירן, ווײַל ווען נישט די נויט וואָלט קיינער נישט געוואָלט אַרבעטן און אַז די רעליגיע איז נייטיק

צוריקצוהאַלטן פון רעוואָלט די נויטלײַדנדיקע. כדי די פאַבריק זאָל „רעגטירן“, באַשעפטיקט ער אויסלענדישע אַרבעטער, ספּעציעל אײַנ־געוואַנדערטע פון די קאָלאָניעס: נעגערס און צפון־אַפריקאַנער, די „ביי־דעריקע ראַסעס“. נישט בלויז וואָס עס וועקט זיך אויף אין אים דער אײַנגעשלאָפענער פּאַטריאָטיזם, נאָר ער ווערט אויך אַן אַנהענגער פון „אַפּאַרטהייט־געזעץ“ כדי צו „באַשיצן די ווײַסע ראַסע“. — אַזוי קען פאַרקומען דער איבערגאַנג פון „עקסטרעם לינקס“ צו „עקסטרעם רעכטס“, פון אַנאַרכיסט צו „ראַסיסט“, און דערבײַ זיך נישט פאַרזינדיקן קעגן דעם שכל. די טראַנספאָרמאַציע קומט פאָר בלויז דורך צופאַסונג פון אידעען און אינטערעסן. דער איבערגייער האָט זיך אויך נישט אָנגעשטויסן קעגן די וויסנשאַפטלעכע געזעצן און איז נישט געקומען אין טראַגישן קאָנפליקט מיט זײַן מאָראַלישן געוויסן. ער לאַכט אונטער שפּאָטיש, ווען ער דערמאָנט זיך זײַנע פריערדיקע אידעען: אוטאָפּיעס פון אַ יוגנט־ראָמאַנטיק.

פונקט אַזוי ווי עס זײַנען דאָ אין אַ פּראָגרעסיווער באַוועגונג אַ סך איבערגייער צו דער רעאַקציע, ווײַל מיט דער פאַרענדערונג פון זייער סאָציאַלער לאַגע איז אַרײַנגעטראָטן אַן איבערבראָך אין זייערע אידעען, זײַנען אויך פאַראַן ענערגישע יחידים, וואָס זײַנען מקריב זייערע פּריווי־לעגיעס פאַר דער אידעע, כאָטש מיט זייער ענערגיע וואָלטן זיי געקענט דערגרייכן די העכסטע שטופעס אין דער הערשנדיקער סאָציאַלער היע־ראַרכיע. אַזוי, למשל, באַקונין, קראָפּאָטקין און אַנדערע.

די השפּעה פון די אידעען אויף די אינטערעסן ווערט נאָך פאַר־שטענדלעכער, ווען מען געדענקט, אַז יעדער יחיד האָט פון געבוירן אָן אַלע מענטשלעכע דיספּאָזיציעס, נאָר אין אַ פאַרשיידענער מאָס שטאַר־קייט: צו ווערן אַ סוחר, אַ קינסטלער, אַ געלערנטער, אַ גענעראַל, אַ פאַרברעכער אד״גל. פאַרשיידן זײַנען בעיקר די אָנרעגער פאַר אָט די דיספּאָזיציעס. עס איז דעריבער גענוג אַ מינימאַלער פאַקט ווי אַן אָנרע־גער, כדי צו ברענגען אין טעטיקער באַוועגונג אַ געוויסע דיספּאָזיציע. און אַזאַ פאַקט שטעלט מיט זיך פאָר דער גלויבן אין אַ באַשטימטער אידעע. „דער גלויבן קען שפּאַלטן בערג“ הייסט עס אויף אַ שטעל. דער גלויבן האָט אַזאַ כוח, ווײַל ווען מען האַלט זיך פעסט אין באַשטימטע

אידעען, סײַ פון רעליגיעזן אָדער סאָציאַלן אינהאַלט, פאַרגעסט מען די פוסטקייט פון דער עקסיסטענץ.

דער מוח, אַן אָרגאַן צו פאַבריצירן אידעען, האַלט אין איין פאַבריצירן. אָבער אידעען, וואָס געפינען נישט קיין פאַרווענדונג, ווערן אַוועקגעבלאָזן, ווי דער ווינט בלאָזט אַוועק דעם שטויב. כדי אויסצופילן זײַן פוסטקייט, זוכט דער מענטש, מיט דער הילף פון דער פאַנטאַזיע, זײַנע אידעען אויף עפּעס צו באַפעסטיקן. דערפון נעמט זיך זײַן באַדערפעניש אין עפּעס צו גלייבן. אַזוי איז אויפגעקומען זײַן גאַנצע פיקטיווע וועלט: מיטאָסן, רעליגיעס און אויך די קונסט. אַזוי זײַנען אויך אויפגעקומען די וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס, וואָס דאַרפן געפינען פאַרווענדונג אויף דער רעאַלער וועלט. און אַזוי דערקלערן זיך אויך די אַלערליי פאַרווײַלונגען, וואָס די מענטשן האָבן געשאַפן כדי צו „טויטן די צײַט". אָבער אויך אַזוי דערקלערט זיך דער גלויבן אין אַ סאָציאַלן אידעאַל. נאָר דאָ קען מען שוין אָבער מערקן דעם קלאַסן-אונטערשייד. בײַ די האָרעפּאַשנע מאַסן, וואָס פאַרווענדן דעם גרעסטן טייל פון זייערע אידעען אויפן עקאָנאָמישן אינטערעס, אויף דאגת-פּרנסה, קומט לעבן דער פוסטקייט אויך צו אַ פאַרביטערטקייט, וואָס איז נאָך ערגער און וואָס מאַכט זיך אָפט פילן אין פאַמיליע-לעבן און אין ווונטש „צו ווערמען אויסלאָזן דעם כעס". און אָט געפינען זיי אַן אָפּלענקונג, אַן „אָפּיום", אָדער אין דער רעליגיע אָדער אין אַ נאַציאָנאַלן אידעאַל. בײַ געוויסע יחידים פון דעם באַזיצנדיקן קלאַס, יחידים וואָס געפינען נישט קיין באַפרידיקונג אין וווּלגאַרע פאַרווײַלונגען, ווערט די פוסטקייט דירעקט אויסגעפולט מיטן גלויבן אין אַ סאָציאַלן אידעאַל. און אַזוי ווערן די דאָזיקע יחידים די וועגווײַזערס פאַר אידעאָלאָגיעס, וואָס זאָלן פאַרכאַפּן גרויסע מאַסן האָרעפּאַשניקעס.

אַז עס זײַנען פאַראַן היפּאָקריטן, וואָס באַנוצן זיך מיט אַן אידעאָלאָגיע כדי צו מאַכן קאַריערע, צו ווערן אַ דעפּוטאַט אָדער אַ מיניסטער, דאָס איז יעדן באַקאַנט. אָבער עס געשעט אויך, אַז דער יחיד בלײַבט דער „קרבן" פון דער אידעאָלאָגיע, מיט וועלכער ער האָט זיך געוואָלט באַנוצן פאַר זײַטיקע צוועקן. די נײַע אידעען ווירקן אויף אים ווי אַ מאַגישע קראַפט: זיי עפענען פאַר אים אַ נײַע אינטערעסן-ספערע, אין

וועלכער ער פּילט זיך גליקלעכער ווי בײַ די אינטערעסן, וואָס ער האָט געהאַט פאַרגענומען צו רעאַליזירן. אינעם קאַמף קעגן דעם צאַריזם איז לעבן דעם פּאַררעטער אַזעוו אויך פאַרגעקומען, אַז צאַריסטישע שפּיאָנען האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין ערלעכע רעוואָלוציאָנערן.

ווי געזאָגט, האָט יעדער איינער אַ באַדערפעניש אָנצוגעהערן צו אַ באַשטימטער סאָציאַלער סביבה מיט אַ געוויסער געמיינזאַמער אידעען־אײַנשטעלונג, אויב נישט פון רעליגיעזער, איז פון וועלטלעכער נאַטור. אָפט מאָל שפּילן מיט קליינע אינטערעסן — צופעליקייטן, אַזוי צו זאָגן — אין דעם אויסוואַל פון אַזאַ אָדער אַן אַנדערער אידעאָלאָגיע. לאָמיר נעמען פאַר אַ בײַשפּיל דעם אויפבלי פון רעוואָלוציאָנערע אידעען בײַ דער ייִדישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד, ליטע און פּוילן מיטן אָנהייב פונעם 20סטן יאָרהונדערט. אַלע אויפגעקלערטע, „קלאַסן־באַוווּסטזיניקע״ אַרבעטער, וועמען עס איז געוואָרן באַוווּסט אין וואָס פאַר אַ שרעקלעכער נויט זיי לעבן, בשעת די באַזיצנדיקע האָבן געלעבט אין אַ רעלאַטיוון לוקסוס, זײַנען געווען באַגײַסטערטע אָנהענגער פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. און דאָך איז די אָנפירונג געווען אין די הענט פון דער „אינטעליגענץ״, וואָס האָט זיך רעקרוטירט פון די בירגערלעכע שיכטן. וואָס האָט באַוויגן דער אינטעליגענץ צוצושטיין צו אַ רעוואָלוציע, וואָס וואָלט געמאַכט אַ סוף מיט זייערע עקאָנאָמישע פּריווילעגיעס? געוויסע אַנדערע אינטערעסן. איינער איז געווען דורכגעדרונגען פון אַ טיפן יושר־געפיל, דעם אַנדערן האָט באַוויגן די פּאָגראָם־פּאָליטיק פון דער רעגירונג. דער דריטער איז געוואָרן רעוואָלוציאָנער צוליב זײַן שינאה צו דער רעליגיעזער טראַדיציע. דער פערטער איז געווען באַהערשט פון דעם ווילן צו זײַן טעטיק און אויסצופילן אַ געוויסע פּוסטקייט. פון דעסט וועגן איז גראָד פאַר דעם פערטן די נײַע אידעאָלאָגיע געוואָרן אַזאַ באַדאַרף, אַז ער האָט פאַר איר מקריב געווען זײַן לעבן.

פון די אַרבעטער, מיטן אויסנעם פון אַזעלכע, וואָס האָבן זיך „אַרויפגעאַרבעט״, זײַנען כמעט אַלע געבליבן געטרײַ דער רעוואָלוציע. דער עקאָנאָמישער אינטערעס האָט זיי אַלע געהאַלטן צוזאַמען ווי אַ קלאַס. אויף זיי האָבן אָבער אויך געווירקט אַנדערע אינטערעסן. נו, האָבן זיך פאַרמירט פראַקציעס מיט אַלערליי „איזמען״: דער בונדיזם, דער פּועלי־

ציוניזם, דער ייִדישער פּע־פּע־עסיזם, דער עס־עריזם, דער עס־דעקיזם, דער אַנאַרכיזם. אָפט מאָל האָבן אינטערעסן פון נישט קיין עקאָנאָמישער באַדײַטונג באַוויגן דעם אַרבעטער זיך אָנצושליסן אין אַזאַ אָדער אַן אַנ־דערער גרופּע. איינער, למשל, האָט זיך נישט געקענט אָפּזאָגן פון דעם ציוניסטישן אידעאַל און האָט געפונען אַ פּשרה אין פּועלי־ציוניזם; אַ מיידל, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין אַ „ווילן יונג", אַ בונדיסט, האָט זיך אַזוי אַרײַנגעדרייט אין בונדיזם, אַז די דאָזיקע אידעאָלאָגיע איז פאַר איר געוואָרן דער גאַנצער אמת. אַן אַנדער מיידל האָט געפונען אַ באַזונ־דערע פרייד אין פּוילישער געזעלשאַפט און האָט זיך אָנגעשלאָסן צו די פּפּ"סאָוצעס. אַן אַנדערער האָט נישט געקענט פאַרגעסן די צרות, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטייך בײַ זײַנע עלטערן, וואָס האָבן אים געטריבן צו דאַווענען, האָט ער ליב געקראָגן דעם הפקר און איז געוואָרן אַן אַנאַרכיסט. שוין אָפּגעזען פון די אַגיטאַטאָרן, וואָס האָבן געווירקט אויף די מאַסן מיט זייערע שיינע רעפעראַטן און מיט זייער „הדרת־פּנים".

***

אינעם פּריוואַטן לעבן איז עס לײַכט אונטערצושיידן צווישן אינ־טערעסן און אידעען. איז מען הונגעריק און מען אינטערעסירט זיך צו נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן, טויכן אויף אידעען, וואָס ווײַזן אָן דורך וואָס פאַר אַ האַנדלונגען אַנטקעגנצוקומען דעם דאָזיקן אינטערעס. דאָס געפיל פון הונגער איז אַן עפּעס פאַר זיך און די אידעען, ווי אַזוי דעם הונגער צו שטילן, איז אויך אַן עפּעס פאַר זיך. אַנדערש איז עס אויפן סאָציאַלן געביט. דאָ זײַנען אינטערעסן און אידעען אַזוי צונויפגעבונדן, אַז עס איז אָפט שווער אונטערצושיידן צווישן ביידע קאַטעגאָריעס. די אידעען גופא ווערן וויכטיקע אינטערעסן, ווײַל מיט זיי פּולט אויס דער יחיד זײַן פּוסטע פאַראיינזאַמטקייט. דאָס געשעט דורך דער רעליגיעזער טראַדיציע און דאָס געשעט אויך דורך ערגעץ אַ מאָדערנער אידעאָלאָגיע. אויב אין אָנהייב האָט דער עקאָנאָמישער אינטערעס געקענט שפּילן אַ הויפּטראָלע, למשל, ווען אַן אַרבעטער שליסט זיך אָן אין אַ פּראָפעּ־סיאָנעלן פאַראיין, כדי צו פאַרטיידיקן אָדער צו פאַרבעסערן זײַן מאַטע־ריעלע לאַגע, קענען אָבער די סאָציאַליסטישע אידעען, פון וועלכע דער

דאָזיקער פאַראיין איז באַהערשט, ווערן פאַר אים אַ הויפּט־אינטערעס. קוקט מען אַוועק פון דעם וועלטלעכן כאַראַקטער פון אַזאַ אידעאָלאָגיע, דהײַנו, נישט צו שטיין אין סתירה מיט דער פּאָזיטיווער וויסנשאַפט, נעמט זי איבער בלויז די פונקציעס פון אַ רעליגיע: געמיינזאַמע פּעריאָדישע צונויפקומען און געדענק־פײַערונגען, אַ ספּעציפישע ליטעראַטור און ספּעציפישע דאָגמעס. דאָס איז דער געמיינזאַמער גלויבן אין אַן אידעאַל, וואָס דאַרף זיך פאַרווירקלעכן און וואָס שטיצט זיך אויף היסטאָרישע פאַקטן.

עס פרעגט זיך ווידער: אויף וועלכן וועג לאָזן זיך אויסגלײַכן די סתירות צווישן זיך באַקעמפנדיקע מאַסן־אידעאָלאָגיעס, אַזוי אויסגלײַכן, אַז די היסטאָריע, אויף וועלכער עס שטיצט זיך יעדע פון זיי, זאָל באַקומען דעם אוניווערסאַלן כאַראַקטער פון אַ פּאָזיטיווער וויסנשאַפט.

קאַפּיטל עלף

## דער וועג צום אויסגלײַך

מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז סאָציאַלע אידעען טרעטן אויף נישט בלויז ווי „איבערסטרוקטורן", נאָר אויך ווי „אונטערסטרוקטורן". נישט בלויז ווי פּועל־יוצאס פון אינטערעסן, נאָר אויך ווי אינטערעסן־אָנרעגער. עס מוז אָבער ווידער אַ מאָל באַטאָנט ווערן, אַז סאָציאַלע אידעען ווירקן נישט ווי גאַנצע אמתן, ווי אמתן וואָס דאַרפן אָנערקענט ווערן פון אַלע מענטשן. זיי ווירקן ווי פּסיכישע פאַקטן, וואָס קענען האָבן אַ שטאַרקערע אָדער אַ שוואַכערע עקסיסטענץ און זײַנען אָפּהענגיק פון די פאַרשיידענע סיטואַציעס. פאַר איינעם קען „פאָטערלאַנד" זײַן אַ ממשותדיקער פאַקט, פאַר דעם אַנדערן — אַ בלויזע אַבסטראַקציע. איינער האַלט פאַר אַן אמת, אַז אָן אַן אויטאָריטעט קען קיין געזעלשאַפט נישט עקסיסטירן. דער אַנדערער מיינט אומגעקערט, אַז אַן אמתדיקע געזעלשאַפט קען נאָר זײַן אַ פרײַע. איינער, אַן אַלטער ליבעראַלער, האַלט זיך בײַ דער אידעע פון פרײַהייט, אָבער אַזאַ פרײַהייט, אַז אַלע געשעפטן זאָלן ווערן געפירט פון פּריוואַט־געזעלשאַפטן און אַז די פונקציע פון דער רעגירונג זאָל בלויז באַשטיין אין באַשיצן דאָס פּריוואַט־אייגנטום. דער אַנדערער, דער אַנאַרכיסט־אינדיווידואַליסט, גלייבט, אַז ערשט די אַבסאָלוטע פרײַהייט, אָן יעדער רעגירונג, וועט צופירן צו אַ האַרמאָנישן און גליקלעכן צוזאַמענלעבן. איינער מיינט, אַז דורך רעוואָלוציעס קענען קומען בלויז חורבנות און אַז אויף חורבנות לאָזט זיך דער סאָציאַליזם נישט אויפבויען. דער אַנדערער גלייבט, אַז נאָר דורך אַ רעוואָלוציע קען דער קאַפּיטאַליזם ווערן באַזיגט און אַז די גרעסטע חורבנות זײַנען גורם די מלחמות, וואָס זײַנען אַ רעזולטאַט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

אַלע ווינטשן דער מענטשהייט גליק, אָבער יעדער איינער האַלט זיך אָן אין אַן אַנדערן אמת, ווי אַזוי אָרום צו דערגרייכן דאָס גליק. מיר זעען ווידער אַ מאָל, אַז דער אמת, וואָס איז שוין כולל סתירות, הגם גאָר ווייניק, כל־זמן ער באַרירט די שײַכות פון דעם מענטש צו דער נאַטור, ווי מיר האָבן דאָס אָנגעוויזן אין די ערשטע קאַפּיטלען, — דער זעלביקער אמת צעפאַלט אין אומצייליקע סתירות ווי באַלד ער באַרירט סאָציאַלע פּראָבלעמען. פּונקט ווי אַ ווײַסער ליכטשטראַל, וואָס צעפאַלט אין די פאַרבן פון רעגן־בויגן בײַם אַרײַנדרינגען אין אַ פּריזמע, אַזוי געשעט עס אויך מיטן אמת בײַם אַרײַנדרינגען אין דער ספערע פון סאָציאַלער טעטיקייט.

מיר האָבן שוין אין די ערשטע קאַפּיטלען פאַרענטפערט די פראַגע פון וואַנען עס נעמען זיך לאָגישע סתירות. מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז די לאָגיק דאַרף זיך שטענדיק האַלטן אין די פאַקטן און זיך צופּאַסן צו זיי און אַז ווען זי וויל אויפבויען שלעסער אין דער לופטן, קומט זי אין סתירה מיט זיך גופא. קוים איז זי אָבער יאָ צוגעפּאַסט צו די פאַקטן, דעמאָלט לאָזן זיך אונטערשיידן צוויי פאַלן:

1) די פאַקטן זײַנען דײַטלעך פאַר אַלע מענטשן. במילא זײַנען אויך די אַנטשפּרעכנדיקע לאָגישע דערקלערונגען אָדער פאָרמולירטע אמתן די זעלביקע פאַר אַלע מענטשן. אַזעלכע אמתן קענען האָבן אַן אַבסאָלוטן, ד״ה אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכן ווערט. למשל: די העלפט פון אַן עפּל איז קלענער ווי דער גאַנצער עפּל. זיי קענען האָבן אַ וויסנ־שאַפטלעכן ווערט, אויסגעדריקט אין געזעצן. אַ שטייגער: דאָס געזעץ פון פאַלן פון אַ שטיין. זיי קענען אויך האָבן בלויז אַ שכלדיקן ווערט, אָבער אַ גלײַכן פאַר אַלע מענטשן. צום בײַשפּיל: דער קאַמף פאַר דער עקסיסטענץ ווי אַ הויפּטפאַקטאָר פון דער ביאָלאָגישער עוואָלוציע.

2) די פאַקטן זײַנען פאַרשיידן פון מענטש צו מענטש. דעמאָלט איז אויך פאַרשיידן דער אמת פון מענטש צו מענטש. און דער דאָזיקער אמת קען האָבן בלויז אַ שכלדיקן ווערט און בלויז פאַר באַשטימטע מענטשן, אָבער נישט פאַר אַלע שכלדיקע מענטשן. אַזוי, למשל, מוז דער אמת פון אַ פּעסימיסט זײַן אַן אַנדערער, ווי דער אמת פון אַן אָפּטימיסט, ווײַל דער פּעסימיסט שטיצט זײַנע אידעען אויף אַנדערע דערפאַרונגען,

ד״ה פאַקטן, וואָס האָבן אים אינטערעסירט און זיך אײַנגעקריצט אין זײַן מוח. דער פאַבריקאַנט, בײַ וועמען עס גילט ווי אַ הויפּטפּאַקט די קאָנקורענץ, קומט צו אַן אַנדערער אידעאָלאָגישער אײַנשטעלונג, ווי דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער, בײַ וועמען דער הויפּטפּאַקט איז די סאָלידאַריטעט. מיר זײַנען געקומען צום אויספיר, אַז דער קוואַל פון די היפּוכדיקע אמתן איז בכלל בנימצא אינעם מענטשלעכן וויסן, וואָס באַקומט ערשט אַ ווערט דורך זײַן פּראַקטישער אַנווענדונג. דאָס איז דער פאַל מיט די וויסנשאַפטלעכע געזעצן, וואָס בשײַכות זייער פּראַקטישן ווערט פאַר אַלע מענטשן, זײַנען זיי פאַר אַלעמען אײנבאַטײַטיק און די זעלביקע. אַנדערש איז עס אָבער מיט אַ ספּעציעלן וויסן, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן ספּעציעלע אינטערעסן. אויב די דאָזיקע אינטערעסן ווײַזן אויף אַן אַנטיפּאָד, דעמאָלט דרינגט אַרײַן די סתירה אין אונדזער וויסן און געוויסן און עס קומען אויף די היפּוכדיקע אמתן.

מען דאַרף ערשט נישט אָנווײַזן אויפן פּראַקטישן ווערט פון דער קאָפּערניקשער אַסטראָנאָמיע, ווײַל דער דאָזיקער אמת איז בולט קלאָר פאַר יעדן איינעם וואָס האָט אַ ביסל שטודירט. און, אומגעקערט, אַז דער פּעסימיסט האָט נישט מאָנאָפּאָליזירט דעם אמת און אַז ער אונטערשיידט זיך פון דעם אָפּטימיסט בלויז דורך אַן אַנדערן אינטערעס, וואָס קען האָבן פאַר אַ יסוד זײַן טעמפּעראַמענט — דאָס איז אויך יעדערן באַקאַנט. דערפאַר האַלטן מיר, אַז עס איז צוועקלאָזיק צו פירן דיסקוסיעס איבער אַזאַ פּראָבלעם. דער פּעסימיסט האָט גראָד אַזאַ באַדאַרף צו וויינען, ווי דער אָפּטימיסט צו לאַכן. אָבער די פּראָבלעמען: ווער פון ביידע באַזיצט דעם אמת — צי דער אַרבעט־געבער מיט זײַן פּרינציפּ פון קאָנקורענץ, צי דער אַרבעטער מיט זײַן פּרינציפּ פון סאָלידאַריטעט; צי דער מאַרקסיסט מיט זײַן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, צי דער אַנאַרכיסט מיט זײַן פרײַהייטס־פּרינציפּ; צי דער סאָציאַליסט, וואָס באַנוגנט זיך מיט מאַכן פּראָפּאַגאַנדע, צי דער קאָמוניסט, וואָס האַלט זיך אינעם פּרינציפּ פון דער „פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור״, שוין אָפּגערעדט פונעם ראַסיזם, וואָס לאָזט זיך אויך נישט וויסנשאַפטלעך אײנטײַטשיק באַשטרײַטן, — אַלע די אָ פּראָבלעמען זײַנען אין שײַכות צום אמת נישט אַנדערש ווי דאָס פּראָבלעם פּעסימיזם—אָפּטימיזם. פון דעסט וועגן ווערן איבער אָט

אַ די פּראָבלעמען אָפּגעהאַלטן לאַנגע דיסקוסיעס מיט דער כוונה צו איבערצײַגן דעם קעגנער דורך שכלדיקע אַרגומענטן פון דעם „אמתדיקן אמת״. די פּראָפּאַגאַנדע דערגרייכט אָבער בלויז אויפצוקלערן די מאַסן איבער זייערע אינטערעסן. קוים האָט מען אָבער דערקענט דעם קוואַל פון די היפּוכדיקע אמתן, פאַרשפּאָרט מען זיך שוין אַ גרויסן טייל פון די דאָזיקע דיסקוסיעס. אַנשטאָט צו דיסקוטירן וועגן דעם אמת ווי ער וואָלט, אויפן סאָציאַלן געביט, געווען דער איינציקער פאַר אַלע מענטשן, דיסקוטירט מען באַלד וועגן די אמתן אין שײַכות צו די פאַרשיידענע אינטערעסן־ספערעס.

דער מעטאָד צו נעמען ווי אַ קריטעריע פאַרן אמת זײַן פּראַקטישן ווערט, איז אין דער פילאָסאָפיע באַקאַנט אונטער דער באַצייכענונג „פּראַג־מאַטיזם״. דער הויפּט־פאַרטרעטער פונעם פּראַגמאַטיזם איז געווען דער אַמעריקאַנער פילאָסאָף וויליאַם דזשעמס (1842—1910). לויט אונדזער מיינונג גייט וויליאַם דזשעמס צו ווײַט מיט זײַן סוביעקטיווער אָפּשאַ־צונג פון אמת, ווײַל עס קומט אויס פונקט ווי יעדער סאָרט אמת וואָלט געווען אַ פּערזענלעכער ענין. מיר האַלטן זיך שטרענג אינעם אַלטן באַ־גריף און באַטראַכטן פאַר אַ גאַנצן אָדער אָביעקטיוון אמת נאָר אַזעלכן, וואָס דאַרף ווערן אָנערקענט פון אַלע מענטשן. און דערפאַר שליסן מיר דערפון אויס אַלע אידעאָלאָגיעס פון אייבערגלויבערײַ, אידעאָלאָגיעס וואָס שטייען אין סתירה מיט די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן, ד״ה מיט די גאַנצע אמתן. דערקעגן שטייט נישט אין סתירה מיט דער פּאָזיטיווער וויסנשאַפט דער גלויבן אין דער עקסיסטענץ פון אַ העכערער מאַכט, אַ מין שפּינאָזישע גאָטהייט. אַזאַ גלויבן איז זיך סותר מיטן גלויבן אין אַ מאַטעריעלער קראַפט, ווי אַן ערשטע סיבה. די אַנטינאָמיע פּאַנטעיזם — מאַטעריאַליזם קען נישט, ווי געוויסע אַנדערע לאָגישע אַנטינאָמיעס, ווערן באַשיידט וויסנשאַפטלעך. אויף דער דאָזיקער אַנטינאָמיע לאָזט זיך במילא אָנווענדן דער פּראַגמאַטישער מעטאָד: וואָס פאַר אַ גוטס קען אונדז ברענגען דער גלויבן אין אַ העכערער מאַכט, אַ גלויבן, וואָס זאָל זיך נישט סותר זײַן מיט די גאַנצע אמתן? עס זײַנען פאַראַן מענטשן, וועמען אַזאַ גלויבן ברענגט טרייסט, „אינטויציע״ אָדער פּאָעטישע רע־

גונגען. עס וואָלט געווען נאַריש צו וועלן זיי איבערצײַגן, אַז זייער אידעאָלאָגיע איז אַ פאַלשע.

מיר שטעלן זיך גראָד אין אָפּאָזיציע צום פּראַגמאַטיזם פון וויליאַם דזשעמס. לויט אים איז אַ העגעלשער אָדער אַ שפּינאָזישער גאָט נישט מער ווי אַן אַבסטראַקציע, במילא גאָרנישט „פּראַקטיש" און אויך נישט אמתדיק. לויט אים איז אמתדיק אַ גאָט, וואָס קען עפּעס „אויפטאָן", למשל: זיך אַראָפּלאָזן אויפן באַרג סיני אָדער זיך לאָזן קרייציקן כדי אָפּצוקומען די זינד פון דער מענטשהייט. בעת ער שטעלט דעם גלויבן העכער פאַר דער וויסנשאַפט און באַטראַכט די וויסנשאַפט ווי אַן אָפּ־צווײַג פון דעם גלויבן, שטעלן מיר די וויסנשאַפט העכער פאַרן גלויבן און פאַר אַלע אידעאָלאָגישע שכלדיקייטן. מיר באַנוצן דעם פּראַגמאַטישן מעטאָד נאָר אויף אַנטינאָמיעס וואָס לאָזן זיך נישט אויסגלײַכן וויסנ־שאַפטלעך אָדער שכלדיק און בלײַבן במילא געטרײַ דעם באַגריף „אמת" ווי ער ווערט פאַרשטאַנען פון אַלע מענטשן.

*****

אַצינד קומען מיר צום הויפּט־פּראָבלעם: צי געפינט זיך איצט נישט די מענטשהייט אויפן וועג אויסצוגלײַכן די שכלדיקע סתירות און וועלכער איז דער דאָזיקער וועג? פון אונדזערע ביזאַהעריקע באַטראַכ־טונגען פאַרשטייט מען שוין פון זיך אַליין, אַז דאָס איז דער וועג וואָס גלײַכט אויס די אינטערעסן פון יעדן איינצלנעם מענטשן מיט די אינ־טערעסן פון דער גאַנצער מענטשהייט און שליסט אויס דעם אינטערעסן־היפּוך צווישן גרופּעס, נאַציעס, ראַסעס און קלאַסן. דעמאָלט וועט במילא אויך אויפקומען אַן איינהייטלעכע און איינבאַטײַטיקע אידעאָלאָגיע. זי וועט כולל זײַן אַ סכום אמתן, וואָס וועלן זײַן אָנערקענט פון אַלע מענטשן און האָבן אַלע סימנים פון אָביעקטיווע גאַנצע אמתן.

אַ סך פאַקטן ווײַזן אונדז, אַז די מענטשהייט געפינט זיך אויפן וועג צום אויסגלײַך פון די אידעאָלאָגישע סתירות. לאָמיר פּרוּוון אָנווײַזן אויף עטלעכע פון זיי:

די אַטאָם־ענערגיע. — אויב עס קומט צו אַ נײַער וועלט־מלחמה, וועט זי גורם זײַן דעם אונטערגאַנג פון דער מענטשהייט מיט איר קולטור

און מאַכן אַ סוף צו אַלע אידעאָלאָגישע סיכסוכים. לאָמיר האָפן, אַז עס וועט קומען צו אַן אינטערעסן־אויסגלײַך צווישן די צוויי בלאָקן. די געגנפּער קאָנפערענץ פון די פיר גרויסמאַכטן באַרעכטיקט אונדז צו האָבן די דאָזיקע האָפענונג אויף אַ פּשרה. און ווי באַלד עס קומט צו אַ הסכם, וועט די אָנווענדונג פון דער אַטאָם־ענערגיע פאַר פרידלעכע צוועקן מיט זיך ברענגען אַזאַ איבערקערעניש אין די מענטשלעכע באַציִונגען, אַן איבערקערעניש צום אויסגלײַך פון די אינטערעסן־קאָנטראַסטן, ווי די מענטשלעכע פאַנטאַזיע קען עס נישט משיג זײַן. אָבער שוין אַפילו איצט, בלויז אויס אַנגסט פאַרן חורבן, וואָס די אַטאָמישע עקספּלאָזיע־שטאָפן קענען גורם זײַן, מעג מען האָפן, אַז עס וועט קומען צו אַ פאַרשטענדי־קונג צווישן די צוויי בלאָקן. דער וועלט־שלום וועט זיך אַלץ מער און מער באַפעסטיקן און עס וועט זיך רעאַליזירן ישעיה הנביאס חזיון: „ולא ילמדו עוד מלחמה״. די אומגעהײַערע הוצאות, וואָס זײַנען געגאַנגען אויף אויסהאַלטן אַרמייען און קריגס־צוגרייטונגען, וועלן ווערן פאַרווענדט פאַרן אַלגעמיינעם ווױלזײַן. היות די סאָוועטן וועלן מער נישט מורא האָבן פאַר אַ קאַפּיטאַליסטישן איבערפאַל, וועט זייער דיקטאַטור פאַרלירן יעדע באַרעכטיקונג און וועט מאַכן פּלאַץ פאַר פרײַע קאָמונעס. אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע און אונטער דעם אימפּולס פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט וועט דער קאַפּיטאַליזם זיך סאָ־ציאַליזירן אַלץ מער און מער. מיטן אונטערשייד פון אַ געוויסער אַדמי־ניסטראַטיווער קאָנסטרוקציע, וועלן ביידע בלאָקן קומען צום זעלביקן רעזולטאַט פון דערהייבן דעם ווױלשטאַנד פון יעדן בירגער.

די צענטראַל־אידעע פון דעם מערב־בלאָק איז ביז איצט געווען „פרײַהייט״ און פון דעם מיזרח־בלאָק איז געווען „גלײַכהייט״. מיטן וועלט־שלום וועלן ביידע בלאָקן זיך אויך אידעאָלאָגיש בעסער פאַר־שטענדיקן. די סאָוועטן וועלן אײַנזען, אַז דאָרט, וווּ עס איז נישטאָ קיין פרײַהייט, דאָרט ווו עס הערשט דיקטאַטור, קען נישט זײַן קיין רייד פון גלײַכהייט. און, אומגעקערט, וועלן די אַמעריקאַנער באַגרײַפן, אַז דאָ ווו עס איז נישטאָ קיין גלײַכהייט, דאָ ווו יעדער קען זיך נישט באַנוצן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן וואָס עס קען פאַרשאַפן די מאָדערנע טעכ־

ניק, ווי די לופטרײַזעס, צום בײַשפּיל, איז אויך נישטאָ קיין ריכטיקע פּרײַהייט.

דער וועלטפּאַרקער. — די האַנדלס־באַציִונגען צווישן „מיזרח" און „מערב" און צווישן נאַציע און נאַציע וועלן זיך שטאַרק פאַרגרעסערן. היות עס וועט מער נישט זײַן וואָס זיך צו שרעקן פאַר קיין מלחמה, וועט נישט בלויז ווערן אויפגעהויבן דער „אײַזערנער פאָרהאַנג", נאָר עס וועט אויך ווערן אָפּגעשאַפט יעדער גרענעץ, וואָס שטערט דעם פרײַען פאַר־קער. ראַדיאָ, טעלעוויזיע און קינאָ וועלן מיט דער ווײַטערדיקער אַנט־וויקלונג פון דער טעכניק וואָס אַ מאָל מער בײַטראָגן צום אינטערנאַ־ציאָנאַלן אידעען־אויסטויש. דער פאַרטרעטער פון איין נאַציע וועט אָנהאַלטן פילפאַכע באַציִונגען מיט די פאַרטרעטער פון די אַנדערע נאַציעס און דערבײַ זיך איבערצײַגן, אַז זיי זײַנען אויך אַזעלכע בריות, ווי ער אַליין און אַז זײַן נאַציע איז נישט דאָס „אייבערשטע פון שטייסל". זײַנע בעסטע פרײַנד קען ער גראָד געפינען צווישן מענטשן פון אַנדערע פעלקער. די ענגהאַרציקע פּראָווינציעלע נאַציאָנאַל־קולטור וועט מאַכן פּלאַץ פאַר אַן אַלגעמיינער מענטשהייטס־קולטור. אַזוי, צום בײַשפּיל, וועט יעדער ייִד פילן, אַז נישט בלויז מאַרקס און אײַנשטיין געהערן זיך עפּעס אָן מיט אים, נאָר אויך אַזעלכע „גויים", ווי דאַרווין, טאָלסטוי א"אַנד זײַנען „משלנו". ספּעציעל די ליטעראַטור וועט ווערן אָפּגעשאַצט נישט דורך איר נאַציאָנאַלן ווערט, נאָר דורך איר אוניווערסאַלן באַטײַט. אַ ליטעראַריש ווערק, וואָס זאָל זיך נישט לאָזן איבערזעצן אויף אַנדערע שפּראַכן אָדער וואָס וועט פאַרלירן די העלפט פונעם אינהאַלט בײַם איבער־טראָגן עס אין אַן אַנדער לשון, וועט גיין אין אַרכיוו אַרײַן ווי מאַטעריאַל פאַר עטנאָלאָגיע, מחמת אַזאַ ווערק וועט נישט קענען דינען ווי אַן אינספּיראַציע פאַר לעבנס־טעטיקייט.

ראַסעס. — עס ווערט שוין אַ יאָרהונדערט זינט די יאַפּאַנער האָבן באַוויזן, אַז די געלע ראַסע קען אויפן טעכנישן געביט אויך אויפטאָן אַזוי פיל, ווי די אייראָפּעער. און אינעם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג פון 1904 —1905 האָבן זיי דאָס אויך באַוויזן מיליטעריש. זינט נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה גייט עס ווי אַ שטורעם איבער די קאָלאָניאַלע פעלקער פון אַזיע און אַפריקע זיך צו באַפרײַען פון זייערע פעאָדאַל־הערשער און

פון דעם „פּראָטעקטאָראַט״ פון דער ווײַסער ראַסע. אַזוי אינדיע, כינע, אינדאָכינע א״אַנד, ווי אויך צפון־ און דרום־אַפריקע. אַז די „געלע״ און אויך די „שוואַרצע״ וועלן זיך קענען אַליין באַדינען פּונקט ווי די „ווײַסע״ מיט דער מאָדערנער טעכניק, דאָס באַווײַזן טאָג־טעגלעכע פאַקטן. דאָס אײגענע גילט אויך בנוגע ליטעראַטור, קונסט, וויסנשאַפט און פּאָליטיק. די ראַסן־אידעאָלאָגיע, ד״ה דער ראַסיזם, וועט במילא ווערן נישט־אָנהאַלטעוודיק. עס וועט זיך דורכברעכן די איבערצײַגונג, אַז נישט געקוקט אויף ראַסן־אונטערשיידן, האָט יעדער מענטש אויפצווײַזן גלײַכע סאָציאַלע טענדענצן. בנוגע די אײַנגעבוירענע דיספּאָזיציעס איז דער חילוק אין זייער פּאָטענץ פון יחיד צו יחיד אויך די זעלביקע ווי בײַ יעדער ראַסע.

וואָס איז שײַך דעם אַנטיסעמיטיזם, וויסן מיר, ייִדן, אין וואָס די אַנטיסעמיטן האָבן אונדז באַשולדיקט, דהײַנו: אַז מיר זײַנען „לופט־מענטשן״ און אַז מיר זײַנען פּחדנים. אָבער די עקסיסטענץ פון מדינת ישראל באַווײַזט די פאַלשקייט פון זייערע באַשולדיקונגען. די ייִדן האָבן דאָרט נישט בלויז באַוויזן אַרבעטזאַמקייט און אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פעיִקייט צו פאַרוואַנדלען אַ מידבר אין אַ ייִשוב און מאַכן ווינבאַר זומפּיקע געגנטן, נאָר אויך אָפּצוהאַלטן אַ מיליטערישן נצחון איבער די צאָלרײַכע אַראַבישע מלוכות. במילא האָט אויך דער אַנטיסעמיטיזם פאַרלוירן יעדן פאַקטישן יסוד.

קלאַסן. — דאָס באַנוצן די אַטאָם־ענערגיע פאַר פרידלעכע צוועקן וועט מיט זיך ברענגען אַ געוואַלטיקע איבערקערעניש אין דער אײַנקום־פאַרטיילונג און אויסגלײַכן די קלאַסן־אידעאָלאָגיעס. וועגן דער געפערלעכער ראַדיאָ־אַקטיוויטעט וועט די אַטאָם־אינדוסטריע פאָדערן אַ גרויסע אויפפּאַסונג מצד יעדן אַרבעטער און אַ טיפע קענטעניש פון די נאַטור־געזעצן. היות דער שלום וועט זײַן געזיכערט, וועט די מיליטער־דינסט־צײַט ווערן פאַרווענדט אויף טעכנישער אויסבילדונג און די קריגס־הוצאות אויף טעכנישע אינסטיטוציעס. דורך זייערע ספּעציאַליזירטע און כמעט מאָנאָפּאָליזירטע קענטענישן וועלן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס באַקומען די גאַנצע מאַכט אין זייערע הענט. און אויב עס וועט אויפקומען אַ נײַע קלאַסן־אײַנטיילונג — דהײַנו: אָרגאַניזאַטאָרן און אָרגאַניזירטע —,

וועט זיי אָבער דער בשותּפֿותדיקער אינטערעס ענג פֿאַרבינדן. די הײַנ־טיקע קאַפּיטאַליסטישע קאָנקורענץ וועט ווערן פֿאַרביטן דורך דער רי־וואַליטעט בײַצוטראָגן וואָס מער לטובֿת דעם אַלגעמיינעם וווילזײַן. במילא וועט באַקומען די אַליין־הערשאַפֿט די אידעע פֿון סאָלידאַריטעט אָדער קעגנזײַטיקער הילף.

בײַ אַזאַ אָרגאַניזירטער אינדוסטריע, וואָס וועט אַרומנעמען די לענ־דער פֿון אַלע וועלטטיילן, וועט אויך אויסגעגליכן ווערן דער אידעיִשער סיכסוך צווישן דעם אַנאַרכיזם און דעם מאַרקסיסטישן קאָמוניזם. דער אַנאַרכיסט וועט זיך לאָזן באַלערנען פֿון די פֿאַקטן, אַז אַן אַ געהעריקער אָרגאַניזאַציע קענען די סאָציאַל־עקאָנאָמישע „רעדלעך" זיך נישט באַ־וועגן און אַז עס דאַרף בנימצא זײַן אַן אָרגאַניזאַטאָרישע אויטאָריטעט. דער קאָמוניסט וועט אײַנזען, אַז עס קאָנווענירט זיך בעסער פֿאַר דער גאַנצער געזעלשאַפֿט, אַז יעדער אַרבעטער זאָל אַנשטאָט אַרבעטסצוואַנג האָבן דעם באַוווסטזײַן פֿון זײַן אייגענער איניציאַטיוו און פֿאַראַנטוואָרט־לעכקייט. דער אַנאַרכיסט וועט זיך איבערצײַגן, אַז אויפֿן סאָציאַל־עקאָ־נאָמישן געביט דאַרף מען זיך רעכענען מיט מאַסן־פּראָדוקציע פֿון מאַסן פּראָדוקטאָרן. און דער קאָמוניסט וועט באַגרײַפֿן, אַז אויפֿן גײַסטיקן געביט איז עס נישט בלויז אוממענטשלעך, נאָר אויך אומפּראַקטיש צו צווינגען די קעפּ פֿון אַלע מענטשן אַנצונעמען אונטער איין יאַרמלקע דעם מאַרקסיזם ווי די איינציקע תּורה פֿאַר אַלעמען.

די אַמאָליקע קאַפּיטאַליסטן גופֿא וועלן קומען צו דער איבערצײַ־גונג, אַז עס זײַנען פֿאַראַן נאָך אַנדערע מיני סאָרטן „עולם־הזה", נישט בלויז ווי צו טראָגן דעם טײַערסטן פּעלץ און צו האָבן די פֿינגער באַדעקט מיט בריליאַנטן. דער קאַפּיטאַליסט וועט זיך זאָגן, אַז ער האָט ביז איצט באַצאָלט צו טײַער פֿאַר זײַנע פֿאַרווײַלונגען, ווײַל ער איז געוואָרן זייער שקלאַף און האָט דעריבער געהאַט דעם עול צו פֿירן אַ ביטערן קאַמף פֿון איינעם קעגן אַלע. ער וועט אַפֿילו אויסגעפֿינען, אַז עס איז גוט פֿאַר דעם געזונט צו טאָן אַ רעגלמעסיקע אַרבעט במשך אַ 5—6 שעה טעגלעך.

רעליגיעס. — קיין שום אידעען האָבן נישט אַזוי צוריקגעווירקט אויף די מענטשלעכע אינטערעסן און האַנדלונגען ווי די רעליגיעזע. פֿאַרהאַרטעוועט צו דאָגמעס, צום גלויבן אין איבערנאַטירלעכע דערשײַ־

נונגען, אין נסים ונפלאות, שטייען די אָנגענומענע רעליגיעזע אידעען אין סתירה נישט בלויז מיט דער פּאָזיטיווער וויסנשאַפט, נאָר אַפילו מיט דער טאָג־טעגלעכער דערפאַרונג. דעריבער „דינט גאָט יעדער לויט זײַן שטייגער״ און האַלט די דאָגמעס פון זײַן רעליגיע פאַר אמתן און די דאָגמעס פון אַנדערע רעליגיעס פאַר אַבסורדיטעטן. דער קריסטלעכער טעאָלאָג, דער הייליקער אויגוסטינוס (354—430), זאָל אַפילו האָבן געזאָגט: „איך גלייב דערפאַר, ווײַל דאָס איז אַבסורד״. די דאָזיקע קעגנזײַטיקע אַבסורדיטעטן האָבן אָפּגעקאָסט די מענטשן טײַכן בלוט און מיר, ייִדן, האָבן געהאַט דערפון צו שפּירן דעם גאַנצן טעם. כדי די מענטשן זאָלן זיך דערהייבן צו אַ העכערער מדרגה פון מענטשלעכקייט, דאַרף אויך פאַרשווינדן דער רעליגיעזער אַנטאַגאָניזם. מען דאַרף האָפן, אַז דאָס וועט געשען ווי באַלד דער שלום וועט זײַן געזיכערט און די אַטאָם־ענערגיע וועט ווערן פאַרווענדט פאַר פרידלעכע צוועקן. די נײַע אינדוסטריע וועט פאַרלאַנגען פון יעדן אַרבעטער און פאָלקסמענטש נישט בלויז וויסנשאַפטלעכע קענטענישן, נאָר אויך אַ העכערע אַלגעמיינע בילדונג וועגן דעם פאַרפילפאַכטן אינטערנאַציאָנאַלן פאַרקער און די נײַע פאַרקערס־מיטלען. יעדערער וועט אײַנזען, אַז די דאָגמעס פון זײַן אייגענער רעליגיע זײַנען אויך אַזוי אַבסורד, ווי די דאָגמעס פון די אַנדערע רעליגיעס. די מענטשן פון אַלע רעליגיעס וועלן זײַן איבערצײַגט, אַז גאָט איז נישט קיין קעניג מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ און פאַרלאַנגט אונטערטעניקייט, תעניתים און תפילות. און אויב עס איז יאָ פאַראַן אַ רעליגיעזע שײַכות צווישן גאָט און מענטש, קען די דאָזיקע פאַרבינדונג זיך בלויז אויסדריקן אין דער איינציקער מיצווה, וואָס איז גילטיק פאַר אַלע מענטשן, אין דעם „ואהבת לרעך כמוך״.

אינעם פילאָסאָפישן זינען קען מען האָבן צוויי פאַרשיידענע באַגריפן וועגן דער גאָטהייט. מען קען זיך פאָרשטעלן גאָט ווי טראַנסצענדענט, ד״ה אַ מאַכט, וואָס איז אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, אָבער וואָס האָט זי געשאַפן און פירט אָן מיט איר. דער גלויבן אין אַזאַ גאָט, אַ גלויבן, וואָס איז באַפרײַט פון אַלע סתירהדיקע אַבסורדיטעטן, רופט זיך טעיִזם. צו אים האָבן זיך באַקענט אַזעלכע פילאָסאָפן ווי וואָלטער, זשאַן זשאַק רוסאָ א״אַנד. דער אַנדערער באַגריף איז זיך משער גאָט ווי אימאַ־

נענט, ד״ה אַ מאַכט, וואָס אידענטיפיצירט זיך מיט דער וועלט גופא. דער גלויבן אין אַזאַ גאָט רופט זיך פּאַנטעיזם. צו אים האָבן זיך באַקענט שפּינאָזע, געטע, העגעל א״אַנד. לויט אונדזער מיינונג וועט דער רעלי־גיעזער מענטש פון דער אַטאָם־עפּאָכע זײַן אַ פּאַנטעיִסט, היות אין אַלע זײַנע פאָרשונגען וועט ער גאָרנישט געפינען וואָס זאָל שטיין העכער איבער דער וועלט און אָפּגעזונדערט פון איר. זײַן „גאָטדינסט" וועט באַשטיין, לויטן שפּינאָזישן נוסח, אין דער „ליבע צו פאָרשן גאָט", ד״ה די נאַטור־געזעצן. אין זײַן שטרעבונג צו דערגרונטעווען די סודות פון דער נאַטור און אַרויסגעפינען נײַע נאַטור־געזעצן וועט ער ווערן רײַכלעך באַלוינט, מחמת זײַנע אויסגעפינסן וועלן ווערן אָנגעווענדט פאַרן גליק פון דער מענטשהייט.

דורך דער גינציקער מיטווירקונג פון אַנדערע פאַקטאָרן וועלן די אידעאָלאָגיעס גופא האָבן די טענדענץ זיך צונויפצוגיסן אין אַן איינהייט־לעכער, סתירה־פרײַער, אידעען־אײַנשטעלונג. שוין איצט איז קיין אי־דעאָלאָג נישט צופרידן מיט די האַלבע אמתן. היות ער איז געצווונגען אויסצוהערן אויך זײַנע קעגנער, ווערט ער סקעפּטיש צו זײַנע אייגענע אידעען. און דעריבער שוין זוכט ער איבערצוצײַגן די אַנדערע מיט זײַנע אמתן, ווײַל וואָס מער אָנהענגער ער געווינט, אַלץ זיכערער ווערט ער בײַ זיך אַליין. במילא זוכט יעדער צו אָביעקטיווירן זײַן אמת צו אַ גאַנצן אמת און איז גרייט דערפאַר צו ברענגען קרבנות, ד״ה צו מאַכן אַ פשרה מיט די קעגנערישע אידעאָלאָגיעס. אויב אַמעריקע זוכט צו באַווײַזן, אַז איר פּאָליטיק איז אַ ריכטיקע, וויל זי דערמיט באַווײַזן, אַז איר פּאָליטיק דעקט זיך מיט דעם שטאַנדפּונקט פון ריינער מענטש־לעכקייט און אַז אירע אידעען דאַרפן ווערן אָנערקענט ווי אמתן מצד אַלע מענטשן.

***

זאָל דער וועלט־שלום זײַן געזיכערט און זאָל די מענטשהייט נישט אונטערגיין דורך זעלבסט־פאַרניכטונג, וועט יעדן פאַלס נאָך פיל צײַט פאַרגיין ביז דער אַטאָם וועט אַרויסגעבן זײַן גאַנצע ענערגיע פאַרן אַל־געמיינעם ווילזײַן. נישט פון הײַנט אויף מאָרגן וועט פאַרשווינדן דער

אַנטאַגאַניזם צווישן רעליגיעס, ראַסעס, נאַציעס און קלאַסן. אָבער נישט געקוקט דערויף וועט דער סאָציאַלער אוצר פון אָביעקטיווע אמתן שטענ־דיק האַלטן אין איין וואַקסן אויף קאָסטן פון האַלב־ און טייל־אמתן וואָס נעמען זיך פון דעם אינטערעסן־אַנטאַגאַניזם צווישן די אָפּגעזונדערטע סאָציאַלע גרופּעס. שוין איצט האָט דער יחיד די מעגלעכקייט זיך צו דערנענטערן צום אידעאַל פון אַן אָביעקטיווער אוניווערסאַלער אידעאָ־לאָגיע. ער דאַרף זיך נאָר האַלטן אין דער קריטעריע, אַז פון איין זײַט פירט דער וועג צום אמת איבער דער אָבערגלויבערײַ פון די פּרימיטיווע קלאַנען, שבטים און פעלקער ביז צו דער פּאָזיטיווער וויסנשאַפט, און אַז פון דער אַנדערער זײַט פירט דער וועג פון סתירהדיקע אידעען, וואָס נעמען זיך פון די סאָציאַלע אינטערעסן־אַנטאַגאָניזמען ביז צו דערגרייכן די הסכמה פון דער גאַנצער מענטשהייט. די אידעען, וואָס דער מענטש פּאָרמירט זיך אויס, כדי צו פירן זײַנע פּריוואַטע געשעפטן, זײַנען אַזוי אומזיכער און לופטיק, אַז ער גופא באַטראַכט זיי גאָרנישט פאַר קיין אמתן וואָס זאָלן אים גילטן ווי נאָרמעס פאַר זײַנע ווײַטערדיקע האַנד־לונגען. ער איז מער געניגט צו גלייבן אין אַ גוט צי שלעכט מזל, אין גאָטס הילף אָדער אין מעשה שטן, ווי אין זײַנע שכלדיקע אמתן, כאָטש פּאַקטיש טוט דער מענטש נישט קיין שריט איידער ער באַנוצט נישט זײַן שכל. נאָר אין שײַכות צו זײַנע אייגענע אידעען איז ער דער גרעס־טער סקעפּטיקער, ווײַל אים איז באַוווסט זייער אומבאַשטענדיקייט. הײַנט האַלט ער זיך פאַר אַ גרויסן חכם און מאָרגן איז ער מודה, אַז „ער איז געווען אַ נאַר״. ערשט מיט זײַנע סאָציאַלע אידעען פילט זיך דער מענטש זיכערער, און זיכערער דערפאַר, ווײַל זיי האָבן די הסכמה פון זײַנע מיטמענטשן: די דאָזיקע אידעען האָבן זיך פאַרהאַרטעוועט צו דאָגמעס. איז ער גופא דער גרינדער פון אַ נײַער סאָציאַלער תורה, דאַרף ער ווי אַ גאַראַנטיע האָבן די הסכמה פון אַנדערע מענטשן. און אויב ער גלייבט, אַז ער וועט געפינען פאַר זײַנע אידעען די הסכמה פון דער גאַנצער מענטשהייט, איז ער איבערצײַגט, אַז די גאָטהייט האָט זיי אים אינספּי־רירט. דערצו געהערן די מאָראַלישע נאָרמעס מיטן פּרינציפּ צו רעס־פּעקטירן יעדן מענטש אָן אַן אונטערשייד פון נאַציע אָדער אַנדערער סאָציאַלער גרופּע. אַזוי דערקלערט זיך, אַז די מאָראַל איז געווען פאַר־

בונדן מיט דער געטלעכער אָפּנוואָרקייט און אַז די מאָראַל-לערע, די עטיק, האָט פאַרמירט אַ באַשטאַנדטייל פון דער מעטאַפּיזיק.

פון די אינסטיטוציעס מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער האָט זיכער די רעליגיע — דהיינו דאָס קריסטנטום — געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. נאָר אירע דאָגמעס קאָנטראַסטירן מיט דער פּאָזיטיוועיר וויסנ־שאַפט. פון די מאָדערנע אינסטיטוציעס שטייט אין דער ערשטער ריי דער אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל. נישט געקוקט אויף די קריזיסן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט בשעת די צוויי וועלט־מלחמות, געהערט אים די צוקונפט, היות דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרקער האַלט אין איין וואַקסן און די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס וועלן באַקומען וואָס אַ מאָל מער מאַכט. די אידעע פון קלאַסנקאַמף איז זיכער אַ פאָרשריט צו מענטשלעכקייט אין פאַרגלייַך צו די מלחמות, וואָס ברענגען מיט זיך די נאַציאָנאַלע אַנטאַגאָניזמען. לויטן שטאַנדפּונקט פון דעם קלאַסן־באַוווסטזיניקן אַרבע־טער דאַרף מען דעם נאַציאָנאַליזם אָפּוואַרפן, ווייַל ער אידענטיפיצירט זיך נישט מיט די פּראָלעטאַרישע הויפּט־אינטערעסן. און אין דער היסטאָריע — אָנגעהויבן פון דעם ספּאַרטאַקוס־אויפשטאַנד אינעם אַלטן רוים און געענדיקט מיט דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע — אין דער היסטאָ־ריע געפינען זיך אַ סך פאַקטן, וואָס קענען דינען ווי דערפאַרונגס־מאַטעריאַל פאַר דעם באַפרייַונגס־קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט. די היסטאָרישע פאַקטן זייַנען במילא פאַרן פּראָלעטאַריאַט, ווי אַ קלאַס, אויך אַזוי וויכטיק, ווי די דערפאַרונגען, וואָס עס מאַכט דער יחיד אין זייַן פּריוואַטן לעבן. אין אָט דעם זינען קען די מענטשלעכע היסטאָריע ווערן באַטראַכט ווי אַ באַשטענדיקער קלאַסנקאַמף, ווייַל אַלע געשעע־נישן, וואָס לאָזן זיך נישט צוגעבן צו דער אידעע פון קלאַסנקאַמף, זייַנען, פון דעם פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט, בלויזע צופעליקייטן.

לאָמיר אָבער נישט פאַרגעסן, אַז די אידעע פון קלאַסנקאַמף איז נאָך נישט קיין גאַנצער אמת. אויב נאַציע קען ווערן באַטראַכט ווי אַ היסטאָרישער צופאַל אין פאַרגלייַך צו קלאַס, קען קלאַס ווערן באַטראַכט ווי אַ היסטאָרישער צופאַל אין פאַרגלייַך צו מענטשלעכקייט. אַפילו פאַרן דאָגמאַטישן מאַרקסיסט וואָלט דער קלאַסנקאַמף נישט געהאַט קיין

באַרעכטיקונג, אויב ער וואָלט נישט צוגעפירט צו אַ העכערער מדרגה, צו אַ מענטשהייט אָן קלאַסן, ד״ה צו דער מדרגה פון מענטשלעכקייט.

און אַט אויף אַזאַ מדרגה וועט קומען די מענטשהייט, אויב זי וועט נישט ווערן אויסגעראָטן דורך די מאָדערנע עקספּלאָזיוו־שטאָפן. עס וועלן פאַרשווינדן די אַנטאַגאָניסטישע אינטערעסן פון נאַציעס און קלאַסן און זיי וועלן ווערן פאַרביטן אויף אַלגעמיינע מענטשלעכע אינטערעסן. דורך דעם וועט די היסטאָריע באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים. אַלע אידעאָלאָגישע סתירות וועלן זיך אויסגלײַכן. מען וועט פון זיי אַרויסנעמען גאַנצע אמתן, וואָס וועלן ווערן אָנערקענט פון אַלע שכלדיקע מענטשן. אַוודאי וועט די היסטאָריע קיין מאָל נישט האָבן דעם ווערט פון אַן עקזאַקטער וויסנשאַפט, ווי די אַסטראָנאָמיע אָדער די פיזיק. אָבער דער פאַקט, וואָס זי וועט ווערן פון אַלע מענטשן גלײַך אויסגעטײַטשט, וועט זי דערהייבן צו אַזאַ מדרגה פון אמת, ווי עס איז איצט די ביאָלאָגיע, פון וועלכער זי וועט פאָרמירן דעם סאָציאָלאָגישן המשך. זי וועט דינען פאַר דער אָרגאַניזירטער מענטשהייט ווי אַ דערפאַרונגס־פעלד אויפצובויען די צוקונפט. דער רעזולטאַט פון אַט דעם אויפבוי וועט באַשטעטיקן דעם אמת פון דער היסטאָרישער פאָרשונג. עס זײַנען פאַראַן בלויז צוויי וועגן, וואָס קענען אין דער היסטאָריע פירן צום אָביעקטיוון אמת: אָדער באַטראַכטן די מענטשן ווי אַנווילנדיקע אויטאָמאַטן, און דעמאָלט פאַרוואַנדלט זיך די היסטאָריע אין אַ ווערטלאָזן מעכאַניזם. אָדער אויסשליסן פון איר שטודיע אַלע סתירהדיקע אידעען, וואָס נעמען זיך פון די פאַרטיקולאַרע גרופּע־אינטערעסן. אין דעם לעצטן פאַל באַקומט די היסטאָריע איר פולן ווערט, ווײַל זי עפנט פאַר דער מענטשהייט אַ גליקלעכערע צוקונפט. פאַר די קומענדיקע היסטאָריקער וועלן האָבן אַ באַדײַטונג נאָר אַזעלכע פאַקטן, וועלכע האָבן צוגעפירט די מענטשהייט צו פאַרווירקלעכן דעם וועלט־שלום. אַפילו די פאַרגאַנגענע מלחמות צווישן רעליגיעס און נאַציעס וועלן ווערן אויסגעטײַטשט ווי אַזוי פיל פאַקטאָרן, וואָס האָבן געמוזט מיטווירקן צו דער אויפקומונג פון דער נײַער וועלט; ווי די געבורטסווייען, וואָס די מענטשהייט האָט געמוזט דורכמאַכן, כּדי זיך צו אָרגאַניזירן ווי אַ קאָלעקטיווע איינהייט. דעם קומענדיקן היסטאָריקער וועט עס אויך אַזוי שווער זײַן צו באַפרײַען זיך פון דעם געפיל, אַז די

וועלט ווערט געלייט פון אַ העכערער מאַכט צו אַ באַשטימטן, פאַר אונדז אומבאַקאַנטן צוועק, ווי עס איז איצט שווער זיך צו באַפרייען פון אַזאַ געפיל דעם נאַטור־היסטאָריקער בשעת ער שטודירט די צוועקמעסיקע אײַנריכטונג פון יעדן חיהשן אָרגאַניזם.

היות אין דער קומענדיקער מענטשהייט וועט הערשן אי דער סאָציאַלער יושר, אי דער סתירה־פרײַער סאָציאַלער אמת, אי די העכסטע עסטעטיק פון האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן, וועלן די דעמאָלטיקע פילאָסאָפן־מיסטיקער קענען זאָגן, אַז עס איז רעאַליזירט געוואָרן דער געדאַנק פון דעם פסוק אין בראשית: „בצלם אלהים ברא אותו“. זיי וועלן קענען זאָגן, אַז די מענטשהייט האָט פאַרווירקלעכט איר אייגענע גאָטהייט, וואָס אירע דרײַ אַטריבוטן — לויט פלאַטאָנען — זײַנען: שיינקייט, גערעכטיקייט און אמתדיקייט.

ס ו ף

צוגאב

# מײַן לעבנסלויף

# מײַן לעבנסלויף

ווען איך בין שוין געווען אַ קינד פון אַרום פיר יאָר, האָבן מיר געוווינט אין אַ דאָרף. די פּויערים האָבן מיך גענומען אויף די קני און געזאָגט, אַז איך וועל זײַן אַ „רב" און אַז מײַן עלטערער ברודער וועט זײַן אַ „קופּיעץ" [סוחר]. אַ רב בין איך נישט געוואָרן, אָבער דעם רב־כאַראַקטער טראָג איך מיט זיך: אַן אָפּנייג קעגן אַן „עולם־הזה", וואָס איז אויפגעבויט אויף אָפּנאַרערײַ און פּראָפיט. דערנאָך זײַנען מיר צוריק אין מײַן געבורטשטעטל בלאַשקי. איך געדענק נאָך ווי הײַנט, אַז, גייענדיק אין חדר, האָב איך שטאָלצירט וואָס איך בין געווען 5 יאָר אַלט. דרײַ יאָר שפּעטער האָב איך שוין געקענט די גאָטיש־דײַטשע אותיות און אין אַ דײַטשן קינדערביכל האָב איך געלייענט אָט אַ די ווערטער: „איך בין אַכט יאָרע אַלט". אין די דרײַ יאָר האָב איך נישט ווייניק געלערנט. אין רעכענען בין איך געווען אַ „ווונדערקינד". מען האָט מיך געטראָגן אויף די אַקסלען און געהייסן כפלען דרײַציפערדיקע צאָלן, און איך האָב עס געמאַכט שנעלער פון קאָפּ ווי די גרויסע מיטן בלײַ.

בײַ אונדז איז געווען אַ שאַנק אָנגעפּאַקט מיט ספרים. פאַר מײַן באַדערפעניש האָב איך אַרויסגעפונען: „צפנת פענח", „יוסיפון", „משלי שועלים", די מעשיות פון נחמן בראָסלאַווער און אַ יידיש רעכנביכל. אַ צוויי יאָר שפּעטער: די געשיכטע פון עלילת־דם, בריוו פון מנשה בן ישראל, „ספר הברית" און „עתים לבינה". דערלעבן זײַנען אויך געווען „ספר רזיאל המלאך" און „ספר יצירה". — אַ געוויסע צײַט האָב איך ווי אַ וואָרזאָגער „פאָרויסגעזאָגט" די פרויען אויב זיי וועלן האָבן אַ יינגל אָדער אַ מיידל.

איך בין דעמאָלט געווען אַן ערך אַלט אַ 6 יאָר, ווען מײַן טאַטע דער מלמד האָט מיר אויסגעטײַטשט פרשה בראשית. אויף מײַן פראַגע: וואָס איז געווען פריִער, פאַר דער וועלט־באַשאַפונג, האָט ער מיר גע־

ענטפֿערט, אַז פֿריִער האָט די צײַט נישט עקסיסטירט, ווײַל אין איינעם מיט שמים וארץ איז באַשאַפֿן געוואָרן די צײַט. דערפֿון דרינג איך, אַז אין מײַן טאַטן האָט שוין געשטעקט אַ פּיטשינקעלע „אײַנשטיין״ נאָך פּאָר אײַנשטיינען. אויף מיר האָט די מאַמע געזאָגט, אַז איך בין „פֿון דער שאָפּל אַרונטער״, ד״ה, אַז איך בין נישט גלײַך צו אירע אַנדערע קינדער. און טאַקע: ווער נאָך, ווי איך, האָט געהאַט אַזאַ הנאה נאָכצו־דערציילן די מעשיות פֿון חומש און שפּעטער פֿון „טויזנט און איין נאַכט״! — איז געקומען יום־כיפּור, האָב איך ליבן טאַטן, און אונטער זײַן טלית, מיטגעפּילט דעם „אָדם יסודו מעפר וסופו לעפר״. און סוכות, בײַם לייע־נען קהלת — די רעאַליטעט פֿון „הכל הבל״.

ווען מיר האָבן געוווינט אין קאַליש בין איך שוין געווען אַ 14־16 יעריק בית־מדרש־בחורל. אין דער גמרא האָב איך אויפגעזוכט די אַגדות. כ׳האָב אויסגעפֿונען דעם רמבמס אַ הקדמה און דעם אַברבנאַלס הקדמה צו זײַן פּירוש, וכדומה. די משכילים פֿון דער שטאָט האָבן אין מיר דערשפּירט דעם אַפּיקורס און מיר אויסגעבאָרגט קלמן שולמאַנס, מאַפּוס און סמאָלענסקינס דערציילונגען און אויך ביכלעך איבער מאָ־דערנע קאָסמאָלאָגיע. נישט ווּנדערליך נאָך, אַז עס עקסיסטירט אַ ביבל־קריטיק, בין איך געוואָרן ביבל־קריטיקער. בחורימלעך אַרום מיר האָב איך אויסגעטײַטשט שיר השירים מיט „פּראָסטן פּשט״. פֿאַר די עלטערע בחורים איז דאָס געווען אַ סקאַנדאַל, און נאָך אַ געשלעג האָט מען אונדז אַרויסגעוואָרפֿן פֿון בית־המדרש און מיך באַטיטלט מיט „ישו הנוצרי״.

מיר האָבן זיך באַזעצט אינעם ציוניסטישן לאָקאַל. און דאָ האָט זיך פֿאַר מיר אַנטפּלעקט די השכלה אין פֿולער פּראַכט: אחד־העם, יוסף קלויזנער, מ. י. בערדיטשעווסקי און גאָר באַזונדערש אין העברעיִשער איבערזעצונג די יידישע געשיכטע פֿון גרעץ. די גימנאַזיסטן האָבן מיך גענומען אין דער אַרבעט און מיר געגעבן לעקציעס פֿון פּראָפֿאַנע שפּראַכן און אַנדערע שול־לימודים. — בײַ זיי האָב איך אָפּט באַגעגנט דעם שפּעטערדיקן פּראָפֿעסאָר ליבמאַן הערש. אַ 50 יאָר שפּעטער, 1947 אָדער 1948, אין פּאַריז, נאָך זײַנעם אַ רעפֿעראַט, נעם איך אויך אַ וואָרט. פֿאַרן אַוועקגיין טרעט איך צו, אים צו באַגריסן. „איר זענט שאַטאַן״, זאָגט ער צו מיר. „אין דער שטימע האָב איך אײַך דערקענט״.

איך האָב שוין געלייענט פּויליש און רוסיש, כאָטש איך האָבביידע שפּראַכן קיין מאָל נישט אין גאַנצן באַהערשט. גאָרקיס ווערק האָבן מיך שטאַרק פּאַרכאַפּט דערפאַר, ווײַל זײַנע העלדן זײַנען נישט קיין מלאָכים, נאָר ווי איך — געקנאָטן פון בשר ודם. אָבער פרײַ פון ראָמאַנטיק בין איך נישט געווען. אַ באַווײַז: מײַן באַגײַסטערונג פאַר לערמאָנטאָוון. זײַן „דער העלד פון אונדזער צײַט" האָב איך געלייענט אין דער שמעקנדיקער שבועות־לופט אויפן ברעג פונעם קאַלישער טײַך.

דער גימנאַזיסט פ., וואָס איז מיר געוואָרן אַ פרײַנד, איז געפאָרן קיין בערלין שטודירן פּאָליטישע עקאָנאָמיע. באַלד האָט ער אויך מיך אַריבערגענומען אינעם לאַנד פון דײַטשער קולטור. יעצט לערן איך פלײַסיק לאַטײַניש, שטודיר די דײַטשע קלאַסיקער און גרייט זיך צו פאַר דער אוניווערסיטעט. אינטערעסאַנטער געפין איך די מאָדערנע ליטעראַטור, ווי זודערמאַן, הויפּטמאַן און — אין דײַטשער איבערזעצונג — איבסען און ביערנסאָן. — שטירנערס „דער איינציקער און זײַן אייגנטום" עפנט מיר די אויגן צו זען די וועלט אין אַ נײַעם ליכט: אַוועק אַלע פראַזעס! אַרויסגייענדיק פונעם רעאַלסטן עגאָ לאָזן זיך לייזן אַלע סאָציאַלע פּראָבלעמען. — אַזוי ווי ניטשע איז דעמאָלט געווען אויף דעם סדר־היום, האָב איך געזוכט אים צו פאַרשטיין און זיך באַגײַסטערט פאַר זײַן פּאָעטישן סטיל. דערבײַ האָב איך די העברעיִשע השכלה נאָך נישט פאַרגעסן. — עטלעכע חדשים בין איך געווען סעקרעטאַר בײַ ראובן ברײַנין. ער האָט מיר דיקטירט זײַנע העברעיִשע אַרטיקלען. מיט זײַן פרוי האָט ער גערעדט רוסיש און מיט זײַנע קינדער — דײַטש. אָבער אויף אונדזערע אָוונטן האָט ער געהאַלטן זײַנע רעפעראַטן אין העברעיִש. ער גופא האָט געזאָגט וועגן זיך, אַז ער איז נישט קיין ציוניסט. איך בין עס אַוודאי יאָ געווען, אָבער פון מײַן ציוניזם איז מיר גאָרנישט געבליבן אין זכרון, ווײַל נאָר אָקטן בלײַבן אין זכרון, אָבער נישט קיין „פּלאַטאָנישע ליבעס". און מײַנע אָקטן זײַנען דעמאָלט באַשטאַנען אין לערנען לאַטײַניש און אײַנשטודירן לעסינג, געטע און שילער.

בכלל בין איך שוין אין מײַנע יינגסטע יאָרן געווען קאָסמאָפּאָליטיש. נאָך אין קאַליש האָט זיך מיר געבענקט זיך צו חברן מיט אַ קריסט־

לעד יינגל פון מײַן עלטער. בײַ די גימנאַזיסטן האָב איך געהאַט די געלעגנהייט דערצו, ווײַל ווי אַ שותף צו די לעקציעס האָט זיך באַטייליקט אַ קליינער פּאָליאַק. אין בערלין האָב איך געהאַט געלעגנהייטן צו באַקענען זיך מיט דײַטשע חברים דורך מײַן פרײַנד פּ., וואָס איז צוגעשטאַנען צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. בשעת מײַנע אוניווערסיטעטס־יאָרן בין איך געווען אין חברשער באַציִונג מיט סטודענטן פּאָליאַקן, שפּעטער מיט שווייצער, מיט האָלענדער, מיט פראַנצויזן, מיט אַ יאַפּאַנער, מיט אַ כינעזער. מיט אַ „שוואַרצן" האָב איך, צו מײַן באַדויערן, נישט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך צו חברן. איך האָב אויסגעפונען, אַז אַלע קולטיווירטע מענטשן זײַנען אין זייער באַנעם נאַציאָנאַל נישט צום אונטערשיידן. עס האָט מיר געגרילצט און עס גרילצט מיר אין די אויערן, ווען איך הער ווערטער ווי „גוי", „שייגעץ" און „שיקסע".

אפשר דערפֿאַר, ווײַל איך בין קינדווײַז געווען אַ שעמעוודיקער, יעדן פֿאַלס קוק איך קיין מאָל נישט אויף אַן אַנדערן מענטשן פון „אויבן אַראָפּ", נאָר פון „אונטן אַרויף". אָבער ווען ער ווערט מײַן פרײַנד — קוק איך אויף אים ווי אויף מײַן גלײַכן, אַלץ איינס צי ער איז אַ ייִד אָדער נישט, צי ער איז אַ מאַן אָדער אַ פרוי. — נאָך עפּעס: דער אויגנבליק האָט מיך תמיד אַזוי פֿאַרכאַפּט, אַז איך האָב קיין מאָל נישט געקלערט וועגן אַ „תכלית". און דעריבער בין איך אויך געבליבן אַן אַלטער בחור.

אָפּיציעלע אַקטן רופן אַרויס אין מיר אַן אימה און צערעמאָניעס לאַנגווײַליקן מיך ביז גאָר. — איך האָב געהאַט 2־3 פרײַנדינס. וואָלט מײַן לאַגע געווען אַ זיכערע, וואָלט איינע פון זיי געבליבן מײַן לעבנס־באַגלייטערין. אַזוי אָבער (לאָמיר נישט פאַרגעסן די צוויי וועלט־מלחמות!), ווען עמעץ פון אונדז ביידע איז אַוועק אין אַן אַנדער לאַנד, איז דאָס געווען אונדזער „גט".

קעגן 1907 האָב איך זיך פֿאַרשריבן אין דער זשענעווער אוניווערסיטעט צו שטודירן כעמיע. פאַר וואָס כעמיע? נישט לשם תכלית, נאָר לשם פילאָסאָפיע: צו דערנענטערן זיך שכלדיק צו דעם יסוד פון אַלץ וואָס דערשײַנט, אָדער ווי קאַנט רופט דאָס: „דאָס דינג אַן זיך". הײַנט „ווייסט" מען שוין, אַז דער „אַטאָם" איז נישט קיין אַטאָם, נאָר אַ געבײַדע מיט אַלערליי נוקלעאָנען, דערשײַנונגען, וואָס מיר דערקענען אַ

מאָל ווי „מאַסע" און אַ מאָל ווי „ענערגיע". אויב די כעמיע האָט מיך פילאָסאָפיש נישט אין גאַנצן באַפרידיקט, האָט זי אָבער יאָ געהאַט אַ תּכלית: פון איר האָב איך געלעבט פון 1912 ביז 1920. במשך אָט די יאָרן האָב איך געאַרבעט אין אַ ציריכער לאַבאָראַטאָריע.

מײַנע יונגע יאָרן האָב איך געגאַסן אין זשענעווע. אויב איך האָלט נישט פון אַן „עולם הזה" וואָס איז געבויט אויף שקר און פּראָפיט, האָלט איך אָבער שטאַרק פון תּענוג עולם הזה. נאַטור און קולטור האָבן זיך קאָנספּירירט צו מאַכן מיר דאָס לעבן אָנגענעם. אויף זומער־וואַקאַציעס איז מײַן פרײַנד פּ. געקומען צו פאָרן פון דײַטשלאַנד און צוזאַמען מיט נאָך פרײַנד האָבן מיר אַ צוויי חדשים באַלעבט די שווייצער בערג. בעת אַ שלעכט וועטער האָט מען זיך פאַרגעלייענט הײַנעס ווערק.

אין זשענעווע האָב איך זיך באַקענט מיט סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען. ווען עס איז אין יאָר 1909 געווען די דעמאָנסטראַציע קעגן דער דערמאָרדונג פון פראַנסיסקאָ פערערער, בין איך מיטגעלאָפן. דאָס איי־גענע אויך ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אויסליפערן אַ געוויסן רוסישן רעוואָלוציאָנער (וואַסיליעוו האָט ער געהייסן) אין די צאַריסטישע הענט. אינעם „מעזאָן די פּעפּל" האָב איך געהערט רעדן דעם אַנאַר־כיסט בערטאָני. פראַנצויזישע קאָמונאַרן, וואָס האָבן נישט געוואָלט אָדער נישט געקענט צוריקקערן קיין פראַנקרײַך, האָבן געצויגן זייער חיונה דורך אויפטרעטן ווי פאָלקסזינגער אָדער רעציטאַטאָרן אין די קאַפעס און בירהאַלעס. — און אַזוי האָבן זיך צו מײַן דעמאָלסטיקער פילאָסאָפיש־מאַטעריאַליסטישער וועלט־אָנשויונג ביסלעכווײַז צוגעהאָ־טשעט קאָסמאָפּאָליטיש־סאָציאַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן געזוכט אַ פעסטערן אידעאָלאָגישן יסוד.

נאָך דעם ווי איך האָב אין דער זשענעווער אוניווערסיטעט געענ־דיקט די כעמיע מיטן דאָקטאָר־טיטל, בין איך ווי אַ כעמיקער געוואָרן אין ציריך אַ „האַרעפּאַשניק". מײַן פרײַע צײַט האָב איך זיך גענומען אויסצופילן מיט מאַרקסן, ענגעלסן און זייערע אויסטײַטשער. איך בין בלב ונפש פאַרן אידעאַל, אָבער עס ווילן מיר נישט אַרײַן אין קאָפּ זייערע פּרינציפּן, ווי דיאַלעקטיק, געשיכטע ווי אַ בלויזער קלאַסנקאַמף און היסטאָרישע נויטווענדיקייט פאַרבונדן מיט „געבורטסהילף". נאָענ־

טער איז מיר דער שווייצער פרײַדענקער־פאַראיין, אין וועלכן איך בין געוואָרן אַ מיטגליד. אין זייער אָרגאַן פּאַרעפנטלעך איך מײַנע ערשטע אַרטיקלען און איך קום אין אידעען־קאָנפליקט מיט אַזעלכע באַרימט־קייטן ווי ערנסט העקעל און אויגוסט פאָרעל, וואָס לאָזן אַרויס אַ מאַני־פעסט מיט נײַנע אַני־מאַמינס, אַ מאַניפעסט מיט אַזאַ אָנהייב: איך גלייב אין אַ העכערער קאָסמישער קראַפט וואָס... וועלכע... אאַז״וו.

1914. — נאָך דעם קריגסאויסבראָך פּילט זיך אָן ציריך מיט פּליטים. אויך מײַן פרײַנד פּ. באַזעצט זיך אין ציריך. אין דײַטשלאַנד האָט ער אָנגעהאַלטן פרײַנדלעכע באַציִונגען מיט ליבקנעכטן, ראָזע לוק־סעמבורגן, ראַדעקן און אַנדערע. ער האָט כמעט פאַרלוירן זײַן זעקראַפט און אָפט דיקטירט ער מיר זײַנע אַרטיקלען פאַר פּויליש־סאָציאַליסטישע צײַטשריפטן. ווען איך דיסקוטיר מיט אים, באַצייכנט ער מיך האַלב איראָניש ווי אַן „אַנאַרכיסט״. דורך אים באַקען איך זיך מיט רוסישע פּליטים, וואָס האָבן שפּעטער געשפּילט געוויסע ראָלעס אין דער רוסי־שער רעוואָלוציע.

איך קום אויף אַ רוסישן באַל. מיר ביידע, איך און מײַן פרײַנדין, די טאָכטער פון אַ רעוואָלוציאָנער, טרעפן נאָך דעם זאַל ליידיק. עטלעכע מינוט שפּעטער קומט אַרײַן איינער און זעצט זיך אַ פּיר בענק הינטער אונדז. „דאָס איז לענין״ — רוימט מיר אײַן אין אויער מײַן פרײַנדין. עס געדויערט נאָך לאַנג ביז דער זאַל הייבט זיך אָן אָנצופילן. — אין עטלעכע חדשים אַרום ווערט געמאָלדן לענינס אַ רעפעראַט. מײַן פרײַנד פּ. וואָס איז שפּעטער צוגעשטאַנען צום אינטערנאַציאָנאַל „צוויי און אַ האַלב״, וויל אויפטרעטן ווי אַן אָפּאָנענט, און איך באַגלייט אים. צוליב דער מלחמה האָבן אַלע עפנטלעכע לאָקאַלן אין ציריך זיך געמוזט שליסן צוועלף אַזייגער בײַ נאַכט. לענין רעדט אַזוי לאַנג ביז דער זייגער שלאָגט אויס צוועלף. „דאָס איז דער קומענדיקער דיקטאַטאָר״, — זאָגט נביאות מײַן פרײַנד. — „לענינס לאַנגע רעדע איז געווען בכיוון אַזוי, כדי קיין אָפּאָנענט זאָל נישט קומען צום וואָרט״.

די רעוואָלוציע ברעכט אויס און די רוסישע פּליטים גרייטן זיך צו פאָרן מיט לענינס צוג דורך דײַטשלאַנד, זיך צו באַטייליקן אין איר. איך זאָג זיך אָפּ. נישט לשם פּרינציפּ, נאָר ווײַל מיר איז געבליבן אין

זכרון וואָס איך האָב ייִנגלווײַז געהאַט אויסצושטיין אין פוילן פון די פראָסט־געשווילעכצן. (איך בין דאָס שוין געווען אַן עולם־הזהניק!...). — איך שליס זיך אָן אין ברופבאַכערס *) קלוב, פון וועלכן דאָס רוב מיט־גלידער האָבן זיך באַצייכנט פאַר אַנאַרכיסטן. מחמת איך האָב געהאַט סימפּאַטיע אי פאַר זייער פרײַנדלעכן באַנעם אי פאַר זייער פרײַען אידעען־צוגאַנג — אידענטיפיציר איך מיך מיט זיי אויך אידעאָלאָגיש. איך נעם זיך צו שטודירן די אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור און דער נאָמען רודאָלף ראָקער ווערט מיר שוין דעמאָלט באַקאַנט ווי אַ דײַטשער אַנאַר־כיסט. מיר ווערן אַלע באַגײַסטערט פון דער לענין־טראָצקי־רעוואָלוציע. אָבער ווען עס קומט אויף די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און צוויי יונגע קאָ־מוניסטן דרינגען אַרײַן אין אונדזער קלוב (ברופבאַכער איז דעמאָלט געווען אין טרויער און האָט זיך צוריקגעהאַלטן פון דער אָנפירונג) און זיי באַטויבן אונדז מיט זייער געשריי, בלײַבן מיר אָן לשון...

צוליב דעם וועלטקריזיס פאַרליר איך מײַן כעמיקער־פּאָסטן. איך פאָר קיין פוילן, וואָס איז איצט געווען אַ זעלבשטענדיקע רעפּובליק. די פּאָליטישע ענדערונגען איבערראַשן מיך. און נאָך אַן איבערראַשונג: עס איז געקומען פון וואַרשע קיין קאַליש אַ פוילישער פרײַדענקער צו האַלטן אַ רעפעראַט פאַר אונדז. ווי אַן „אַלטער פרײַדענקער" האָב איך דאָרט נישט געטאָרט פעלן. נאָר קוים האָט דער רעפערענט אָנגעהויבן צו רעדן, עפנט זיך פלוצלינג די טיר און עס קומען אַרײַן אַ גלח און זײַנער אַ משרת מיט אַ שטעקן אין דער האַנט און זיי דערקלערן די פאַרזאַמלונג פאַר אויפגעלייזט. אויס דרך־ארץ צו „גאָטס שטעקן" זײַנען מיר, פרײַ־דענקער, זיך אַלע צעלאָפן. אַזוי האָט אויסגעזען די „פרײַהייט" פון דער נײַער רעפּובליק...

די ייִדישע באַפעלקערונג אין פוילן לעבט אין אַן אומבאַשרײַבלע־כער נויט. די נשמה דערהאַלט מען בלויז מיט... קולטור. פּופּצניעריקע מיידלעך לייענען ניטשען, ראַבינדראַנאַט טאַגאָרען; און דער נײַסטער

*) ד״ר פריץ ברופבאַכער, דער מחבר פון מאַרקס און באַקונין. — פ. ברופבאַכער: מאַרקס און באַקונין, בייטראַג צו דער געשיכטע פון דער אינ־טערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אַסאָציאַציע. יידיש: ה. מענעס־פריינד. פאַרלאַג „דאָס בוך", וואַרשע, 1933; 280 זז׳.

ראָמאַן פון האַנס הײַנץ עווערס, „אַלרוינע״, גייט פון האַנט צו האַנט... — אין מײַנע רעפּעראַטן אי בײַ די פּועלי־ציון אי בײַ די בונדיסטן (די קאָמוניסטן זײַנען געווען אומלעגאַל) טרעט איך אויף ווי אַן אַנאַרכיסט. — געבליבן בין איך דאָרט איבער אַ יאָר (1921־1922). אַזוי ווי פון מײַנע „מיליאָנען״ וועט באַלד נישט בלײַבן אויף רײַזע־הוצאות, כאַפּ איך זיך אויף און פאָר קיין פראַנקרײַך.

אין פּאַריז לעב איך פון לעקציעס פאַר די נײַ־אָנגעקומענע און רע־פּעטיציעס פאַר זייערע שולקינדער. אַזוי אַז מײַנע אָוונטן זײַנען פאַר־נומען, און איך קום כמעט נישט אויף קיין יידישע קולטור־אָוונטן. איך בין טעטיק בלויז גײַסטיק און אַרבעט מיט אײנעם אָרגאַן („אידעי ליבר״) פון די פראַנצויזישע פרײַדענקער, וואָס שטייען אין נאָענטער באַציִונג צו די אַנאַרכיסטישע קרײַזן. ערשט אין 1938, און אויפן פאָרשלאַג פון מײַן פרײַנד יח. קאָרנהענדלער, האַלט איך אַ צווייַ רעפעראַטן אין דער יידיש־אַנאַרכיסטישער גרופּע. — נאָך פראַנקרײַכס באַפרײַונג פון דער נאַצי־אינוואַזיע פאַרבינד איך ווידער אַ קאָנטאַקט מיט דער גרופּע. זינט 1949 בין איך מיטאַרבעטער פון „פרײַער געדאַנק״; פריִער האָב איך שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט עטלעכע אַרטיקלען אין דער „פרײַער אַרבעטער־שטימע״.

מאַך איך איצט אַ סך־הכל, דעפיניר איך זיך אידעאָלאָגיש ווי אַ קאָס־מאָפּאָליטיש־אײַנגעשטעלטער פרײַדענקער, וואָס געפינט זײַן גײַסטיקע באַפרידיקונג אין פאַרשפרייטן פרײַהייטלעך־סאָציאַליסטישע אידעען.

**ד״ר ח. שאַטאָן**

## דער פאַרלאַג „דוד עדעלשטאַט" האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן:

1) דוד עדעלשטאַט: לידער (צום 50סטן יאָרצײַט), 1943.

2) קראָפּאָטקין־זאַמלבוך, אונטער דער רעדאַקציע פון יעקב סיגאַל, 1947.

3) אַ. י. זאַקוסקי: דוד עדעלשטאַט און עטלעכע זײַנע פאָרגייער, 1955.

4) אונדזערע מעמאָראַנדומס (שפּאַניש), 1959.
NUESTROS MEMORANDUM'S sobre asuntos humanitarios, 1959.

(אַ זאַמלונג מעמאָראַנדומס, וואָס דער פאַרלאַג „דוד עדעלשטאַט" האָט צוגעשטעלט צו קאָנגרעסן פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אַסאָציאַציע" .A. I. T, פון דער „אַרגענטינער רעגיאָנעלער אַרבעטער־פעדעראַציע" פאָראַ און פון דער „בוענאָס־איירעסער לאָקאַלער אַרבע־טער־פעדעראַציע" וועגן אַנטיסעמיטיזם, יידן־אויסראָט, ראַסנהאַס, מלחמה און דעם קיבוץ־לעבן אין ישראל).

5) ד"ר ה. שאָטאַן: פילאָסאָפישע און אידעאָלאָגישע סתירות, 1959.

## עס ווערט געגרייט צום דרוק:

6) אַ בראָשור, אין שפּאַניש, איבער אַן אַקטועלער טעמע:
FUTURUS: La discriminación racial y los medios de solucionar la cuestión social.

7) אַ בוך וועגן דוד עדעלשטאַט אין שפּאַניש:
A JOEL ZACUSKY: Recordando a un poeta

8) אַן אַנטאָלאָגיע פון פרײַהייטלעכן געדאַנק בײַ יידן;

9) ראָדאָלפאָ גאָנסאַלעס פּאַטשעקאָ: פּלאַקאַטן
איבערגעזעצט פון אַ. י. זאַקוסקי.

10) באַקונין־זאַמלבוך.

ESTE
LIBRO SE
HA TERMINA-
DO DE IMPRIMIR
EL DIA 30 DE JUNIO
DE 1959 EN LOS TALLERES
GRAF. "ZLOTOPIORO HNOS.",
SAN LUIS 3149 - BUENOS AIRES